STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11487

AYNZAMLUNG

Arie Shamri

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי / אײַנזאַמלונג

אריה שמרי

אײַנזאַמלונג

עסייען,
אָפּהאנדלונגען,
רעדעס

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ"ג — 1982

אריה שמרי

כנס

מסות, ביקורות, נאומים

ליקט והביא לבית הדפוס, מעזבונו של א. שמרי — **י. צ. שרגל**

אריה שמרי

אײַנזאַמלונג

עסייען, אָפּהאַנדלונגען, רעדעס

צונויפגעשטעלט פון א. שמריס עזבון — **יעקב צבי שאַרגעל**

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג אין ישראל
תל־אביב, רחוב איתמר בן־אבי 4
Publishing House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

Printed in Israel, 1982 — נדפס בישראל, תשמ"ג

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טלפון 332062

אונדזער אָנערקענונג און דאַנק

די פאָנדן:

קרן תל־אביב לספרות ואמנות ע״ש י. רבינוביץ,
א. פינעס־פאָנד פאַר ליטעראַטור און קולטור אין תל־אביב,

און די פריינד:

סאָניע און בצלאל קאַסטנער, תל-אביב (אין אָנדענק פון אבוש ווערבער ז״ל), לילי און יוסף ראָזנפעלד פון אַנטווערפּן און בנימין טעלער, תל־אביב, פאַר זייער בײַשטײַער צום אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

די אַרויסגעבערס

מיט דער איינזאַמלונג

— אריה שמרין אַ זכרון־ליכט

אריה שמרי, דער מקורותדיקער טיף־דענקענדיקער פּאָעט אין אונדזער שרײַבער־משפּחה, האָט זיך אַרויסגעבוֹלט נישט נאָר מיט די אָריגינעלע פּאָעטישע ווערק זײַנע, נאָר אויך בעתן אויפנעמען בעל־פּה אַ שרײַבער־גאַסט, אַ געקומענער צו אונדז פון מרחקים, צי בשעתן אויפטרעטן אויף ליטעראַרישע אימפּרעזעס, ווו ס'איז געיומטובט געוואָרן אַ יום־טוב פון אַ באַדײַטנדיקן היגן שרײַבער — אַ פּרעמיע־צוטיילונג, אַ געבוירן־טאָג, אַ געבורט פון אַ נײַ בוך — אָדער, להבדיל בין החיים והמות, בײַם מספּיד זײַן אַן אַוועקגעגאַנגענע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט. אין אַלע די פאַלן איז זײַן וואָרט געווען קוראַנט, רײַך מיט תוכן און — אַנדערש.

אַנדערש — מחמת זײַן טבע צו זײַן אַנדערש, מחמת זײַן נאַטירלעכער פּאָעטישער אַנדערשקייט.

זאָלן מיר זאָגן, אַז דאָס לעבן אין קיבוץ האָט דאָס גורם געווען? — דאָס איז טאַקע זייער מעגלעך. וואָרעם אַז אַ מענטש, און אַ שאַפערישער דערצו, לעבט אין אַן אַנדערער גײַסט־ספערע, ווי אין דער וועלכע זײַן אויפגאַב דיקטירט אים, אין אַן אַנדערער שפּראַך־אַטמאָספערע, ווי אין דער אין וועלכער ער חלומט און שאַפט, און זײַן אידעיִש דענקען ווידער, איז אין גרעסטן רוב אַנדערש ווי פון זײַנע שרײַבער־קאָלעגן, מיט וועמען עס בינדט אים דער שאַפונג־פּראָצעס און זײַן קלימאַט — איז קיין חידוש נישט, אַז זײַן גאַנג צו **אַנדערש** ווערט וואָס־אַ־מאָל מער פעסטער,

זיכערער און דערוועגטער אינעם צוזאַמענגיי מיט זײַן כּסדר זיך־אַנטוויקלענדיקן טאַלאַנט.

ווער עס געדענקט דעם פּאָעט אריה שמריס מקבל־פּנים־רייד, צי אָפּשאַץ־רייד, צי, ל״ע, אָפּשייד־רייד, געדענקט אַוודאי די אומגעהייערע ווירקונג זייערע, געדענקט זיכער די רגעס פון גײַס־טיקער עליה, פון שטײַגן און מיטשוועבן מיטן דערהייבנדיקן כּוח פון דעם געלײַטערטן וואָרט זײַנעם, דאָס פּאָעטיש־דענקענדיקע.

אמת, אריה שמרי האָט אויך געקאָנט זײַן אַ מוכיח בשער, אַ שטראָפּער און מאָנער, און נישט נאָר אַ שיין־רעדער. און דאָס זעט זיך בולט אָן אין זײַן ליד, אין זײַן פּאָעמע, בעיקר אין דער אומפּאָרגלײַכלעכער פּאָעמע „אַ גאַסט אין מײַן נחלה״, וווּ ער איז וווּנדערלעך מוכיח זײַן אייגענעם קיבוץ. איז ער דאָס אָבער געווען קודם כּל כּלפּי זיך אַליין. און אַז ער האָט פון אַ שרײַבער געפּאָדערט און געמאָנט, איז עס געווען צוליב זײַן גרויסער ליבע צום ייִדישן וואָרט, צו דער ייִדישער ליטעראַטור, צו וועלכער ער איז געווען פּאַרקנסט העכער 40 יאָר.

פון קיבוץ עין שמר איז געגאַנגען זײַן וואָרט. פון דאָרטן אויס, מיט חסידיש־קיבוצישע סענטענצן, האָט זײַן וואָרט — אין ליד, אין מאמר ווי אין רעדע — געמוטיקט און געטרייסט, אויפגערו־דערט און צעשטורעמט געמיטער פון לייענערס, צוהערערס און קריטיקערס. וועט דערויבער קומען אָט די אײַנזאַמלונג און דער־גאַנצן, און צוגעבן שײַן און חן זײַנע אַלע ווערק, וווּ תיקון־מענטש און תיקון־ייִד איז זייער חותם, זייער עיקר.

*

אַז אריה שמרי איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אומגע־ריכט, באַווײַזט אונדז דער איבערבלײַב זײַנער: זײַן עסייען־און מאמרים־פּאַרמעג, פון וועלכן אַ קליינער טייל בלויז האָט דערזען די ליכטיקע שײַן פּאַר זײַן לעבן און אַ גאָר קליינער טייל דערפון איז געפונען געוואָרן צוגעגרייט דורכן מחבר צום דרוק. די איבער־געגעבנקייט און געטרײַקייט פון זײַן פּרוי **מרים**, תבל״א, און פון

זייערע קינדער, נ״י, צו דעם פון אַלעמען אָנערקענטן מאַן און פאָטער זייערן, האָבן גורם געווען זיי זאָלן אַלץ אָפּהיטן ווי הייליקע קמיעות צונויפנעמען און איבערגעבן דעם פאַרלאַג.

קומט אין דעם איצטיקן געזאַמל אַריין בלויז אַ טייל דערפון — דער חשובסטער, דער וויכטיקסטער — און באַווייזט, אַז דער דיכטער אריה שמרי האָט זיך נישט אָפּגעשלאָסן פונעם אַרום, האָט זיך נישט פאַרשלאָסן אין אַן אויסגעפּאַנטאַזירטן טורעם פון העלפאַנטביין, נײַערט געלעבט און מיטגעלעבט מיט זײַן דור אין ליידן און אין פריידן, און האָט עס אויסגעדריקט, נישט נאָר אין ליד, נאָר אויך אין פּראָזע, אויף וועלכער עס רוט די שכינה פון זײַן דיכטונג.

דער פאַרלאַג „ישראל־בוך״ וואָס אריה שמרי איז געווען פון זײַנע גרינדערס און זײַן איבערגעגעבענער רעדאַקטער, פון זינט דער גרינדונג ביז זײַן פּטירה, גיט אַרויס אָט דאָס געזאַמל בדחילו ורחימו — מיט געפיל פון טיפן צער אויף זײַן פעלן זיך און מיט שטאָלץ און כבוד פאַרן זכר פון מחבר און זײַן חיבור, און וויל אין דעם זען נאָר אַן אַקט פון פאַראייביקן אריה שמריס נאָמען לדורות.

יעקב צבי שאַרגעל

א



איציק מאַנגער אריה שמרי

איך געדענק דיך, תש״ח

איך געדענק דיך, תש״ח, נאָך פון פריִער, נאָך איידער ביסט געוואָרן דאָס יאָר פון בשורה. אויף דײַן קרוין די אַבני־חן פון לאַנגיאָריקע יסורים און האָפענונגען נאָך פאַר דײַן ווערן. און איידער עס קומט דײַן יום־טוב וויל איך דערמאָנען דעם ערבֿ.

דער מלאך של שיכחה לאָקערט תמיד בײַ די גרויסע פּאַראַדן, אָפּצושיידן די זאַנג פון דער זריעה, יעדן געבײַ — פון זײַן אבן־פּינה, און יעדן דור — פון זײַנע אָבות... ניין! עס קומט נישט דײַן ערבֿ אַזאַ עונש. דו, תש״ח, דאַרפסט זאָרגן פאַר זײַן השאָרת־הנפש, אים אַרײַנטאָן אין סאַמע מיט פון דײַן קרויניקייט און אויסלייזן די פאַרשוויגענע אומעטן, וואָס קוקן אַרויס פון דעם ייִדנפאָלק, דאָ, אויף אַלע גאַסן און געמאַרקן און אויך אויף די פּלייניקע גרינען אין דאָרפישע נחלות.

איך זאָג עס צו דיר, תש״ח, אין דרײַסיקסטן יאָר פון דײַן געבוירן; דרײַסיק יאָר לויט די בלעטלעך פון קאַלענדאַרן. נאָר איך צייל דיך אַנדערש. מײַנע אויגן זענען געווענדט פון אינעווייניק — — איך זע יום־טוב־ליכט און יאָרצײַטליכט. אַזוי פיל מאַמעס און טאַטעס האָבן דײַן וויג געוויגט נאָך פריִער, נאָך איידער — — אין די האַרבסטן פון אַלע צײַטן, אויף די קווערן פון אַלע מאַפּעס, וואָס זייערע ליניעס זענען באַאָדערט מיט אונדזער פּחד און אויך באַפּינטלט מיט די טאַקטן פון אונדזער ייִדישן דפק — אָט דער אומפאַרשטענדלעכער אייביקער מאַגנעטצי פון בראשית צו אַחרית הימים; דער אַני־מאמין וואָס האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון אַ פאַרלוירענער ערד צו בלײַבן און מיטגיין תמיד און אומעטום — אָט דאָס אַלץ וועט דאָך סײַ ווי אַרײַן אין דײַן קרויניקייט, תש״ח — פאַר וואָס זשע לאָזסטו אַזוי דעם מלאך של שיכחה פאַרווישן דעם ערבֿ און אַרויסנעמען די טרערן פון ווײַן אויף די טישן פון יום־טוב?

איך פרעג עס אַזוי פון קעגן איבער מײַן בכור, ווען ער קנעפּלט זײַן שינעל בײַם אָפּשייד אויפן וועג צו גולן. איך שווײַג אויס אָט די שאלה, די ווערטער פאַרהאַלטן זיך, ווײַל איך ווייס, אַז ער ציילט אַנדערש די כראָניק פון תש״ח. בײַ אים הייבט זיך עס אָן מיט אלה תולדות גדנ״ע: אַ ייִנגלשאַפט אין גאַר אַן אַנדער מזל; אַ העזהדיקער סאָלאָפּלי אויף אַ „פּײַפּער״־עראָפּלאַנדל צו זעכצן יאָר; אַ פאַרשיכּורטקייט מיטן בלוי פון ים־התיכון; און נאָך דעם — מלחמה נאָך מלחמה — סײַ יסורים סײַ מוט. ניין, איך קאָן נישט מאָנען בײַ אים כּיבוד־אב און דערבײַ נישט געדענקען אין כּיבוד־הבן... אויף זײַן שינעל מײַנע הענט און זיי גליִען דערפאַר אַזוי געטאָפּלט אין דאָזיקן חשבון. און דערפאַר ציטערט אויך אַזוי מײַן קול, בעת איך זאָג דיר, גוט יום־טוב, תש״ח.

*

אַז דו וועסט צוריקקומען בשלום, מײַן זון, וועל איך דיר דערציילן ווי אַזוי ארץ־ישׂראל האָט אַרײַנגעוויינט אין מיר מיטן ליכט פון פרי־באַגינען. מיטן קול התורה פון מײַן טאַטנס לערנען פלעג איך זיך אויפכאַפּן אין דער דריטער אַשמורה. דער מאָרגן־שטערן פלעגט בכּיוון דורכשפּאַרן די שפּאַלטן פון לאָדן זיך צו פאַרפעדעמען מיט דער שײַן פון ליכטל. ס׳איז געווען אַ זיווג פון צוויי מינים ליכטער מיט אַ ניגון של תורה. אין אַזאַ שעה האָב איך, אין האַלב־וואַך האַלב־שלאָף, דערהערט מײַן טאַטנס וויינען אויפן גורל פון משה רבנו, וואָס האָט נישט זוכה געווען צו דערגיין צו זײַן חלום־לאַנד — ארץ הבחירה, און נאָך אַלע פעלדזענע לוחות האָט נאָך נישט קיינער געזען דעם שטיין אויף זײַן קבר... אָט דאָס געוויין האָט זיך נישט אײַנגעשטילט יאָרן־לאַנג ביז עס האָט אָנגערירט דאָס געוויין פון מיליאָנען וואָס זענען אַהער נישט דערגאַנגען. אַזאַ געוויין קאָן נישט פאַרבעמבלען קיין פויק פון פאַראַדן. עס זידט אויפן דנאָ פון אונדזער בעכער, ביז אייביק.

*

דער ניגון של תורה — אונדזערע הייליקייטן די פאַרשווונדענע, מיט אָפּשײַן פון סנה אין דער ווײַטעניש פון שטעטלשע פּאַנאָראַמעס —

איך זע זיי ווי אינדזלען פון אַ פאַרלוירן מלכות. דאָרט האָט געווינט אַ פאַרלוירן לאַנד.

דאָרט, אין שולהויף, וווּ ס׳האָט געקיניגט דאָס אייניקל פון יִיד הקדוש, רבי מאיר־שלום פון פשיסכער גזע, איז לויט זײַן רבישן רצון פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ מניןביימער, אַ זכר לציון, וווּ יִידן־מאמינים זאָלן תפילה טאָן מיט די פּנימער געווענדט צו ציון:

דאָס האָט דער רבי אַזוי באַפוילן
אַ מנין יאָדלעס פלאַנצן און זיי לאָזן וואַקסן.
וואַקסן זיי ווי צפּתער אין מיט פון פוילן
מיט עטרות זילבער־גרינע אויף די אַקסלען.

— —

און אַיעדער יִיד אורשטאַמיק ציט
ווו יאָדלעס בייגן זיך און שטערן סודיק ציִען.
ס׳ברומט יעדעס צווײַגל לולבדיק צעבליט,
און בוים און חסיד — אַלע בייגן זיך קיין **ציון...**

(פון „די פונקען פון תיקון״)

צווישן יענע יאָדלעס און יענע שטערן — מײַן גירסא דינקותא מיט חומש און מיט זוהר; ממש אָנצורירן האָב איך דאָרט געזען די קוואַלפּײַערן פון דינור און די בליצן פון סיני אין די אויגן פון ראש־ישיבה ר׳ שמואל־קלמן, דער געטרײַער חסיד פון רבי מאיר־שלום — דער „נהר שלום״. מײַן רבי שמואל־קלמנס שטראָפנדיק פּעטשל און זײַן חנעוודיק גלעטל אויף מײַן שטערן, ווען איך בין ראָוי געווען דערצו, האָב איך נאָך אַלץ נישט געננוג באַדאַנקט. ער איז מיך געקומען געזעגענען פאַר מײַן עולה זײַן לארץ אבותינו און זײַנס אַ בקשה דערבײַ: שיק מיר, למען השם, אַ בינטל ציצית פון ירושלים. ווײ! איך האָב זײַן ווונטש נישט מקיים געווען, נישט זוכה געווען מקיים צו זײַן — נאָך איידער כ׳בין געקומען קיין ירושלים האָט ר׳ שמואל־קלמן זיך געפעדערט מיט זײַן פּטירה. האָב איך מײַן קדיש נאָך אים אַרײַנגעפּרעסט מיט אַ בריִענדיקער טרער צווישן די שפּאַלטן פון כותל. דער מאָך האָט דאָרט אויפגעגלאַנצט לזכר ר׳ שמואל־קלמן און דעם „נהר שלום״ און אויך פאַר די צען יאָדלעס, וואָס האָבן ווידער פאַר מיר גרין־זילבערדיק אויפגעבליט פון צווישן די שפּאַלטן

פון כותל, ווי אַ מאָל אויף יענע ערדן, נאָך איידער ס׳איז דאָרט פאַרברענט געוואָרן דער „לא תרצח׳, ווען בוים און חסיד האָבן זיך נאָך געבויגן קיין ציון...

*

נישטאָ קיין פאַרגעסן. און איך דערמאָן די אַלע און דאָס אַלץ, ווײַל מיט זיי און דורך זיי בין איך געקומען דורך פאַרהוילענע סטימולן צום עיקר, דעם הונגער צו מעשׂים. זיי האָבן אָט דעם הונגער געוועקט און געשאַרפט. אינו־ניראה האָבן זיי מיך באַגלייט אויף באַנען און שיפן, געשטאַרקט מײַנע טריט אויפן יפוער ברעג, מיטגעוווינט מיט מיר אין געצעלטן, מיטגעבאָרוועסט אויף שטיינער און בריַיקע זאַמדן און ווו באַר ס׳האָבן געוואַקלט מײַנע טריט.

עמעץ האָט אַרײַנגערעדט אין מײַן בחורשאַפט, אַז דער זינגען פון יעדן טאָג איז בראשית, אַז מיט יעדן אינדערפרי דאַרף מען זיך זען ווי אַ געזעגן בײַם באַשאַפער פון וועלטן, און טײַטלען דערבײַ אויפן ייִנגל בײַם אַלטן שמיד, בעת ער פאָכעט איבער די קוילן און עס הייבט זיך אויף איבער זײַן קאָפּ אַ קרוין פון פונקען.

אָט די קוזניע בײַם שולהויף — זיי זענען שויןביידע לאַנג נישטאָ. ס׳איז געווען עבודה בײַ עבודה, פײַער און ליכט. נישטאָ שוין — און דאָך איז נאָך דאָס אַלץ פאַראַן אין רמ״ח ושס״ה, אין מאַטערשפּאַן פון מי, אין דער גלייביקער און זינגיקער מונטערונג, אַז דו ביסט אַ געזעגן יעדן אינדערפרי בײַם וואַרשטאַט פון וועלטן.

*

איך קאָן אַפילו נישט פאַרגעסן דעם אַלטן בחור מיט דער שוואַרצער טוזשורקע. אַ באַסשפּילער אויף חתונות איז ער געווען, וואָס האָט זײַן איינזאַמקייט אַרײַנגעקלאַגט אין כלות און קעגן אַלע חתנים האָט ער געגרימפּלט מיט ביטול: וואַרט, וואַרט צו, וועסט זען צו מאָרגנס. פון זײַנע אויגן האָט אַרויסגעקוקט „הכל הבל׳ נישט פון איבערשטראָמיקער זעטיקייט נאָר ממעמקים, פון די דנאָען יסורים. צווישן די שׂימחות און חופּות פלעגט ער טראַמפּלען איבער די גאַסן און געסלעך מיט זײַן שוואַרצער טוזשורקע ווי אַ שרעקפויגל וואָס זאָגט אָן אַן אומגליק. מיט

אַ קול פון איכה האָט ער געברומט זײַנע שוואַרץ־נביאותן קעגן די שקיעה־ראַנדן פון שטעטל, וואָס גייט מיט התלהבותדיקער פרומקייט פון זקנים און מיט נאַיִווער שׂימחהדיקייט פון אירע בחורים און בתולות צו — נאָכאַלעמען... דאָס האָט ער, דוד בעקערמאַן, מיט זײַן געדיכט־וואַלדיקן באַסגעזעג, מיט זײַן וואָרענונג, מיך אויסגעלייזט פון דער צוגעגרייטער ראָלע: אַ יונגערמאַנטשיק מיט תורה־און־סחורה, לויטן נוסח פון ,פײַנע לײַט׳. דאָס האָט ער מיך געפירט אין אַ טאָג פון פראָסטיקער פאַרקאָוועט־קיים צום טעלעפאָן־סלופּ בײַם שלאַבאַן פון שטאָט, זיך אײַנצוהערן אין געזשומזשע פון טעלעפאָן־דראָטן: הער, בחור, ווי אַ וועלט רוישט מיט מלחמות און איבערקערענישן. דאָרט האָב איך געהערט מײַן ,ערגעץ ווײַט׳... די ווילדע אַפּאָקאַליפּסע פון מײַן צײַט — דער אומרו וואָס פאַרטיפט דעם אומעט און שטויסט די מחשבה צו מעשׂים.

מיט זײַן טוזשורקע, מיט זײַן שוואַרצזען און מיט זײַן וועקנדיקן אומרו איז ער געווען אַן אָפּבילד פון יוסף־חיים ברענער אויף די גאַסן פון מײַן שטעטל. אַזעלכע בעלי־מרה־שחורה זענען עס געווען די מבשׂרים פון אונדזער ליכטיקייט, וואָס האָבן צו איר נישט זוכה געווען, און זענען ראָוי מען זאָל זיי דערמאָנען.

*

אויך אַנטאָני דער גוי האָט אין דעם אַ חלק. ער, מיט זײַן סאָסנע־דיקער הויכקייט, אַרומגעפּאַסט מיטן בלויען ראָק און מיט שטרענגקייט פון אַ געניטן שלאָסער־מײַסטער — ער פלעגט מיך צורופן צו זײַן טרינקטיש אינעם פונדק בײַ מײַן חברשן שכן און בײַ אַ פול גלעזל שאַרפס און ביטערס פאַר מיר אויסדערציילן העראָיִשע געשיכטעס פון דער שטאָט און פון זײַן לעבן. זײַן פּראָלעטאַרישקייט איז פון לאַנג־לאַנג פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי פון ראָזאַ לוקסעמבורגס ,פּראָלעטאַריאַט׳. איר חבר איז ער געווען, אַן אייגענער אין איר געזעמל, פון די סאַמע ערשטע. ווי די פונקען פון שלײַפראָד האָבן געגלאַנצט זײַנע אויגן אין דער זיקנה, מיטן מורמלען איבערן גלעזל די שורות פון לידער און פּסוקים פון מאַניפעסטן, און דערבײַ אַ צערטלעכע לויב צו דער קליינ־טשיקער יִדישקע ראָזאַ, וואָס האָט געהאַלטן דעם גאַנצן גלאָבוס אויף אירע שוואַכע הענטלעך.

ער, אַנטאָני, פֿלעגט מיך אויך פֿירן שפּאַצירן אויף מיזרח־צפֿון־זײַט פֿון שטעטל, ווו צווישן גוייִשן צווינטער און ייִדישן בית־הקברות ציִען זיך וועגן אַזש ביז מאָסקווע... אָט אָ דאָ איז דורכגעריטן נאַפּאָלעאָן מיט זײַנע חיילות, און אויב דו ווילסט לייען עס בײַ קאָכאַנאָווסקין — אָט אין דער קוזניע האָט מען געשליפֿן די שווערדן פֿאַר די פּוילישע פֿאָווסטאַנ־צעס קעגן די מאָסקאַלן; אַ גלאָריע אויף פּוילישע שליאַכן דערציילט מיטן הייסן אָטעם פֿון אַן אַלטן מײַסטער. און איך האָב נאָר געהאַט דעם אַנבליק אויפֿן בית־הקברות, דעם רום פֿון מײַנע הילצערנע תּשעה־באָב־שווערדלעך און די אַלע שישקעס און שטעכלקעס — די כּלי־זיין פֿון ייִנגלשע מלחמה־שפּילן. און די קינאה האָט אַרויסגעקוקט פֿון מײַנע אויגן, צוזאַמען מיט דער פֿאַרערונג צום אַלטן מײַסטער, וואָס זײַן בלויער ראָק איז אַרומגעגאַרטלט מיט וועגן און מיט צײַטן אַזוי לעגענדאַר און העראָיִש.

אים האָב איך דאָס לעצטע מאָל געזען אויף אַ שאָסיי פֿון טרויער און גרויל, ווו ייִדן זענען געלאָפֿן צום שכנותדיקן דערפֿל בוימיע, אַרויס־נעמען פֿון אַ קבר אַכצן — כּמספּר חי — טויטע ייִדן, וואָס זענען אַרײַנ־געוואָרפֿן געוואָרן אין איין קבר, נאָך זשיפּענדיק, בעת די באָלשעוויסטישע חיילות האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון דער ווײַסל אין יאָר 1920. אויפֿן פּאַן פֿון פּאַסטאָראַלן דערפֿל, וואָס האָט נאָך פֿעטער געמאַכט זײַנע ערדן מיט ייִדיש בלוט, האָב איך אַנטאָנין געזען מיט טרערן אין די אויגן און זײַן בלויער ראָק האָט זיך ווי געריסן פֿון זײַן לײַב מיט צאָרן. די אַלע ווערטער פֿון לאַנג: פֿרײַהייט, סאָלידאַריטעט, נאָך מימי דער איידעלער ראַזאַ, האָבן אויך געבלוטיקט אויף דער בוימיער ערד, אַנטקעגן די בלאָנדע מאַדאָניקע שיקסעס וואָס האָבן געשמייכלט מיט פֿולע באַקן.

ס'איז נאָר געווען אַ פֿאָרשפּיל צו 1939—1942 ווען די גויים פֿון אַרום און אַרום האָבן געהאָלפֿן אויסליידיקן אַ שטאָט פֿון ייִדן. און נאָך דעם — — בלויז דעם איינציקן אַנטאָני זע איך נאָך אַרויס פֿון צווישן ווײַסל, בוג און נאַרעוו, ווי אַ ראוי צו זכות אינעם חשבון פֿון גאָרנישט־פֿאַרגעסן.

*

מיר האָבן שוין נישט געשפּילט מיט די הילצערנע שווערדלעך. אין די הענט אַ מאָטיקע און אַ קעלניע. ווער עס גייט ווערן אַ מויערער בײַ לייזער באַק, דעם ייִד וואָס האָט נעבעך געכאַפּט אַ ציגל אין פּנים און

איז גרייט צו לערנען די נאַרישע ייִנגלעך ווי מען מאַכט אַ הויז פון ליים און ציגל. און אַנדערע — אַני בתוכם מאַכן אַ גערטעלע, מיט יונגע ציבלקעס און מיט פרישע ראש־חודש־רעטעכלעך — צו זײַן ראָוי און כשר פאַר ארץ־ישׂראל.

איך רעד אַרײַן אין מײַן חברותא ייִנגלעך מעשׂיות וועגן רבי נחמן בראַצלאַווערס דאַווענען אין פעלד, וועגן בעל־שם־טובס גערייד מיט גאָט צווישן באַרג און טאָל, און — וועגן דער כּוונה פון רבי מאיר־שלומס צען יאָדלעס אויפן שולהויף. און — אַזוי שפּאַנט מען אַריבער אַ ים...

1929. איך באַטרעט דײַן ברעג נישט ווי אַ פּאַרטריבענער, נאָר מיט מײַן ווילן. ווי געלערנט פון מײַן רבין — געווענדט צו **בראשית**, טאַקע צו זײַן אַ געזעלן אין גאָטמענטשלעכן מײַסטערווערק. אַ חלום וויל ווערן וואָר. דער פאַרשטאַנד וויל זיך אָנטאָן אויף זאַכן, אַרויס פון תוהו־ובוהו, די ערגעצן און עפּעסן און סתם־אַזוי אין דער ייִנגלשער בענקשאַפט. פינגער גליִען מיט נײַגער אָנצורירן ממשותדיק אַ וועלט וואָס איז לאַנד, אַ לאַנד וואָס איז ערד און פונדאַמענט, אַ ברכה וואָס איז באַהאַפטן צו ברויט.

מײַן נסיעה אַהער מאַכט איר סך־הכּל: די שיינע ווין האָט מיך געלאָזן קאַלט מיט איר אָנגענעמלעכקייט פון שטעקלאַטשן און מיט דער איידל־חנעוודיקייט פון אַלטע באַרויזיקטע קליידער און אויך מיט אירע סאַלאָנאַווע עלעגיקער. אָבער, אָבער דווקא דאָרט האָט געשפּאָלטן דעם מענטשלעכן אָפּגרונט ער, אונדזער זיגמונד פרויד, און אָן אונדזעריקער איז אויך דער בליציקער קאַרל קראַוס. ס'איז אונדזער ווינט וואָס קלאַפּט אויף יעדער געפרוירענער און סענטימענטאַלער שלווה. און פון אַלע שיינקייטן אין וועג — די חורבות פון ייִדישקייט וואָס האָבן מיר געשענקט די געמעלן פון מזלות און דעם אומרו פאַרן אומבײַט פון מײַן מזל.

און — אָט דער ברעג פון יפו. פון די הימלישע בלאָקייטן ווייס איך פון פריִער. איך קוק מער אויף דער ערד. איך פּרוּוו אויס אויף מײַן גומען דעם ערשטן טעם פון אַ פּענעץ ברויט און אַ פּענעצל מאַראַנץ. און — אַ ברכה און אַ דאַנק, וואָס עס בלײַבט נאָך דעם אויך אַ ביסל הונגער. וואָדען, באַלד זעטיק ווערן אין אַ נײַ לאַנד?

אַזאַ מאַנונג אין מיר: זכור ושמור, און אַזוי פיל זכרון. אויך דער יפוער קאַראַנטין קאָן זיי נישט אַראָפּוואַשן פון מיר.

ס'איז מײַן ערשטער ערב־שבת דאָ. די קלײנע, װײַסע תל־אָביב האַלט אָפּן אירע טירן און פענצטער לקראת שבת, אין גאַנצן אָפּן, (ס'איז נאָך װײַט צו דער כראָניק פון 1978). אויך די הערצער זענען אָפּן, אומבאַקאַנטע שטעלן מיך אָפּ און װילן מיך מכניס־אורח זײַן אויף שבת. איך בלײַב מיט זיך אַלײן אין מײַן עולים־אַכסניא. אָבער איך בין נישט אַלײן. די שטאָט איז װײַס, אין אָנבליק פון אירע זאַמדן, עפּעס ענלעך צו מײַן שטעטלהיים אין איר שנײיִק־שבתדיקער װײַסקײט. מײַן שינה בשבת איז דורכגעחלומט מיט אורחים־געשטאַלטן, מיטן זקן ר' שמואל־קלמן און מיט מײַנע ייִנגלעך, די חלוצישע חבריא. אויך אַפילו מיטן גוי אַנטאָני, װאָס װערט צװישן מײַנע אויגן אַ ,שבת־גוי' מיט גאָר אַן אַנדערן פּירוש. אפשר איז עס די היץ פון דער אײַנשפּריצונג, אַן עמיגראַנטישער פּיבער, װאָס פאַרמישט דאָ מיט דאָרט. איך בין דאָך דאָ, מיט אַלץ װאָס אין מיר פאַרקוקט צו די מוצאי־שבת־שטערן איבערן ים־התיכון. עס קומט זונטיק אין דער פרי, מיט אַזאַ זוניקער קלאָרקײט, און —

סאַראַ יום־טוב מיר באַשערט! דער שלאַנקער אַהרן, ביאַליקס אַ קרוב, װאָס איז זיך מיט מיר מטפל פון זינט מײַן אַראָפּגאַנג פון דער שיף אין יפו, באַקענט מיך מיט ביאַליקן אויף דער גאַס נחלת־בנימין, װוּ ער שטײט אָנגעשפּאַרט אויף אַהינטער־צו, פאַרקוקט מלא חידוש אויף אַ נײַעם געבײַ װאָס װערט איצט באַטינקט און באַפּאַרבט. כ'האָב נאָך דעמאָלט געהאַט דעם זכות פון נישט זינדיקן מיט דער פעדער און געװוּען אויף דער גוטער מדרגה פון אַ געניסער — און ביאַליקס לידער זענען דאָך געװוּען מיר אײגן, מיט זײערע ישיבה־עלעגיעס, װײַל כ'האָב אויך אויף מײַנע אײגענע פּלײצעס געפילט דעם קלאַגפויגל פון פאַרלאָזענעם שולהויף, דאָס אַמאָליקע מלכות פון ,נהר שלום' — רבי מאיר־שלום. איז גײ ריכט זיך אויף אַזאַ זכיה! דערפאַר האָב איך אַזױ מיט אַ שטאַמלענדיקער ברכה געדריקט ביאַליקס האַנט און געפילט, אַז די חכמה פון זײַנע אויגן נאַרט מיך נישט.

סאַראַ סוד אין אַזעלכע טרעפענישן! װי האָט אויפגעשײַנט זײַן באַזוניקט זיניק פּנים װען איך האָב אים געזאָגט אַז איך קום פון שטעטל קאַלושין. ,,אוי — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן בײַם שטערן — דאָרט האָב איך דאָך געשריבן װעגן מײַן ליבע און מײַנע פאַלקסלידער, נאָך אַ ראָמאַן װאָס כ'האָב געפירט אין מראָזער װאַלד, אַזאַ שאַנקײט װאָס

איז מיר פאַרשוווּנדן. קאָנסט וועגן דעם לייענען אין מײַנע בריוו צו יעקב פּיכמאַן". און דערבײַ האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן: „ווי האָט זי געהייסן די וואַסער בײַם מראָזער וואַלד?" און זײַן פּנים האָט אויפגעשײַנט ווען איך האָב אים דערמאָנט דעם נאָמען: „די רודקער וואַסער". — „אָט דאָרט האָב איך דאָך געשריבן מײַן ,על הבריכה'. אַ לערערל אין וואַלד בין איך געווען" — האָט ער באַטאָנט מיט פאַרמאַכטע אויגן. און ווי האָט מיך געפרייט און געאומערט צוזאַמען ווען ער האָט געשילדערט זײַנע שפּאַצירן אין מײַן שטעטל אין די פרײַטיק־צונאַכטסן; דער אויסזען פון די פענצטער פרײַטיק־צו־נאַכטס: „אַזוי פיל ליכט, אַזאַ אָרעמקייט און אַזאַ שבת!" און, פאַרטראַכטערהייט, האָט ער אָנגעהויבן צו שילדערן פאַר מיר דעם שולהויף, דאָס מלכות פון רבי מאיר־שלום, מיטן בית־דין־שטיבל און מיט דער ישיבה — די נעסט פון מײַן גירסא דינקותא אונטערן טײַטל פון מײַן מורה־דרך ר' שמואל־קלמן.

סאַראַ גוטער געדענקער און דערמאָנער! ווי כדאַי אויך אים צו געדענקען און דערמאָנען, ווי דער מוסטער פון נישט־פאַרגעסן, ווי דער מבשׂר בשורה, וואָס האָט נישט קיין מאָל מוותר געווען אויפן מינדסטן כזית פון אונדזער אייביקן נעכטן.

*

חול־המועד פּסח, אין 1929. גלײַך פון כּותל, ווו כ'האָב אָרײַנגעטרערט קדיש נאָך מײַן רבי שמואל־קלמן, בין איך געגאַנגען פון הויז צו הויז אין דער אַלטשטאָט אָפּזוכן מײַן אומבאַקאַנטע קרובה דינה. די זקנה, די אַלמנה פון ר' לייבעלע, האָט מיך אויפגענומען מיט שטוינענדיקע אויגן: „סטײַטש"... זי האָט אַ בלינצל געטאָן אויף מײַן מאָדנעם קורצהויזיקן הולך און אויף מײַן פון דער זון געבאַקן פּנים, און מיט אַ האַלב־חוזק פון אַ געניטער צדקתטע גלײַך געפּסקנט: „עפּעס זעסטו מיר אויס ווי אַ ציוניסט". מילא, זאָל זײַן — האָב איך געשוויגן. בעתן אָפּגעבן דעם האַרציקן גרוס פון מײַן בלוויאויגיקער מומע לאה האָב איך דערווײַל זיך ארומגעזען, אַז דער אַלמער ספרים אין איר שטוב שמעקט נאָך מיט אַלט־וואַרשעווער מאָדעס, פּונקט ווי דער ספרים־אַלמער פון מײַן זיידן, מיט די זעלביקע רונדיקייטן און שניצערײַען, מיט די זעלביקע קאַנטיק־געטאָקטע פיסלעך. און אין אַלמער גופא — די אַלע ספרים ווי אין מײַן

זיידנס אַלמער, שוואַרץ און ברוין מיט גאָלדענע געליישן. נאָר איינס האָב איך דאָרט נישט געזען, מײַן זיידנס כתב־יד, ווי איך געדענק אים, מיטן פּיאָלעטן פּעטן טינט, באַשריבן מיט קווערן און עליפּסן פון אַ גענדזענער פעדער.

און אַוועקגעפאָרן בין איך פון ירושלים אין זעלביקן הולך, נאָר מיט נאָך אַ מתּנה, דעם זכרון פון וועגן מײַן זיידנס כתב־יד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, ווי מײַן זכרון האָט זיך געוועקט, מיט שבחים צו כּבודו הקדוש דעם „שפת אמת" (דעם זון פון חידושי הרי"ם), דער צווייטער רבי פון דער גערער דינאַסטיע. און ס'האָט מיר ממש אַ ברי געטאָן בעתן פּלוצעמדיקן נאָג אין שאַרבן: דאָס האָט דאָך מײַן זיידע מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אים, נאָך דער פּטירה פון „שפת אמת"... אוי, ווי איך בין שולדיק צו דעם נישט־אויסגעלייזטן כּתב־יד, וואָס איז אַוועק אין פײַער און רויך מיטן אַלמער צוזאַמען. ס'איז מסתּמא געווען דער ערשטער קיצל אין אויער: נעם אַ פעדער און שרײַב. זאָל די זינד דערפאַר מיר געהערן און אויב אַ זכות דערבײַ — גיב איך אָפּ מײַן קרובה דינה ווי נאָך אַ ליכט פאַר איר צידקות, אין גן־עדן.

*

און — זאת היא הארץ, אין חדרה, אין בנימינה, מיט חברים אין געצעלטן, אַ קליין רענצל זאַכן און אַ סך פאַרבאָרגענישן אין האַרץ.

אַ פאָרשנדיק אויסשפּירן: וואָס לעתיד; פון דעם אַלץ וואָס אין דיר פאַרזייט — וואָס וועסטו שנײַדן. ביסט אייגנטלעך אַ יתום און ווער וועט ווערן דײַן נשמהדיקער חבר? אַ מאַמען קאָן סײַ ווי קיינער נישט פאַרבײַטן, און די ליבשאַפט — בעסער לאָז זי פאַר דער טויב פון שיר־השירים.

די ערשטע פאַרווונדערונג: אָן אייגן בעט פאַר מיר און נישט אויף דער ערד וועל איך לייגן מײַן קאָפּ (אַזוי ווײַט שוין פון יעקבס חלום, און אויך צום לוקסוס־פאַרמעסט פון 1978 איז זייער ווײַט געווען). אויף די געצעלטן — ווינט. פאַרסאַזשעטע לעמפּלעך און מען לייענט טווימס לידער מיט געשמאַק פון נישט־דערעסענע מאָלצײַטן. מען פאַרזינגט זיי מיט טווימס ליד פון יונגן מויערער אויפן פערציקסטן שטאָק... אונטערן איינציקן געצעלטשטאַק פאַלט שוין דאָס אַש פון יוגנטלעכן פײַער.

מען זינגט נאָך אַלץ דאָס שומרישע בונטאַרן־ליד „אַל תשמע בני אל מוסר אב״. פשוט גערעדט: נישט צו גיין אין טאַטנס דרך. אַזאַ פרעמד געזאַנג אין לאַנד פון אָבות. קאָנסט אויך זען בײַ אייניקע אַ שייניקע צלמל אויפן האַלדז — אַ זכר פון אַ געטרײַער פּוילישקייט. און בחורים קוקן ווײַט־ווײַט, רעדן וועגן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, דער־מאָנען טראָצקי און בעלאַ קון. דער פּיבער קוקט אַרויס פון די אויגן, דער הונגער קנייטשט דאָס פּנים און מײַן יידישער פרומער שורש מאַכט דאָ דורך זײַן עקזאַמען בײַם זוכן חברשאַפט צווישן אַזעלכע.

*

און — זאת היא הארץ: עפענען די אויגן צו די דאַזיקע פּײַנען; פילן דעם עלנט פון אַן ערד, אונדזער ערד, וואָס בעט בײַ דײַנע הענט נאָך אַ קווינט מעשׂים אויף טאָל און אויף באַרג, אין זומפּן און אויף שאָסייען. כ׳האָב דערפאַר געבענטשט די וואָס זענען אַראָפּ „פון פּערציקסטן שטאָק״ מיט אַ דאַרשט צו ברינגעמער אין טיפן נאָך נישט אָנטפּלעקטע, ווײַל כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז „אַזוי פיל הימל איבער דיר ווי ערד אונטער דיר״, און אַז מיט אַ חלום פאַרזיגלט אין זיך דאַרף מען מוותּר זײַן צום באַשייד פון חלומות.

און — אַן גבורות און באַרימערײַ; געגנוג מיט די פּאָזעס פון יונגע האַמלעטס — יאָ־זײַן נישט־זײַן. טאַקע יאָ! ווי פאַרקנסטע פון אייביק ביז אייביק, מימי אברהם אבינו, צו אָט די זאַמדן און אָט די שטערן, וואָס מאָנען דײַן יאָ גאָר באַשיידן טאָג־אײַן טאָג־אויס.

און אָן אַ קרוין און אָן אַ ספּאָדיק; אָן קיניגלעכע אילוזיעס און אָן ייִחוסדיקער באַשײַנונג, אָן אַ מורא פאַר קיינעמס: „סטײַטש?׳ אויף גראָע מעשׂים. אין זיי אַליין ליגט דער טײַטש: האָסטו אין דײַן באַרוועס־קייט געהאָלפן טריקענען דעם זומפּ קאַבאַראַ — האָסטו עפּעס אויך געלײַטערט אין דײַן נשמה; האָסטו געשלעפּט די שטייניקע ברעגערד בײַם ירדן פאַר אַ טורבינע פון עלעקטרישן ליכט — האָט עס אויך באַלויכטן דיך און אַנדערע, און זײַט זיך נישט מבטל פאַרן שומר פון חלומות. דער באַשייד איז שווערער און אויך חשובער.

און גאָר גיך האָבן טועכצן געוויינטלעכע אין פעלד, אין סאָד, צי אין אַ פּיצל גערטעלע פאַר דער היים, אָנגעהויבן אויסזען ווי מיצוות

פון אַ נײַעם תּרי״ג צו וועלכן ס'האָט געצויגן דער שורש פון מײַן אַלט־ייִדישער פרומקייט.

מיט אָראָפּגעבויגענע פליגל האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן העכער און גאָר ניכטער האָב איך אויפגעקלערט מײַנע געסט, די אַלע רײַזעמאַנס וואָס האָבן געזוכט אַ גן־עדן אין קיבוץ, אַז איך זאָל עס פאַר זיי באַשטעטיקן מיט מײַן חתימה ווי אַ סוווועניר: קוקט נישט אויף אונדזער דאָרף ווי אַ גן־עדן, כאָטשבי ס'איז דער דרך־האָדם פאַר זיך אויסצוראָזלען און אויסצוגילדן אַן ערגעץ־ווו, אַ גן־עדן בזעיר־אַנפּין, וווהין מען קאָן אילוזאָריש אַנטרינען פון אַלע שלעכטסן. ניין, אויך דאָ איז נישט קיין גן־עדן, אָבער: דאָ ראַנגלט מען זיך נאָך פאַר מעשׂים־טובים און פאַר נאָך עטלעכע טראָפּנס גוטס. דאָס איז זייער אַ סך פאַר דער הײַנטיקער צײַט, און אויב מען דערגרייכט עפּעס קאָן מען כאָטש דערמיט אויפהאַלטן די ירידה.

גוט, האָב איך געזאָגט, אַז מען קאָן אויפהאַלטן דעם ריס צווישן פאָטער און זון אין מי אויף די דאָזיקע פעלדער, צי בײַ די רעדער פון מאַשינען; אַז קינדער קאָנען וואַקסן אָן אַ שאָטן פון ,קנעפּלעך' און אָן געשפּענסט פון אַ תּפיסה. און כ'האָב אויך זיך דערוועגט צו פרעגן: ווו זאָרגט נאָך ווער פאַר די מדרגות פון זײַן לעבן און פאַרן תּיקון פון סדר העולם?

און — זאת היא הארץ: אַ נײַע געשטאַלטונג אין מיר.

איך קער זיך תּמיד אום צום קליינטשיקן תּימנערל אין די פּרדסים בײַ חדרה, צו זײַן שטאַרקנדיקן בליק אויף אונדז, די בייגלדיק־געבויגענע ביים ,בחר', בײַם שלעפן און גראָבן די ערד אונטער דעם ביימער־געפלאָנ־טער. מיט אַ קווינט רחמנות זײַן בליק אויף אונדזערע פּנימער, וואָס זענען נאָר־וואָס טועם דעם ערשטן זונברי. כ'מוז גלייבן, אַז דער שפּאָלער זיידע האָט זיך באַהאַלטן אין תּימנערלס כאַלאַט, אַזוי ענוודיק, כדי אויס־צוטיילן זײַן גוטסקייט צו די אויסגעמאַטערטע בײַם ערשטן עקזאַמען פון שווערער אַרבעט.

אַזוי זע איך אויך דעם זקן מיט די צוויי קרוגן טיי אויף די הענט אין זומפּ קאַבאַראַ, פאַרמישטע מיט טיי און כינין, צו רפואה די זומפּ־טריקענער. אויפן פאָן פון כּרמל — אליהו הנביאס לאַנדשאַפט — האָט זיך אײַנגראַווירט זײַן געשטאַלט לנצח.

עס טרעט נישט אָפּ פון מײַנע אויגן די געשטאַלט פון האַרטנעקיקן איש חדרה, לאַבזאָווסקי. האַרט־קופּערדיק איז געווען זײַן פּנים, טראַציק זײַנע רייד, נאָר נישט אַנדערש, אַ טיפער רחמים האָט געריזלט אין אים צו די טרוקענע ערדן בײַ די הרי אפרים. דאָס האָט ער מיט זײַן קופּער־נער עקשנות אײַנגערעדט דער עקרהדיקער ערד, אַז זי האָט יאָ וואַסער. הײַנט ציִען זיך די רעדן פון זײַן ברונעם אַזש ביז די ווײַטן פון מידבר און קיינער ווייס נישט דאָרט וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָט דער ייִד געציילט אין וואַרטונג אויף אַ נס.

אין איינעם אַ שטורעמדיקן רעגנטאָג אין טיף־ווינטער האָב איך אָט דעם איינעם דערזען שטייענדיק אין אַ ראָוו קעגן אַ פּלייצנדיקער רעגן־כוואַליע וואָס האָט מיט זיך געריסן און געשלעפּט יונגע נאָר־וואָס גע־פלאַנצטע ביימלעך. מיט זײַן פעסטן גוף האָט ער זיך אַרײַנגעשטעלט אין געשאָפּענעם ראָוו צו פאַרהאַלטן דעם ווילדן רעגנשטראָם, אַרומגע־נומען מיטן גאַנצן געמויזעכץ פון צווײַגן און וואָרצלען און שטיקער ליים. מען האָט קוים זײַנע אַקסלען אַרויסגעזען, ווי די הייך פון אַ מאָנו־מענט וואָס סטאַרטשעט אַרויס פון דער ערד. די סקולפּטאָרן און מאָלערס האָבן עס נישט געזען.

און בײַ דעם צווייטן ברונעם פון מײַן געגנט זע איך דעם שלאָסער און זינגער פון מײַן דאָרף מיט זײַן קוביסטיש פּנים און זשעדנע אויגן לעבן דער טיף־גראָבנדיקער שאָפּאַטע. זי פאַלט און הייבט זיך און יעדער הויפן ערד — אַ נסיון. געלער זאַמד, ברוינער ליים און בלויער נאַזאַז — היעראָגליפן פון ערדס סודיקייט: יאָ וואַסער נישט וואַסער — און די חתימה איז געווען אַ שטראָם פון זילבער. ער, דער שלאָסער און זינגער, האָט געפּרייט די ערשטע פרייד פון אונדזער טרוקענער ערד, ווי אַ שׂכר פאַר אַלע ליבעס וואָס ער האָט פאַרזאַמט לטובת דער בתולהדיקער ערד און פאַר אַלע איינזאַמקייטן וואָס ער האָט אַוועקגעשענקט דעם ציבור ייִדן מיט אַ ברכה אויפן נס פון וואַסער.

איך זע דעם פלאַנצער וואָס טראַכט דורך איטלעכן בוים מיט דעם סוד פון זײַן יניקה, פון ווײַטע, דורות־לאַנגע ייִדישע וואָרצלען. איך זע אַ מאַמע פון אַ נײַער מאַמעשאַפט, די וואָס האָדעוועט קינדער דור נאָך דור, מיט שמייכלען פאַר אַלע, בײַ טאָג בעת מפונקים מאַטערן און בײַ נאַכט בעת שאַקאַלן שרײַען שרעקנדיק אַרײַן אין קינדישן חלום. און די

סאַמע זײַטיקסטע זע איך מיטן געראַנגל אין זיך אַליין פאַר דער סגולה פון מוותּר זײַן אין גערעם פון שותּפות. קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערופן נזיר צי צדיק, ווײַל קליינע בלימלעך וואַקסן פאַר אונדזערע שוועלן.

און ערגעץ אין אַ ווינקל, בײַ דער וואַגשאַל פון געוויסן (אַזאַ זעלטנ־קייט אין אונדזער צײַט) זע איך דעם וואָס האָט געפירט מנינים פון מײַן דאָרף קעגן די ענגלישע טאַנקען־שיסערס בײַם באַלאַגערן נײַע עולים, אָקערשט אַראָפּגעקומענע מיטן ווינד־און־ווי פון נאָך דעם חורבן. קרבנות זענען געפאַלן נאָך זײַן באַפעל צו גיין קעגן די טאַנקען, און ווי האָט אים, דעם באַפעלער, געפּײַניקט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון זײַנע שליחים — ביז ער האָט נישט געגעבן זײַן פּדיון־הנפש, בײַם אַרויפטרעטן אויף אַ מינע. זײַנע צוויי מיט פראַטעזעס באַקליידטע פיס — זיי האָבן געהיילט זײַן אומרויִק געוויסן. ס'איז נאָר איינע פון די טראַגישע דראַמעס, די פאַרהוילענע אויף די זײַטוועגן פון אונדזערע ייִשובים.

און אין דער לאַנדשאַפט פון מײַן דאָרף — ווי קאָן איך נישט זען די געשטאַלט פון דוד אלעזר, דעם חנעוודיק דינאַמישן בחור, אַ ראָש פון פּלמחים. דער קאַסטעל בײַ ירושלים געדענקט זיכער זײַנע אויפשטײַגנדיקע טריט בעת דער באַהערשונג אין דורכשפּאַר צווישן די בערג. אויף אים האָט געוואַרט די דראַמע פון דער יום־כּיפּור־מלחמה און אים איז צוגע־שאַנצט געוואָרן בשוגג צי במזיד, אַ זינדיקייט וואָס איז נישט זײַנע און אַ האַרצשלאַק פון צער האָט פאַרענדיקט זײַן יונג רומפול לעבן ווי אַ רמטכּ״ל. איך זע אים נאָך אויפן גולן נאָך זײַן דעראָבערן דעם באַרג פון שינאה. זײַן גוטער מענטשליבנדיקער שמייכל לאָזט נישט צו רו און מאָנט מער ווי זכּרון.

איך זע זיי אַלע, ווי דײַנע געבוירער, תּש״ח. נישטאָ קיין באַרדיטשעװ־ווער וואָס זאָל טענהן און מאָנען פאַר זיי אינעם גרויסן פאַרגעסנדיקן מישמאַש פון די נישט־פאַרקיבוצטע גלויות. ס'איז די שעה פון נסיון. אַ גאַנץ פאָלק מאַכט דורך אַן עקזאַמען, אַלע אונדזערע מידות פון אַמאָל ווערן פון דאָס נײַ געוויגן און געמאָסטן: צי וועט מען קאָנען פאַרהיטן די חסידישע עניוות פון אָרעמע, ווען אַלע מאַגנעטן ציִען, כּדרך העולם, צו לוקסוס? צי קאָן מען נאָך אָפּהיטן דעם גײַסט פון שלום מיטן טראָפּ

פון „ואהבת׳ ווען מען ווערט געשטאַרקט מיט מחנות באַוואָפנטע און, בעל־כּרחו, מיט אוצרות פון כּלי־זיין?

דײַנע אַלע שוין פאַרגעסענע אײַלן גיך צו דײַן טויער, תּש״ח, צו פרעגן און מאָנען.

*

איך זע, זיי, די זכּרון־דענקמעלער אין מיט פון מײַן דאָרף.

קום און זע דאָס פּשוטע שילדל לזכר דב און דוד, געפאַלענע פון אַראַבישע אָנגרײַפערס אין די שפּעטע דרײַסיקער יאָרן. צופעליק שטייט דאָ נישט מײַן נאָמען. בלויז איין מינוט פריִער בין איך געווען מיט זיי זאַלבע דריט בײַ אָט דעם פּלויט און בײַ אָט דעם שטיינערנעם הויז — דעם צילפּונקט פון די אָנגרײַפערס. און דער נס פון מײַן לעבן איז אויך אַ שניט אין מײַן פלייש תּמיד בעתן פאַרבײַגיין דאָס דאָזיקע שילדל. מײַן נאָמען טוט זיך דאָרט אַרויף אויף ווען איך וויל נישט. אייגנטלעך איז עס דער נס פון יעדן איינעם, פון יעדנס נאָמען.

איך זע די וואַנט מיט דער גראַווירונג פון שפּיז און זאַנג לזכר דעם שוואַרץ־חנעוודיקן ישׂראל, דעם פאַרבליבענעם אויף די רציחה־וועגן אין גערעאַנגל בײַ לאַטרון. אין בעכער ברענענדיקן בוימל צו זײַן יאָרצײַט זעענען מיר אַלע, ווײַל נישט קיין קרוב און נישט קיין ליבסטע און נישט קיין קינד האָט אים באַגלייט צו זײַן לעצטוועג. און אַזוי רויט זע איך די בלימלעך אויף זײַן געדענקשטיין.

און אָט די עולים־וואַנט — אַ שיפל מיט עולים אויף אַקסלען פון ייִדן. רויטליימיק געפאָרעמט פון דעם דענקמאָל־שטעלער אין וואַרשעווער געטאָ — דאָרט איז אָנגעשריבן אַ כ״א כּסלו, תּש״ו, לזכר דעם געפאַלענעם אלימלך פון ענגלישע טאַנקענשאָסן בײַם באַשיצן באַלאַגערטע עולים אין גבעת־חיים. און לעבן דער זכּרון־וואַנט — אַ דענקמאָל פון די געפאַלענע בײַם פאַרנעמען צוריק אַלט־ירושלים: אַ פּאָר אַראָפּגעלאָזטע פליגל לזכר די צוויי פאַראַשוטיסטן אמנון און חנן, פאַר זייער בלוט אויף די גאַסן און געסלעך פון ירושלים. ווי האָט די געשיכטע זיי אַלעמען פאַרבונדן אין אונדזער יסורימדיקער גלאָריע!

איך זע אויך מער ווי די דענקמעלער: דעם בלינדן, די איינאָויגיקע און איינהאַנטיקע, די לעבעדיקע וואָס האָבן קום אָפּגעראַטעוועט זייער

אָטעם אין דער יום־כּיפּור־מלחמה. מיט אָנאויגן און אָפּגעהאַקטע אָרעמס געגנענען זיי צו דעם זכרון־שטיין פון גאָר יונגן יוסי, דעם פאַרברענטן חבר אויף הרי גולן, כּדי צו זען זיך אַליין, זייער ווי און זייער נס.

אַט דאָס זענען זיי דײַנע פײַערבלומען, תּש״ח, פאַר דיר און נאָך דיר. און זײַ מוחל ווען איך דערמאָן דיר אַזוי פיל יסורים. איך פיל אַ חוב אויך צו דערמאָנען דײַן פרייד, די פרייד פון יסורים.

*

ווידער וועל איך דערמאָנען דײַן ערב — אַ יאָר פאַר דײַן געבוירן. אויפן אַש פונעם חורבן און אויף די בלוטן פון אונדזערע דערפער און שטעט האָבן שוין געשוועבט דײַנע פליגל — איבער ווײַטן און נאָענטן אַ פײַערדיקער פויגל. נאָר שלווהדיק פאַרגליווערטע אין זיך האָבן נישט געהערט זײַן ברומען.

ס׳האָט נאָך נישט אויסגעטריקנט אויף מײַן ליפּ דער ברי־קוש פון ווילנער פּאָטישן מיזיניק. כ׳האָב נישט געזען מער ברענענדיקס ווי זײַנע גראָע בגדים. אָן עלעגאַנץ וואָס האָט אין זיך אײַנגעהילט אַלע קריעות. „אַ פלאַש מיט נעמען״ האָט ער מיט זיך געבראַכט און אָן אוצר פון „עפּיטאַפן״. די שטאָט איז גלײַכגילטיק פאַרבײַגעגאַנגען ווען מיר האָבן געשלאָסן אונדזערע קושן. צוזאַמען מיט מײַן טרער איז אויך געפלאָסן די ווײַניקע ליבשאַפט צו זײַן געזאַנג. אַ ליבשאַפט פון כּבוד מיט אַן ארץ־ישׂראלדיקער חתימה; אַ דאַנק פאַר זײַנע שיינקייטן אין דער לעצטער רגע, נאָך איידער די לאַנגע נאַכט האָט אַראָפּגענידערט אַזוי מאָנסטעריש גראָב איבער דער ווײַסל און איבער דער ווילִיָע, און איר אַנטקעגן דאָס ציטערדיקע בערי־אָזקעלע שיינקייט, צו־להכעיס, פון ווילנער מויערן און ליקן בײַם שוין פילן די „מעסערדיקע וואָר״.

און ווען דו, תּש״ח, ביסט געבוירן געוואָרן, אין יענער פײַערנאַכט, ווען דײַנע יונגע זין האָבן שוין געאײַלט צו די גרענעצן, איז פאַר מײַנע אויגן געשטאַנען זײַן זעונג פון צו־להכעיס אַ „מעסערדיקע וואָר״, די זעונג פון „אַ האַרדע בלויאויגיקע יונגען״, ווי ער האָט זיי געזען: „די אַרבל פאַרקאַשערט און פעסט די ידיים: / מיר ווילן דאָס פאָלק פון זײַן געטאָ באַפרײַען!״. איך אונדזער קליין לאַנד, שוין מיטן נאָמען מדינה, האָט דעמאָלט נאָך אויסגעזען ווי אַ געטאָ צווישן מדינות, אַ

באַלאַגערטע, מיט אַלע סכּנות פון אומעטום, און די וואָס היטן זי און בויען זי — אויך ווי דער נס אין געטאָ־טויער „אַ האָרדע בלויאויגיקע יונגען"...

אַזוי האָט זיך די ווײַטקייט געקייטלט מיט געזאַנג אין דער נאַכט פון דײַן פרייד צום סאַמע נאָענטן פון מאָרגנדיקן געשעען. אין יענער נאַכט בין איך געווען כּולו שוויַגן בײַם טאָפּל־געפּיל פון גאולה און פון נײַע חבלי־גאולה וואָס קומען שוין אָן מיט איר. צווישן גרויסן טאַנצנדיקן המון אויף די תּל־אָביבער גאַסן האָב איך דעמאָלט געפונען מײַנעם אַ פרײַנד ישׂראל, ווי ער טאַנצט אײנער אַליין מיט עם־ישׂראל און מיט ארץ־ישׂראל — אַזאַ דרײַלינג במזומן, און אויף אים האָב איך אַרויפגעלייגט מײַן האַנט, ווי אויף אײנעם פון די „בלויאויגיקע יונגען", מיט דעם ריח און טעם פון מײַן ערד און מיט אַ שורה „פרילינג אין לאַנד"...

און אָט שטיי איך אין דײַן טויער, דרײַסיק־יאָריקער תּש"ח. מײַנע הענט זענען נאָך וואַרעם צו דיר ווי אַ מאָל, נאָר מיט מער אומרו און באַזאָרגטקייט. די וואָגשאָלן וויגן זיך צווישן יסורים און האָפענונג: אַזוי פיל קברים מאָנען פון דאַנען און פון דאָרטן: האַלט דורך דעם נסיון, און, חלילה, נישט פאַרגעס אין דײַן ערב. זע, מײַן ליבשאַפט און געטרײַשאַפט זענען נאָך נישט מיד דיך צו בענטשן.

צווישן יידיש און ירושלים

(אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור)

מיט אונדזער שמועס וועגן יידישער ליטעראַטור, אין די ראַמען פון דער קאָנפערענץ פאַר יידיש, זענען מיר אוודאי נישט אויסן בלויז אַ שיח־חכמים, אָדער אַן אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן וועגן אונדזערע מאַנגלען און מינוסן. דער אָנגעווייטיקטער פּונקט איז דער מצב פון יידישן בוך; דער מעמד פון יידישן שרײַבער בײַם אַרויסגעבן זײַנע כתבים און דאָס פעלן פון לייענער און אָפּנעמער פון יידישן בוך. די אַלע צרות זענען גוט באַקאַנט, אָבער דאָך וועלן מיר מאַכן אַ טעות, אויב מיר וועלן די אַלע דערשיינונגען זען בלויז ווי אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּראַגמאַטישע ענינים.

פון ישראלדיקן נסיון, פון דעם אַלץ וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן האָבן מיר געלערנט, אַז דעם „נעשה ונשמע" דאַרף מען צו מאָל שטעלן אין אַ פאַרקערטן סדר — די מחשבה און דעם חזון פאַרן פּלאַן און פאַר די מעשים. דער גײַסט פון יוסף חיים ברענער, וואָס איז פול געווען מיט ספקות און מיט פראַגעצייכנס — דווקא ער האָט מיט זיין „ואף על פי כן" באַוויזן צו מעשים און געוועקט די חלוצישע ענערגיע. און דערפון איז צו לערנען, אַז אויב מיר האָבן באמת ליב יידיש און די יידישע ליטעראַטור, דאַרפן מיר גאָרנישט פאַרטושן און פאַרמאַליעווען, נאָר אַרויסברענגען קלאָר און אָפן אונדזערע דאגות און אונדזער אומרו, און דורך אַן אמתדיקן אַנאַליז קומען צו מעשים.

דער גורל, וואָס איז חל אויף יעדן בן־אדם, האָט פון אונדז אַוועקגענומען כמעט דעם גאַנצן אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. און אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז בשום אופן נישט די אָדער יענע באַרימטקייט, ווי גרויס זיי זאָלן זײַן. ליטעראַטור פון אַ פאָלק מיינט אַ משפחה, מיט

טאַטעס און זין, מיט זיידעס און אייניקלעך — אַ קייטלונג פון המשך און אַ געראַנגל פון גענעראַציעס און סטילן, מיט נאָכוווקס און מיט מרידה. און אויב דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַמאָל, און מען זעט נישט מער די יורשים, און מען פילט נישט מער די יוירונג, און מען זעט נישט מער די ברייטע וועלטקאַנווע, דעם גרויסן האָריזאָנט פון יידישלאַנד — איז אַ וווּנדער וואָס אַזוי איז דער מעמד פון יידישן שרייבער און פון יידישן בוך?

און אַז מיר ווילן נאָך דערצו צוגעבן די איינגעשרומפּנקייט פון יידישן שולוועזן, דעם מאַנגל אין אַ געטרייען יונגן יידיש־דור — וועט אונדז אַוודאי נישט גרינגער ווערן אונדזער יידיש־ליבנדיק געמיט. איך שטעל אַוועק אָט די אַלע פראַגן זיך און פאַר אייך, ווייל איך וויל, אַז אין און איבער די פריידיקע פייערלעכקייטן, לויט דער רוטינע פון קאָנגרעסן, זאָל אונדז אַרומנעמען דאָס געפיל פון בשותפותדיקער דאגה, וואָס נאָר פון דעם קאָנען מיר אויך קומען צו מעשים.

*

מיין זכרון פירט מיך צוריק צו דעם גרויסן האָריזאָנט פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי ער האָט זיך אונדז געוויזן פון דער ווייט, פון מעבר לים, דאָ אין ישראל, מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, בעת יידיש אין ישראל איז נאָך געווען אַ קליין אינדזעלע, מיט אַ סך צער, אָבער מיט אַ סך שעפערישער באַגייסטערונג. אונדזער מוט האָבן מיר דעמאָלט געשעפּט פונעם גלאָבאַלן יידיש, פון יידיש־אומעטום. און זיך אַליין, ווי יידישע שרייבערס אין ארץ־ישראל, האָבן מיר נישט נאָר געזען ווי „תוצרת הארץ”, נאָר ווי תוצרת העם... אין דעם האָבן מיר געזען אונדזער זכות און אונדזער שליחות, און מיר האָבן געפילט, אַז מיר שטייען און שעפּן פון גרויסע און טיפע יידישע קוואַלן...

דעמאָלט האָט דער האָריזאָנט פון יידיש אויף אַלע וועגן פון דער ערד זיך נאָך געשטאַלטיקט מיט גרויסע פיגורן, מיט קלאַסיקער און מיט געראָטענעם נאָכוווקס, מיט מורי־דרך פון ליטעראַרישע שולן און מיט אַמביציעזקייט פון נייע סטילן; די „יונגע” און דער „אינזיך” אין אַמע־ריקע; אויף דער רוסישער ערד איז נאָך פריש געווען דער גוטער אַראָמאַט פון דער גרויסער שירה און פּראָזע מימי אָקטאָבער; און ווי

אַ נס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון דער ייִדישער אָרעמקייט און פון דער ייִדישער לומדות — „יונג־ווילנע", די שענסטע ייִדיש־בלום אין פּוילן ערב דער לאַנגער נאַכט פון דער שואה... ביז דעמאָלט איז דער תּפארת פון דער ייִדישער ליטעראַטור געווען אין איר פּאַרנעם, אין איר גרויס־ וועלטישקייט און אין איר אינטענסיוון שעפערישן דראַנג — און מען האָט געקאָנט שעפּן מוט פון דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ גרויסע משפּחה.

און הייַנט־צו־טאָג, נאָך דעם ווי מיר, ייִדישע שרייַבערס אין ישראל, זענען אויסגעוואַקסן פון אַן אינדזועלע צו אַן אינדזל, און אַרום אונדז — פּאַרלאַגן און זשורנאַלן און אַ ייִדישע טאָגצייטונג און אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן — מיין איך דאָך, אַז מיר פילן זיך הייַנט עלנטער בייַם אויסבליק צום פּאַרוואַלקנטן האָריזאָנט פון ייִדיש... ייִדיש אין גאָר דער וועלט רעדט צו אונדז מיטן לשון פון עלעגיעס. אויפן ייִדיש־פעלד איז שמיטה, און ווי וועט קומען אַן אויפשטייג פון רעזיגנאַציע און אָפּהענטי־ קייט, סייַדן, מיר וועלן געפינען אַ וועג צו באַנייַטן מוט, צו קאָנסאָלי־ דירן אונדזער צעוואָרפנקייט און פאַרמירן די רעשטלעך פון אונדזערע שעפערישע כּוחות צו איין גאַנצקייט, צו אַ געטרייַע און עקשנותדיקע משפּחה פון דער ייִדישער ליטעראַטור, מיטן גייַסט פון ירושלים בכל אתר ואתר.

סטאַניסלאַווסקי פלעגט לערנען די מענטשן פון דער בינע, צו פירן זיך ווי די פייגל, וואָס פּוישן זיך אַן מיט לופט כּדי צו קאָנען פליִען... און איך גלייב, אַז אַווירא דישׂראל און דער מהות פון ירושלים קאָנען אַ סך געבן פאַר אַ באַנייַטן שוווּנג און פלי פון דער ייִדישער קולטור און פון ייִדישן שאַפן.

מיר דאַרפן האָבן מוט צו געפינען אין פלאָנטער פון אונדזער צייַט דעם וועג צו זיך אַליין, צום אייגענעם שורש. פאַר ייִדיש קאָן נאָך באַשערט זייַן אַן אויפבלי אויב זי וועט אין איר תּוך זייַן ייִדיש און פילן און וויסן, אַז איר נאָענטסטער סינאָנים איז ירושלים. דאָס פאָדערט פון אונדז זיך צו באַפרייַען פון אילוזאָרישע באַגריפן, וואָס זענען אפשר געווען נוצלעך אין אַ געוויסער צייַט, אָבער זענען מער נישט גילטיק הייַנט.

אויף דער קאָנפערענץ פאַר ייִדיש אין טשערנאָוויץ האָט י. ל. פּרץ

געלאָזט הערן זײַן פרײדיקן אני־מאַמין אין ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, אַוועקשטעלנדיק זײַן אמונה אין רענעסאַנס פון דער ייִדישער שפּראַך אויף דער ברייטער באַזע פון זיך באַפרײַענדיקע פעלקער: „שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער דערוואַכן, און קעמפן פאַר זייער שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט".

יאָרן לאַנג האָבן נאָך אָט די ווערטער געהאַט זייער גילגול־הניגון אין דער ייִדישער פּאָעזיע. מיר האָבן געקאָנט זייער אָפּקלאַנג הערן אין דוד האָפּשטיינס „פּראָצעסיע": „מיר גייען אין דײַנע פּאַרנטיקע רייען / שפּאַנענדיקע מענטשהייט". מען האָט אויך דעם ריטעם פון דער דאָזיקער מורדישער פרײדיקייט געקאָנט הערן אין משה קולבאַקס: „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!". ביידע האָבן זיך מתחייב געווען בײַם גלעקער־געהילך פון זייער ברויזנדיקער תקופה: „צוריק קיין טראָט!" (האָפּשטיין) און „איבערלאָזן די שוואַכע" (קולבאַק). אָט די אַלע הימ־נען זענען געווען אין גײַסט פון דער פּרצי‏אַנישער וויזיע וועגן ייִדן און ייִדיש־רענעסאַנס אין מיטגאַנג מיט די „פּאַרנטיקע רייען" פון „זיך באַפרײַענדיקע פעלקער". געווען אין דעם אויפריכטיקע ייִדישע התלה־בות, אָבער אויך נישט ווייניק קורצזיכטיקייט בנוגע אונדזער ייִדישן גורל מקדמת דנא, וואָס איז תמיד מחייב צו גיין „אַ טראָט צוריק", כדי איבערצוווינדן די ריסן דורך אָנקניפּונג צו פריִערדיקע ייִדישע דורות... און אונדזער געשיכטע האָט ווידער אַ מאָל, ווי אַלע מאָל, געוויזן, אַז מיר טאָרן נישט „איבערלאָזן די שוואַכע", ווײַל אומעטום זענען מיר אַלע בײַנאַנד די שוואַכע און די שוואַכסטע אייביקע קאַנדידאַטן צו ווערן אַנטייִדישט אין קאַמערן פון פּײַן מימי האינקוויזיציע און ביז דעם פּראָסטיקן סיביר...

קאָנען מיר, מעגן מיר הײַנט, בײַם זוכן אַ באַזע פאַר ייִדיש, נאָך רעדן אָדער אפילו בלויז אָנווינקען אויף דער אילוזיע וועגן זיך באַ־פרײַענדיקע פעלקער און וועגן די גוטע ווינטן פון דער וועלט וואָס וועלן אויך אָפּפרישן אונדזער ייִדיש? מעגן מיר נאָך שפּינען אַזעלכע אילוזיעס אין 1976?

נישטאָ הײַנט־צו־טאָג קיין איין פאָלק וואָס זאָל אונדז קאָנען מנדב־זײַן זײַן ברייטהאַרציקייט לטובת אונדזער קולטור און פאַר די צוויי

שפּראַכן פון אונדזער קולטור. וואָס מיר האָבן צו זוכן און וואָס מיר קאָנען נאָך געפינען — איז בײַ זיך אַליין!

גערעכט איז געווען פּרץ, ווען ער האָט אין זײַנס אַ רעדע נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דעפינירט דעם ענין יונגקייט און עלטער אין ייִדיש: „יונג איז נאָר די שפּראַך ייִדיש; די קולטור אָבער, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן, איז אַלט און רײַך. דאָס פאָלק, דער שעפער פון דער קולטור, איז דאָס עלטסטע פאָלק". און פּרץ, דער פאָנענטרעגער פון ייִדיש, איז געווען געגנוג דרייסט צו זאָגן: „די ייִדישע ליטעראַטור איז נאָר איין ריגג אין דער קייט און דאַרף נאָר באַטראַכט ווערן אַלס מאָמענט פון דער אייביק־ייִדישער קולטור".

אין אונדזערע יאָרן האָט דעם איבערגאַנג צווישן די צוויי פּרציאַני־שע טעזן געגעבן אַ פּולן אויסדרוק יעקב גלאַטשטיין. איין מאָל מיט אַ געזעגענונג דער אילוזיע פון נס וואָס דערוואַרט אונדז פון די „זיך באַפרײַענדיקע פעלקער", מיטן אָפּשיידליד „אַ גוטע נאַכט דיר וועלט", ערב דער שואה, ווען פרײַהייט־פעלקער האָבן געמאַכט יד־אחת מיטן נאַצישן באַרבאַריזם. און דערנאָך, מיטן ווענד צו זיך אַליין — זאָגט גלאַטשטיין צום ייִד:

פריד צו דיר, פריד,
ווי פאַרפלאָנצט דו ביסט
אין צעשטויבטע תנכישע ביינער.

אָט דעם ייִד, דעם פאַרפלאָנצטן „אין צעשטויבטע תנכישע ביינער" הייבט גלאַטשטיין אַרויס קעגן די „אַרויסגעשלײַדערטע ייִדן", „אויף פרעמדע עסטראַדעס פון אַ משוגענער וועלט".

איך מיין, אַז אונדזער כינוס הײַנט דאָ אין דער שטאָט פון צע־שטויבטע תנ"כישע ביינער, קאָן אונדז אַלעמען צוריקגעבן דאָס געפיל פון פאַרפלאָנצטקייט, אַז „לא אַלמן ישראל" און אין אונדז אַלעמען שטאַרקן די זעלבסט־חשיבות פון שטראַלנדיקער ייִדישקייט, אַז יעדער ייִדישער שרײַבער זאָל זיך ווידער זען ווי אַ כהן און לוי און פילן אין זײַן שרײַבן אַ הייליקע עבודה.

אין פּרצעס באַפליגלטע זאָגעכצן געפינען מיר: „בײַ אונדז איז דאָס וואָרט הייליק. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט „ויהי

אור״, און דין־וחשבון וועלן אָפּגעבן די, וועלכע צעשטערן די וועלט וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן מיטן וואָרט״.

ווען יידישע שרײַבערס וואָלטן נישט געהאַט אַזאַ אמונה אין וואָרט, וואָלט אין די באַדינגונגען פֿון עלנט און איגנאָראַנץ און פֿון קול אָן אַ בת־קול, נישט אָנגעגאַנגען מער די עבודה פֿון יידישן וואָרט און די קוזשניע פֿון אונדזער יידישער יצירה וואָלט שוין פֿון לאַנג געווען געשלאָסן. דער יידישער שרײַבער איז טראָץ אַלעם פֿאַרבליבן דער איינציקער פּיאָ־נערישער עקשן וואָס טראַכט און וואַכט מיט יידיש, און אַרום אים און אַרום יידישן בוך מוז אויסגעברייטערט ווערן די פּעריפעריע. גוט וואָלט געווען ווען מיר האָבן אַ נעץ פֿון יידישע שולן, פֿון יידישע ביבליאָטעקן, אָבער דערוויַל איז דער שרײַבטיש — צו אונדזער באַ־דויער און צום שרײַבערס רום — די איינציקע און עיקרדיקע פֿעסטונג פֿון יידיש — — און מיר ווילן נישט זיין איינציק...

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אַמאָל געבעטן אין אַ ליד: „באַפֿרײַ אונדז פֿון גאונות״ — אַז יידן זאָלן האָבן ווייניקער גאונים און זײַן אַ נאָרמאַל פֿאָלק... איך מיין, אַז אויך יעדער יידיש־שרײַבער איז גרייט זיך צו באַפֿרײַען פֿון זיין רומפּולער יחידות, פֿון זײַן מעמד ווי אַ סאָליסט, לטובת אַ נאָרמאַלער גרויס־משפּחהדיקער יידישער ליטעראַטור וואָס זאָל זײַן אַרומגענומען מיט אַן אַקטיווער יידישער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכ־קייט. יעדער יידישער שרײַבער בעט אין זײַן איינזאַמקייט: באַפֿרײַ מיך פֿון דער איינזאַמער יחסנות און גיב מיר דאָס געפֿיל פֿון אַ מיטבאַ־טייליקטן אין שעפֿערישן קולטור־הונגעריקן כּלל.

אויך די איינזאַמע בין, וואָס שאַפֿט האָניק, דאַרף האָבן דעם בינש־טאָק. אויך אַ שרײַבער יחיד קאָן נישט אויפֿגיין צו העכערע מדרגות אָן געפֿיל פֿון שייַכות צו וועמען, און אָן מיטציטער צו אַלץ וואָס געשעט אַרום אים. דער נס פֿון ווירטואָזיטעט איז זייער אַ סך, אָבער דאָך נישט אַלץ. געטע האָט געלערנט און געלאָזט הערן אין הלכות ליטעראַטור, אַז נישט אַלץ שטעקט אין לשון, אַז דער שרײַבער דאַרף אויך זײַן דורכגענומען מיט דער דיסציפּלין צו זאָכן. אויך דער מאָדער־נער ט.ס. עליאָט דעפֿינירט קלאָר, אַז דאָס קינסטלערישע וואָרט ווערט נישט נאָר פֿאָרמירט און באַרײַכערט פֿון קינסטלער־ווירטואָז, נאָר דאָס איז אויך אָפּהענגיק פֿון דער מדרגה ציוויליזאַציע איו לעבן פֿון פֿאָלק.

און אויב מיר זאָלן טראַכטן אין דער ליניע וועגן דעם צוזאַמענהאַנג פון ליטעראַטור און דעם קולטור־פאַרמעגן פון אונדזער פאָלק אויפן געביט פון ייִדיש — וואָלטן מיר געדאַרפט זאָגן: הנני העני — זעט, ווי אָרעם מיר זענען. אַלע טויערן אין ייִדיש זענען פאַרשלאָסן פאַר די ווערטן וואָס באַרייַכערן ליטעראַטור. מיר זעען נישט אין ייִדיש קיין פילאָסאָפיש בוך, קיין ערנסט וויסנשאַפטלעך בוך וועגן נייַע אַנטפּלעקונגען; נישט קיין בוך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, נישט וועגן טעכנאָלאָגיע און נישט וועגן פּסיכאָלאָגיע. און לרוב זענען אויך די ליטעראַרישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען איבערגעזעטיקט מיט ציטאַטן, זייער ווייַט פון איינאָפּעייִשן ניוואָ און געהערן אייגנטלעך צום תחום פון איילעווודיקער רעצענזיע, וואָס ברענגט צו מאָל נוצן דעם שרייַבער און איז גורם אַ סך היזק דער מסכתא פון אונדזער כלל־ליטעראַטור.

אונדזער הייַנטיקע טרעפונג אין ירושלים, איז אויך אַ באַגעגענונג פון ייִדיש־שעפערישן וואָרט מיט דעם סאַמע אַקטיווסטן צענטער פון ייִדישער נייַצייַטיקער ציוויליזאַציע — מיט ייִדישער אַרבעט און מיט ייִדישער וויסנשאַפט, מיט ייִדיש מיליטער און מיט ייִדישער אַגראַנאָמיע. אָט אויף דעם באָדן וואַקסט דאָך אונדזער גרויסע שוועסטער, די העברעיִשע ליטעראַטור — און אויך מיט איר טרעפן מיר זיך הייַנט ווי אייגענע.

מיר רעדן ווי צו ברידער. מיר גלייבן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס ברענגט צונויף אַלע זייַנע רעשטלעך אַהער, וועט נישט אויסמעקן פון זייַנע אוצרות — די ייִדישע ליטעראַטור און קולטור.

ייִדיש איז קיין מאָל נישט פרעמד געוועזן צו ירושלים. פּראָווינציאַנעלע עסקנים האָבן זיך געעוסקט מיט דער שפּראַכנפראַגע, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט געאָטעמט מיט אהבת ישראל און מיט גאולה־וויזיע, אין גייַסט פון ירושלים בכל אתר ואתר, און דאָס ייִדישע וואָרט מיט קראַפט פון אושפּרינגלעכער יניקה, האָט אין יעדן ייִדישן שטעטל פאַר זיך געזען דעם הר סיני...

אַברהם גאָלדפאַדן האָט נישט געשפּילט טעאַטער, כדי צו אַמוזירן דעם ייִדישן קהל, נאָר אויך געפרעגט און געפאָרשט: „צי בלייַען נאָך די רויזן וואָס איך האָב געפלאַנצט / אַליין אין דעם עמק השרון”; און שמעון פרוגס האָרץ האָט געצויגן צו די „לידער מיט האָניק, לידער

מיט גאָל / די לידער, די לידער פון ציון״; און מאָריס ראָזענפעלד האָט געהערט די קולות וואָס רופן: „קום אַהיים צוריק״ — — „צו דער פּאַלמע, צום צעדער און ווו דער אָראַנזש איז מיט גאָלד באַנייט״; און אין זײַן געצוואונגען ווײַט־זײַן פון ארץ־ישראל, האָט יהואָש אויס־געקויפט זײַן ווײַטקייט מיט אַזאַ גרויסן פּדיון־הנפש, ווי איבערזעצן דעם גאַנצן תנ״ך אויף ייִדיש.

די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור האָט געאָטעמט מיט אהבת ישראל און מיט חזון עם ישראל און דערמיט געהאָלפן אויפהאַלטן אַ פֿאָלק ביז צו דער שעה פון זײַן ממשותדיקער גאולה, ביז צום אויפקום פון מדינת ישראל.

און פאַר וועמען דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק — זאָל ער זיך אָפּשטעלן בײַ דער ייִדיש־יצירה אין ישראל, וואָס איר אָנהייב איז דער אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, מיט שלום אַשס „טאַלאַנט צו ארץ־ישראל״, און זען ווי ווײַט און ברייט און טיף דאָס ייִדישע לשון האָט דאָ דער־גרייכט, און ווי עס לעבט קינסטלעריש אײַנגעבירגערט אין ישראל און אין פֿאָלק, — שלובים זה בזה!

קומט הײַנט ייִדיש קיין ירושלים נישט ווי קיין פרעמדע און נישט אויף אַן איינמאָליקן גאַסטראָל. מיטן ליכט פון ירושלים און מיט איר היסטאָרישן אָטעם קאָנען מיר אויך פון דאַנען זאָגן בדמייך חיי צו דער ייִדישער ליטעראַטור און צו דער ייִדישער קולטור אומעטום. מיר ווילן און וועלן עס טאָן מיט דער ברכה און מיט דער הילף פון אונדזער נצחדיקער ירושלים.

איין גורל, איין חלום

דער אַמאָליקער שפּראַכנקאַמף בײַ ייִדן געהערט צו אַט די לוקסוסן, וואָס מיר האָבן זיך דערלויבט, אפשר מחמת קורצזיכטיקייט, פּראָווינ־ציעלע באַנעמונגען, און ווייניק וואַכזאַמקייט צו אונדזער אייגענעם גורל.

מיר זענען עלטער געוואָרן מיט נסיון, מיט קאַטאַסטראָפעס, מיט יסורים און אויך מיט גאולה. און בײַם הײַנטיקן טאָג, ווען מיר רירן זיך צו צו דער דאָזיקער פּראָבלעם, דאַרפן מיר זאָגן: מיר זענען נישט קיין געצנדינער, נישט צו איין שפּראַך, און נישט צו צוויי שפּראַכן. שפּראַך איז טײַער — אויף וויפל פאָלק איז טײַער, אויך צוויי שפּראַכן בײַ אונדז זענען טײַער — אויף וויפל פאָלק איז אונדז טײַער.

וויפל מיר זאָלן נישט גליִען מיט אונדזערע שיבת־ציון אידעאַלן (און מיר גליִען מיט זיי...), און וויפל מיר זאָלן זיך נישט מתעסק זײַן מיט פּראָגנאָזן וועגן באַרג־אַראָפּ פון ייִדיש אין דער גרויסער וועלט — מוזן מיר דאָך בלײַבן געטרײַ צו אונדזער היסטאָרישן און הײַנטצײַטיקן קולטור־אמת, אַז די צוויי שפּראַכן, עברית און ייִדיש, זענען די צוויי גרויסע אַקערס, מיט וועלכע אונדזער קולטור טוט איר אַרבעט. אמת, דער אַקער ייִדיש האָט אונטער זיך אַ שווערן פעלדזיקן באָדן, אָבער אין אַלע באַדינגונגען ווערן די ביידע אַקערס געפירט פון איין האַנט, — די האַנט פון אונדזער אייביק פאָלק, וואָס וויל נישט אונטערגיין און ראַנגלט זיך אומעטום פאַר קיום און המשך.

דער געראַנגל פון ייִדיש איז טראַגיש און הייליק, ווײַל ער איז דער געראַנגל פאַרן פאָלק, און טאָפּל הייליק ווײַל ייִדיש איז באַשערט צו פירן דעם דאָזיקן געראַנגל, — אין פײַערן, אויף חורבות, אויך אויף די חורבות פון אונדזער ייִדישער גײַסטיקייט אין די זאַטע לענדער.

און ווען עברית שטייט און גייט אין מזל פון אויפגאַנג — איז

עס אונדזער שׂימחה, אונדזער אַקטיווע שׂימחה, אונדז פרייט צו הערן דאָס דאָזיקע לשון אויף די ליפּן פון אונדזערע זוניקע קינדער, און אויך דער געראַנגל פון עברית איז אונדזער געראַנגל.

*

איבער דער קליינער בוכהאַלטעריע, פון כּלומרשטע צוויי צדדים, שטייט די ייִדישע געשיכטע, אַ טראַגישע און דערהויבענע, און אַ סך קליגערע פאַר אונדז אַלעמען, — און זי וואַרפט פונאַנדער אַלע מחיצות. זי זיפּט אָפּ פון אַלע כראָניקס דאָס יסורימדיקע און דאָס בענקענדיקע, דאָס הערויִשע און דאָס שיינע, און זי נעמט זיי אַרײַן אין איר פּאַנטעאָן, נישט רעכענענדיק זיך מיט אַלע שפּראַך־מחיצות; דאָס איז זי, וואָס פלעכט די גאָלדענע און פאַרבלוטיקטע קייט פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע.

דער שטאָלצער טויט פון דעם טײַערן זון אורי אילן רופט זיך איבער ממילא מיט דעם טראַגישן טויט פון דעם שליח פון מיליאָנען טויטע ייִדן, שמואל זיגלבוים; זיי זענען ביידע די זין פון אַ פאָלק, וואָס זײַנע בעסטע שטאַרבן, כּדי מיר זאָלן לעבן.

דער פּרק תּל־חי, און דאָס גרויסע ספר פון אונדזער באַפרײַונגס־מלחמה זענען געקניפּט און געבונדן מיט דעם געזאַנג און מיט די כראָניקס פון ייִדישן ווייטיק און ייִדישן כּבוד אין די געטאָס און וועלדער.

אויף די מצבות פון נגבה לייענען מיר דעם ייִחוס פון אונדזערע זין, — נגבה און תּל־אביב, משמר הירדן און דגניה. אָבער אויך פּוילן, רומעניע און ליטע. און ווען מיר קוקן זיך אײַן אין דעם מאָנומענט פון נגבה: דער קיבוצישער אַרבעטסמענטש, דער ערנסטער זעלנער, און די דרײַסטע פאַרחלומטע ייִדישע טאָכטער — זעען מיר די דאָזיקע גע־שלאָסענע דרײַ, איבער אַלע מחיצות, אין ליכט און אין ווייטיק, פון אונדזער פאָלק, אין זײַנע טרערן און זײַנע האָפענונגען, זײַן גורל און אונדזער אַלעמענס חלום.

און פּונקט ווי אין אונדזער געשיכטע גילט דער געזעץ: איין פאָלק איין גורל, אַזוי אויך אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע. און צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט, איין גורל — מיינט אויך איין ליטעראַטור.

וואָס האָבן מיר געפילט, — ווי האָט אָפּגעקלונגען אין אונדז דאָס

ליד פון בלוט און מוט, דאָס ייִדישע פּאַרטיזאַנען־ליד פון הירש גליק; וואָס האָבן מיר געטראַכט וועגן די פּלאַטן פון ראַמס דרוקעריַי, די אויס־געגאָסענע, אין לעבן און ליד, אויף קוילן פאַרן אויפשטאַנד? — —

מיר דאַכט, און איך בין אויך זיכער, אַז ביאַליק דער שטראָפער און מאָנער פון קישינעוו, אין זיַין חלום צו זען זיַין פאָלק ווי אַ פאָלק פון כּבוד און ווידערשטאַנד — האָט אַוודאי פון זיַין אייביקער אומרויִקער רו, אַריבערגעשמייכלט מיט טרערן פון טראַגישער שׂימחה, צו די דאָזיקע ייִדישע דיכטער, וואָס האָבן זיַין באַגער אויסגעזונגען, אין אַ תּקופה פון צען טויזנט מאָל קישינעוו, אין אַזעלכע ווונדיקע און ווונדערלעכע טענער.

און יצחק קאַצענעלסאָנס צוויי אויפגעהויבענע הענט אַקעגן די הימלען — זענען אַוודאי ראוי צו אָט דער דערהויבענער שליחות, צו בענטשן אין זייערע לעצטע רגעס, די ביידע ליטעראַטורן, אַז זיי זאָלן זיַין איינס, ווי זיי זענען געווען אין זיַין האַרץ, פון ליד די זון פאַרגייט אין פלאַמען, און ביז זיַין געשריי אויף דעם אויסגעהרגטן פאָלק.

ווייַל נישט נאָר אויף די באַרגשפּיצן פון אונדזער געשיכטלעכן געשען, נאָר דורך דעם גאַנג פון יאָרהונדערטער, האָט אונדזער ליטע־ראַטור אין ביידע שפּראַכן געאַקערט און געזייט דעם ייִדישן פאָלקס־רענעסאַנס.

אויף לשון־קודש, דעם אַלטן לשון, האָט אונדזער גורל אַרויפגע־לייגט די סאַמע נייַסטע שליחות, די סאַמע וואָכעדיקסטע שליחות: פירן אַ פאָלק צו ערד, צו אַרבעט, צו פּאָליטיש לעבן; נאָך אַ מאָל צו שריַיבן „בראשית ברא“ מיט אייגענע הענט.

די העברעיִשע ליטעראַטור האָט דאָס געטאָן מיט איר אויפוועקן חיבת־ציון, מיט אַריבערוואַרפן בריקן צום תּנ״ך, צו אַלטייִדישער לאַנ־דישקייט און מלוכישקייט; מיטן פאַרשאַפן כּבוד דער אַרבעט און שאַ־פונג, און אויך מיטן אַריבערוואַרפן שוועלן צו די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, כּדי צו זיַין אַ פאָלק צווישן פעלקער.

ייִדיש, ווידער, אין איר ספּעציעלער לאַגע פון וואַנדערונג און אַי־בערוואַנדערונג, אַרויסשפּרינגענדיק, בעל כּרחה, פון שטעטל, און פאַר־לירנדיק דעם היימיש־פאָלקישן באָדן אונטער די פיס — האָט ממילא געמוזט דינען דעם פאָלק מיט אַנדערע מיטלען. האָט די ייִדישע ליטע־

ראַטור, אין איר אוניווערסאַלער אויסשפּרייטונג, אָנגעצונדן די לאָמפּן פון גרויס־ייִדישקייט, דעם נר־תּמיד פון ייִדישע אידעען.

פּרצעס חלום, זײַן דעוויז פון שבת־יום־טובדיקע ייִדן, איז אייגנטלעך געקומען כּדי אויפצוהייבן אונדזער פּנים, און מאַכן גרינגער אונדזער גאַנג אין די וואָכעדיקסטע טעג, אין מאַנטיק און אין מיטוואָך.

אויך לייוויקס משיחיזם, וואָס קאָן אויסזען צו מאָל ווי נאַקעטער סימבאָל, האָט אין דער אמתן געווירט אין דער טיפעניש פון פאָלק, און געוועקט אין ייִדישן מענטש די בענקשאַפט צו קאָנקרעטער גאולה — אַ סך מער ווי די אַלע נאַטוראַליסטן און רעאַליסטן, די גלות־באַשפּײַער למיניהם, וואָס האָבן דעם ייִד געהאָלפן פאַרגרעסערן די גאָל, און פאַר־לירן דעם טעם פון לעבן אויף גאָטס וועלט.

אָט אַזוי דאַרפן מיר זען דעם אויפטו פון אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן. אַלץ וועגן און מעסטן מיט די וואָגן און מאָסן פון ייִדישן גורל און טרוים. אַלץ וואָס האָט געשטראָפט און געוועקט, באַגײַסטערט און געהיילט; אַלץ וואָס איז געוואָרן וויטאַמין פאַר ייִדיש לעבן — איז אונדז טײַער.

און אַוודאי טאָרן מיר נישט פאַרזען אויף די דאָזיקע דערשײַנונג, ווי געטרײַ און ווי שיין ייִדיש האָט זיך אַרײַנגעגלידערט אין אונדזער לאַנד.

פון יהואש אין רחובות, און ביז די סאַמע ייִנגסטע פון יונג־ישראל, וואַקסט דאָס ייִדישע ליד און די ייִדישע דערציילונג מיט שטאָט און דאָרף, אַרײַנגעטאָן מיט לײַב און לעבן, אין קיבוץ, און אין מעברה.

דאָס ייִדישע ליד האָט געטעמט מיט די גאָלדענע זאַמדן פון לאַנדס בראשית; מיט דער עניוות פון חלוצישן העראָיזם; דאָס ייִדישע ליד האָט צונויפגעפלאָכטן די גבורה פון די געטאָס מיט דער גבורה פון נגב. מיט אַ געטרײַקייט צו דער ירושה פון דער גאָלדענער קייט, מיט אַ ליבשאַפט פון שבת און יום־טוב צו אונדזער לאַנדס וואָכעדיקסטע מעשׂים, און נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן אויך אין עלנט און אין איינזאַמקייט.

אויך דאָס איז אַ נסיון פאַר ייִדיש.

וואָלט ייִדיש באַשאַפן אַן אַנטאָלאָגיע פון ארץ־ישׂראל־מאָטיוון אין

ייִדיש — וואָלטן מיר ערשט דערזען מיט וויפל ליבשאַפט און געטרײַקייט שאַפט ייִדיש דאָ, אין ישׂראל.

*

אָבער נישט נאָר אין פּאָזיטיוון זינען. מיר דאַרפן אויך האָבן אין ביידע שפּראַכן דעם מוט צו זעלבסטקריטיק און צו נײַע קריטישע צוגאַנגען.

מיר דאַרפן האָבן מוט צו פרעגן יעדער איינער ביי זיך:

אין די לענדער פון אונדזער צעשפּרייטקייט, ווו ייִדיש האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויסשטראַלן אייביק ייִדישע אידעען — צי איז זי געווען גענוג וואַך צו די אַקטועלע פּראָצעסן, צו די כמאַרעס אויפן הימל, צו דעם בייזן גורל;

און דאָ, אין לאַנד, — אין דער שׂימחה פון אויפגאַנג, זאָגנדיק הרי־אַת צו אדמת ישׂראל — צי האָבן מיר נישט דערווײַל, אין אונד־זער גרויסער באַגײַסטערונג פאַר לאַנד, פאַרגעסן דאָס פאָלק אין דער גרויסער וועלט.

בײַ ייִדיש וועלן מיר פרעגן אויף **גורל**
בײַ עברית — אויף **פאָלק**.

אויב מיר וועלן נעמען גורל ווי אַ מאָס, וועלן מיר בײַ אַ ייִדישן דיכטער (אהרן צײַטלין) וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ליד אַ וויזיע וועגן דער גרויסער גאולה־שעה, ווען די מענטשהייט וועט מער נישט וועלן אַרבעטן — גענוג געאַרבעט! — דאַרפן אַ פרעג טאָן: צי אַזוי מעג שרײַבן אַ דיכטער פון אַ פאָלק וואָס האָט אָקאָרשט פון זײַן בויט אָנ־געצונדן דת־עבודה, און זײַן יוגנט וויינט אויף דער פוילישער ערד דורך אַ צווייטן ייִדישן דיכטער (קלמן ליס): „גיטאָ ווו אַהינצוטאָן די הענט".

און אַזוי וועלן מיר זיך דאַרפן פאַרהאַלטן בײַ אַ צווייטן דיכטער, אַזאַ שיינעם מנגן ווי מאַנגער, וואָס האָט אויסגערופן, אַז „אונדזערע פידלען האָבן מיר אויפגעהאַנגען אויפן סלאַווישן ווײַנשלבוים". יאָ, דער סלאַווישער ווײַנשלבוים לעבט אַוודאי און בליט, אָבער אונדזערע פיד־לען — ווו זענען זיי? אַפילו קיין געוויין הערן מיר נישט פון דאָרט.

און אויב מיר וועלן נעמען פֿאָלק ווי אַ מאָס לגבי דער העברעיִשער ליטעראַטור — וועלן מיר דאַרפֿן פֿרעגן: צי איז באַרעכטיקט דאָ אין דעם גרויסן וווּנדער און אין גרויסן עלנט פֿון קיבוץ־גלויות, ווו מען דאַרף אַקעגנגיין מיט אַ לאָמפּ פֿון רחמים יעדן ייִד — צי איז באַרעכטיקט דער מידת־הדין פֿון הזז? און ביי אורי צבי גרינבערג, וואָס האָט ליב בלב ונפש די ייִדן פֿון דער היסטאָריע, — די טויטע ייִדן — האָבן מיר דאָס רעכט צו מאָנען אין נאָמען פֿון די לעבעדיקע, די קאָנקרעטע, די שאַפֿנדיקע, און יסורימדיקע.

מען דאַרף פֿרעגן דעם גאַנצן העברעיִשן מאָדערניזם, וואָס האָט אויסגעברייטערט דאָס העברעיִשע וואָרט צו בלאָק און באָדלער, צו מאַיאַקאָווסקי און וואָלט וויטמאַן, — צי איז געווען באַרעכטיקט דער בכיוונדיקער אָפּריס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור; צי וועט דער דאָזי־קער אָפּריס פֿון פֿאָלק נישט פֿאַרשמעלערן די גײַסטיקע וועלט און דעם תּחום־היצירה פֿון יונגן און העברעיִש־שאַפֿנדיקן דור?

*

אָט אַזוי דאַרפֿן מיר האָבן מוט צו פֿרעגן און צו ענטפֿערן, צו בענטשן און צו שטראָפֿן, צו זוכן דאָס ליכט און די שאָטנס פֿון אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן; צו וועגן און מעסטן מיט די וואָגן און מאָסן פֿון פֿאָלקסנויטן און פֿאָלקסבאַגערן.

פֿון דאָזיקן מוט צו זעלבסטקריטיק איז אָפּהענגיק די דערנענטערונג און די כּסדרדיקע שטייגערונג פֿון צוויי שפּראַכן צו איין ליטעראַטור.

און ווען מיר זאָגן: צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור, — מיינען מיר: איין ליטעראַטור — איין פֿאָלק — איין גורל — איין חלום.

מי און אויפטו פאַרן יידישן וואָרט

5 יאָר פאַרלאַג „ישראל־בוך"

פּראָמינענטע קולטור־טוערס און שרייַבערס זענען זיך צונויפגעקומען מיט די חברים פון פאַרלאַג „ישראל־בוך" און געשטעלט פראַגעס און באַקומען ענטפערס. די ערשטע פראַגע איז געווען:

ווער זענען געווען די איניציאַטאָרן און גרינדער פון דאָזיקן פאַר־לאַג? אויף דעם איז געקומען דער ענטפער:

די איניציאַטאָרן זענען געווען געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, טוערס פון דער קיבוצישער באַוועגונג פון השומר־הצעיר און פון וועלטפאַר־באַנד פון מפ"ם. מענטשן מיט אַ לאַנגיאָריקן סטאַזש אין ישראל, גאַר אייגענע אין דער העברעיִשער קולטור און גלייַכצייַטיק — ליבהאָבער פון יידישן וואָרט און יידישער ליטעראַטור. די אַלע האָבן געגעבן זייער ברכה און מיטהילף צו דער גרינדונג פון פאַרלאַג „ישראל־בוך", וואָס האָט אָנגעהויבן און איז ממשיך זייַן טעטיקייט ווי אַ זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע, קאָנצענטרירט אַרום זיך וויכטיקע כּוחות פון יידישע שרייַ־בער׳ס און שטייט אין באַציִונגען מיט יידישע קולטור־קרייַזן אין ישראל און אין די תפוצות.

באַלד איז געקומען די צווייטע פראַגע:

צי האָט דער פאַרלאַג „ישראל־בוך" פאַר זיך אַ ספּעציעלע ליניע און פּלאַן אין זייַן אַרויסגעבערישער אַרבעט, אָדער, ווי דער שטייגער איז: לויטן איבערפלוס פון כּתב־ידן און געשעפטלעכע טראַנזאַקציעס?...

דער ענטפער איז געווען: אַ סך כּתב־ידן האָבן מיר באַגלייט אויף זייער „וואַנדערוועג" צו אַנדערע אַדרעסן, ווו זיי האָבן, צו אונדזער באַדויער, געפונען אַ „תכלית"... זאָרג און אמתע ליבשאַפט צו יידיש זענען מחייב זיך קעגנצושטעלן קעגן דער אַנווערטיקער שפע, קעגן דער

שרײַבערישער אינפלאַציע, און דערפאַר האָבן מיר זיך באַמיט צו ווירקן לויט געוויסע עיקרים. פון אָנהייב פון אונדזער אַרבעט האָבן מיר פאַר זיך אָנגעצייכנט, אַז ווי אַ ישראלדיק־געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג וועלן מיר זיך באַמיִען צו ריכטן אונדזער אַרבעט לויט פּלאַן און ניוואָ. מיט וואַכזאַמקייט צו אַלע ייִדישע קולטור־ווערטן אומעטום און מיט געטרײַקייט צום תּוך פון חלוצישער נײַ־ישראלדיקייט; דערנענטערן דעם ישראלדיקן ציבור צו די מקורות און דערגרייכונגען פון ייִדישן שאַפן; אַנטפּלעקן פאַר ייִדן אומעטום די ווערטן פון ישראלדיקן לעבן, אַרבעט און קולטור, און אַלע געראַנגלען, אויפטוען און דערגרייכונגען — דורך פאַרעפנטלעכן די שאַפונגען פון ייִנגסטן צווײַג אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור — ייִדיש־יצירה אין ישראל, און דורך איבערזעצונגען פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

און דאָ זענען געקומען פראַגעס נאָך פראַגעס:

מיט דעם נאָמען פון אייער פאַרלאַג און מיט אײַער אָנגעצייכנטן פּלאַן האָט איר דעם טראָפּ געשטעלט אויף ישראלדיקער יצירה. ווי איז עס געקומען צום אויסדרוק און רעאַליזירונג אין אײַער ביז־איצט אָפּגעטוענער אַרבעט?

ענטפער: דאָס ערשטע בוך פון אונדזער פאַרלאַג האָט באַלד עדות געזאָגט אויף די כוונות און מהות פון אונדזער אַרבעט. מיר האָבן אָנגעהויבן מיטן אַרויסגעבן די אַנטאָלאָגיע „וואָרצלען”, (צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט פון פאַרלאַג־רעדאַקטאָר דיכטער אריה שמרי — י. צ. ש.), דאָס איז אַ בוך פון פּאָעזיע און פּראָזע, שאַפונגען פון 60 ייִדישע שרײַבערס מיט שלום אַשס „אַ טאַלאַנט צו ארץ־ישראל” און ענדיקנדיק מיט די גאָר ייִנגסטע „יונג־ישראלדיקע” שאַפעריש־אויפגייענדיקע כוחות — האָט די אַנטאָלאָגיע אויך געגעבן די פולע דעקונג צו דעם חוב וואָס דער פאַרלאַג האָט אויף זיך גענומען. מיטן טראָפּ אויף ישראל האָבן מיר אויך אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי מקורותדיקע שאַפונגען: „אין די געס־לעך פון ירושלים” — ריקודה פּאָטאַש; „די זעקס טעג פון יד מרדכי” — מאַרגאַרעט לאַרקין (ייִדיש — ד. שטאָקפיש); די לידער און פּאָעמעס פון רחל פישמאַן, רבקה באַסמאַן, אריה שמרי, יעקב צבי שאַרגעל, און דאָס וואָגיק־ווערטיקע בוך „לידער” פון אברהם שלאָנסקי (אין דער איבערזעצונג פון דיכטער משה יונגמאַן). אין דער ריי דאַרפן מיר אויך

זען דאָס בוך „דאָס וואָרט וואָס מיר שרייַבן" פון משה גראָס־צימערמאַן, וואָס פלעכט אַרייַן, צווישן עסייען און ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, גאַנצע פּרקים פון וואָך און יום־טוב אין ישראלדיקן לעבנס־שטייגער.

פראַגע: אין אייַער אַרבעטס־פּלאַן האָט איר אויך אָנגעצייכנט וועגן ייִדן און ייִדישקייט — אומעטום. איז מיט וואָס האָט איר עס באַוויזן?

ענטפער: מיט די דערציילונגען און ראָמאַנען פון ישעיהו שפּיגל וואָס זענען יסורימדיקע בלעטער פון דער מגילת השואה; מיט די דערציילונגען פון מנוחה ראַם: „אַרום דער ווערבע" וואָס שפּיגלען אָפּ די נאָכווייען פון ייִדישן געמיט נאָך דער שואה; מיט די דערציילונגען „איבער די דעכער פון פּאַריז", ווו משה שולשטיין פאַרפעלט נישט צו זען אין גרויסן ליכט זייַן ייִדישע זעונג: „יעדעס ליכטל זעט אים צו זייַן אַ יאָרצייַט־ליכטל" מיט דעם טאָפּל־באַנד פון ב. דעמבלין, וואָס געפינט זיך שוין אין דרוק: זייַן ראָמאַנען־ציקל „ערב נאַכט", ווו ס'ווערט אַזוי פּלאַסטיש אויסגעבילדערט דער גורל פון ייִדן און ייִדישקייט אינעם גאַנג און געלויף פון ייִדישן לעבן צווישן ימען און לענדער. מיר זעען דעם ווערט פון די אַלע דערמאָנטע ביכער, דערשיינענע אין אונדזער פאַרלאַג, אין דעם וואָס זייער קינסטלערישער ניוואָ גייט געפּאָרט מיט וואָכן אַרייַנבליק אין דער טראַגישער סיטואַציע פון ייִדישן לעבן, אָן פּרימיטיוון נאָסטאַלגישן פאַרשלייער. אַזוי זעען מיר אויך די ביז־גאָר־וויכטיקע עדות־בלעטער פון משה זאַלצמאַנס „...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט", זכרונות פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין די תפיסה־קאַמערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון ראַטנפאַרבאַנד. ס'איז אַ נייַ באַגלייבט עדות־זאָגן, וואָס די געשיכטע דאַרף באַניצן פאַר איר משפט איבער די וואָס האָבן יעדן גלויבן דערפירט צו אַנטוישונג... און אַוודאי און אַוודאי זענען בולט אין אָט דער ריי די צוויי גרינטלעכע ווערק פון פּראָפ. רפאל מאַהלער: „היסטאָריקער און וועגווייַזער", אויף דער ברייטער קאַנווע פון ייִדישער מחשבה און גאונות פון רמב״ם און לוצאַטאָ, דורך גרעץ, דובנאָוו און באָראָכאָוו ביז עמנואל רינגעלבלום און די יונגע היסטאָריקער אין חורבן פון וואַרשעווער געטאָ; און זייַן בוך „ספר סאַנץ" וואָס איז, ווי אַ זכרון־ספר פון אַ שטאָט, „אויב נישט נאָך העכער" מיט זיין היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן פאַרמעסט און מיט זייַן באַלייַכטונג פון אַזוי פיל וויכטיקע ייִדישע געשטאַלטן.

פראַגע: ווי זעט איר הײַנט צו טאָג דעם שאַפונגס־פּראָצעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור?

ענטפער: נאָך פאַראַן אַ גאַנץ שפּאָרע צאָל פון וואַגיקע ייִדישע שרײַבער, פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, אָבער ס'פעלט דאָס געפיל פון אַ ייִדישער שרײַבער־משפחה, וואָס זעט זיך פאַראייניקט אין דער שווערער סיטואַציע פון ייִדיש. און — יעדער שרײַבער־יחיד אין זײַן ווינקל מוז וווינען ממילא מיט די עלעגישע געפילן פון „נאָך אַלעמען" און פילן אין זײַן אַרבעט דעם טעם פון אַן „עפּילאָג"... דאָך שאַפט מען, און ייִדישע ליטעראַטור הייבט אָן דווקא איצט דערזען צו ווערן אין וועלטשפּראַכן, אין אַנטאָלאָגיעס אויף ענגליש און פראַנצייזיש. אָבער, אין ייִדיש מערן זיך אַלץ די ווילדגראָזן פון גראַפאָמאַנישע שרײַבערײַען וואָס פאַרשטעלן מיט זייער שפּע דאָס גוטע און דאָס שיינע, וואָס ווערט געטאָן בחדרי חדרים. ייִדישע פאַרלאַגן זענען אין דער סיטואַציע מחויב נישט צו עפענען טיר און טויער פאַר יעדן כתב־יד און בעל־מחבר, נאָר היטן און פלעגן די ווערטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

פראַגע: איז פאַראַן וועלכער ס'איז קאָנטאַקט צווישן די ייִדישע פאַרלאַגן אין לאַנד?

ענטפער: פערזענלעכע — אפשר יאָ, אָבער קיין שום געמיינזאַמע איניציאַטיוו, כאָטש דאָס וואָלט אַ סך געהאָלפן פאַר דעם ביוואָ פון ייִדישן בוך, און געמײַנזאַמע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט וואָלטן אַוודאי געקאָנט העלפן צו דערגיין צום דערווײַטערטן און פאַרפרעמדטן ייִדיש־לייענער אין די תפוצות און אויך צו די ייִדן אין די ישראלדיקע ייִשו־בים וואָס בייטיקן זיך נאָך אין אַ ייִדיש בוך.

פראַגע: צי האָט איר וועלכע ס'איז מיטהילף פון רעגירונגס־אַמטן, סוכנות, הסתדרות אין לאַנד, אָדער פון ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין דער ברייטער וועלט?

ענטפער: קיין שום הילף! פון די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין דער וועלט לאָזן זיך כסדר הערן טענות און מאָנונגען בנוגע ייִדיש אין ישראל. אָבער, ממשותדיקע טאַט, דורך הילף צו די וואָס זענען מיט מי און מאַטער עוסק פאַרן ייִדישן וואָרט — צו דעם קומט עס נישט. אויך דאָ, אין לאַנד, האָבן מיר נישט זוכה געווען צו קיין הילף פון די אַלע דערמאָנטע אַמטן און אינסטיטוציעס. איז ממילא דאָס

אַרויסגעבן פון יעדן בוך פאַרבונדן מיט זאָרג און מאַטערניש, וואָס טוען ווי' סײַ דעם פאַרלאַג, סײַ דעם שרײַבער.

פראַגע: און דאָך, ווי ווערט געטאָן אײַער אַרבעט אין אַזעלכע באַדינגונגען ?

ענטפער: מיר אַרבעטן מיט דעם מינדסטן שבמינדסטן אַפּאַראַט, מיט פרײַוויליקייט און מיטן כוח פון ליבשאַפט צום ייִדישן וואָרט.

*

נאָכן אויסהערן די פראַגעס און די ענטפערס האָבן מיר זיך אײַנגעקוקט אין די אויסגעשטעלטע רייען ביכער — די אויסגאַבעס פון פאַרלאַג ; ייִדישע ביכער — לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען, מעמואַרן, עסייען — אַלץ אין פּראַכטבאַנד מיט אַ ציכטיק־עסטעטישן אויסזען. דאָס איז די פרוכט פון זאָרג און מי און ליבשאַפט פאַר די פאַרגאַנגענע ערשטע 5 יאָר — דער אויפטו פאַרן ייִדישן וואָרט און פאַר דער חשיבות פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אויף דער ערד פון ישראל, אין פאַרלאַג „יש־ראל־בוך".

ירושה און נישט ריס

פון אַ רעדע אין לייוויק־הויז אין תל־אביב, דעצעמבער 1977

ליבע פרײַנד יצחק יאַנאַסאָוויטש און יעקב צבי שאַרגעל: רעדנער און באַגריסער!

איך ביידע, ווי דיכטער, ווייסט, מסתמא, פונקט ווי איך, ווי אָרעם אין אונדזער ייִדיש איז דאָס וואָרט: „אַ דאַנק". בײַ אונדזערע עלטערן איז דאָס וואָרט געווען באַהאָפטן מיט אַ נאָך־עפּעס: „גאָט צו דאַנק"... און דאָס וואָרט האָט באַקומען גאָר אַן אַנדערן טעם און אַן אַנדערן קלאַנג... ווייס איך נישט, וואָס איך זאָל צוגעבן צו אָט דעם טרוקענעם, פאַרמעלן וואָרט...

מיר איז אויסגעקומען, דורך די צענדליקער יאָרן פון מײַן ייִדיש שאַפן, צו זײַן, אין די ראַמען פון קיבוץ, זייער ביחידות. פּשוט: פיזיש ווײַט און אויך דערווײַטערט פון דער ייִדיש־ליטעראַרישער סביבה. און ווײַל איך האָב נישט ליב צו מאַכן פון גויט אַ טוגנט און פון אייַנזאַמ־קייט אַ מזל־ברכה — איז פאַר מיר דאָס וואָס כ'האָב הײַנט געהערט פון אײַך בבחינת אַ לוקסוס: אַ שבת און יום־טוב אין מיטן דער וואָך. ווי זשע קאָן מען זיך באַגניגענען מיט אַ דאַנק? — ובפרט אַז נישט די לויב איז דאָ דאָס וויכטיקסטע, נאָר דער חברישער שמועס, דאָס געפיל, אַז פּאָעטישע יצירה איז אויך אַ מעדיום פאַר פרײַנדשאַפט אין אַזאַ געפּרוּוירענעם מידבר ווי אונדזער צײַט...

איז אויב איך בין בכלל געקומען, ערשט אין עלטער פון דרײַסיק יאָר, צו דעם לשון וואָס מיר רופן פּאָעזיע — איז עס דערפאַר, ווײַל כ'האָב דערפילט אין זיך, אַז אין פּאָעזיע־לשון שוימען נאָך די וואַרעמע וויטאַמינען און האַרמאָנען פון עכטער מענטשלעכקייט, פון נישט־קאַליע־געמאַכטער רוטינירטער שפּראַך, און אַז גראַמען איין שורה מיט דער

צווייטער דערמעגלעכט נאָך דעם דיאַלאָג: איך — דו, דעם קשר פון מענטש צו מענטש... און מײַן דעוויז איז דאָך געווען און איז: ירושה און נישט ריס!

אויך מײַן וועג צו ייִדיש האָב איך געפונען, דאָ, אין לאַנד, אין ארץ ישראל, נאָך איידער ישׂראל, נאָר אַדאַנק דעם טיף־הומאַנישן אָטעם פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון שלום עליכם און פּרץ, דורך לייוויק און האָפּשטיין ביז יונג־ווילנע... און אומגעריכט פאַר מיר אַליין, האָב איך זיך דערפילט ווי אַ תּלמיד און ווי אַ ברודער, און מײַנע ליפּן האָבן אין עבֿרית, מיט עבֿרית, אָנגעהויבן מורמלען ייִדיש; און מײַן ייִדיש, דער געבוירענער אין ארץ־ישׂראל, האָט פאַר מיר אויסגעזען ווי אַ סאַברע, אָבער מיט אַ בלי‌ִונג פון ראָזשינקעס און מאַנדלען; מיט דעם גוטס, וואָס איך האָב אין זיך אַרײַנגעזויגן פון די אבֿות און פון די זין און אייניקלעך פון דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט תּמיד אויף איר דרך־המלך געשײַנט מיט דער טרער פון אָרעמאַן און מיט אהבֿת־ייִד און מענטש.

דאָס וואָרט פון ה. לייוויק, וואָס איך האָב געהערט דאָ, אין תּל־אָבֿיבֿ, אין די דרײַסיקער יאָרן אַז „הינטער אונדזערע ייִדישע ווערטער גליט דער דראַנג צו אַ העכערן ייִד, צו אַ שענערן מענטש" — אָט דאָס וואָרט האָט באַהאַפטן ייִדיש מיט מײַן קיבוציש געמיט, מיט דעם טאָג־טעגלעכן פון מײַן לעבן, וואָס איז אידעיִש און גורלדיק אויסן געווען די זעלבע זאַך: העכערער ייִד, שענערער מענטש.

אָט דערפאַר האָט זיך נישט אויסגעלאָשן אין מיר ביז הײַנט די התפּעלות פאַרן ליכט פון באַגינען; אָט די שעה, וואָס איך רוף אין ליד: „מײַן שעה" —

איך האָב ליב דעם אינדערפרי
ווען שוואַרצע ערד צעבלויט זיך הייליק.
ווען בראשית זאָגט: יהי
און שענקט אויך מיר מיין ליכטיק חלק.

אַזוי האָב איך עס געזאָגט אין די שורות פון מיין בוך „רינגען אין שטאָם" און אַזוי אויך אין בוך „אויף גרינעם פּאַרמעט" נאָר דאָס צווייטע ליד רעדט וועגן „גוטע מאָרגן־שעהען", וואָס כ'האָב „מיט ברור־

דער־בוים אַרײַנגעזויגן", אָבער נישט נאָר לשם נאַטור־געווס, נאָר אויך לשם דעם באַגער פון העכער און שענער.

דער ענין פון אַנאַליזירן לידער איז אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישער. מען האָט אַמאָל אין ענגלאַנד אויסגעקליבן צוועלף שוין־פון־לאַנג באַקאַנטע און באַליבטע לידער, אויף ס'ביי זיי צו אַנאַליזירן. מען האָט געפּאָרשט די טעקסטן, שורה נאָך שורה. דערציילט, נישט קיין אַנדערער, ווי ט. ס. עליאָט, אַז אָט די צוועלף לידער, וואָס זענען בײַ אים געווען אַזוי אייגן, באַליבט און באַקאַנט פון לאַנגע יאָרן — אָבער נאָך דעם אַנאַליז און דאָס פּאַלמעסן זיי אויף די שטודיע־טישן פון די אוניווערסיטעטן האָט גורם געווען דערצו, אַז ער האָט זיך מער נישט געקאָנט אומקערן צו די דאָזיקע לידער. זיי האָבן אים אויסגעזען ווי צענומענע חלקים פון אַ גאַנצער מאַשין — גיי און פּרוּוו באַשאַפן צוריק אַ גאַנצע האַרמאָנישע זאַך. מוז מען, הייסט עס, זיך צוהערן וואָס אָט דער זעלבער פּאָעט און פּאָעטישער דענקער זאָגט, אַז מען דאַרף נישט פּאַלמעסן לידער, נאָר בלויז עפענען די טיר צו זיי, בלויז באַלײַכטן די וועגן און די רעיונות און סביבהס וואָס פירן צום פּאָעט.

וועל אויך איך פּרוּוון מיט עפּעס באַלײַכטן די וועגן און די רעיונות וואָס פירן צו אָט דער טיר.

קאָן ווער פרעגן, צי פירן טאַקע רעיונות צו דער טיר פון ליד און עס קאָן ווער אַרויסציִען פון דער אַלטער גאַרדעראָבע די ווערטער: האַרץ, געפיל... כאילו געדאַנקען, מחשבות זענען אין סתירה צו האַרץ, צו געפיל... אָבער דער ייִד הקדוש, וואָס האָט געפּלאָמט מיט מחשבה און מיט געפיל, מיט מוח און מיט האַרץ, האָט אַ מאָל געזאָגט: „יעדער אבר האָט זײַן צודעק: די אויגן האָבן ברעמען, דאָס מויל האָט ליפּן, אָבער נאָר די געדאַנקען אַליין שטייען אָפן". אָבער אין דער אמתן האָבן אויך געדאַנקען זייער צודעק, ווען זיי זענען גוט פאַרקנאָטן און פאַר־בילדערט אינעם וואַרעמען געוועב פון לידער; אינעם געדאַנקלעכן אומרו וואָס באַוועגט דעם דמיון און די געפילן פון ווערטער און שורות פון לידער.

עמילי דיקענסאָן האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק געוווסט צו זאָגן, אַז „דער שכל איז ברייטער פון הימל", ווײַל ער נעמט אויך אין זיך אַרײַן דעם הימל..."

אָבער, וואָס מיינט הײַנט־צו־טאָג הימל ?... כדי דאָס וואָרט זאָל ווערן בילד און געזאַנג מוז הײַנט יעדער פּאָעט אַ וויג טאָן מיט אומרו זײַן מחשבה פון דאָס ניי.

דער פּאָעט ווערלען האָט אַמאָל געזען און געשילדערט דעם פּאָעט ווי „אַ באַפליגלטער וואַנדערער, וואָס מײַדט אויס מענטשן, אַבי דעם קוש דעם הימלישן צו קריגן”. וויקטאָר הוגאָ האָט באַצייכנט פּאָעטן ווי „הייליקע, התפעלותדיקע גײַסטער”, און דער ווונדערלעכער יונגער מײַסטער רעמבאָ האָט זיך געוואָנדן בדמיון צו דער „בענקשאַפט פון ימען”, צו אַ „שיכּורער שיף”, ווו „ער קאָן נישט מער פירן קיין באַוול און קיין שטריק”...

דער אויסזען פון הימל איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט דער גלאָריע פון פּאָעט, מיט דעם ראָמאַנטישן אויפברויז קעגן קאָמערציעלן פּיליסטער, קעגן אַ לעבנסשטייגער, וואָס זײַן פאָרמולע איז געווען, אַז „אַלץ מוז זײַן פּינקטלעך אין סאַמע פונקט פון מיטלפונקט”.

אָבער, אין די ראָמען פון אונדזער יאָרהונדערט, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זעען די פּאָעטן אַלײַן זייערע אייגענע פּנימער גאָר אַנדערש. ביים אַמעריקאַנער פּאָעט קאָמינגס געפינען מיר אַזאַ שורה — אַ ווענדונג צו דיכטער:

„איר, דיכטער, בײַטשלנײַדערס און טרוקענע גאָרגלען”.

און עזרא פּאַונד (נאָך איידער ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אַנטי־סעמיטיזם און פאַשיזם) האָט שוין געוווּסט אונטערצושטרייכן גאָר שאַרף, אַז ער „קאָן מער נישט שפּילן אויף וואָס פאַר אַ פײַפל”; ער זעט ביור־יאָרק מיט „אַ מיליאָן מענטשן פאַרזויערט פון האַנדל־וואַנדל”. ווי ווײַט איז דאָס פון ווערלענס „באַפליגלטע וואַנדערער” און פון דער „שיכּורער שיף” מיט דער בענקעניש פון ימען ביי רעמבאָ! ס'איז דער אונטערשייד פון צוויי יאָרהונדערטער. דער פּאָעט דזשאָן גולד פלעטשער זעט גאָר אַנדערש דעם אויסזען פון ימען און טײַכן. אין זײַן ליד „דער טײַך פליסט” געפינען מיר אַ שילדערונג „סקעלעט־שיפלעך אין אַ סאָלוט־פּאָזיציע אין מיטן אַ וועלט פון קריג” און ער זעט „די גרויע אייראָפּע שווידערנדיק אונטער דעם פינצטערן וואָלקן”.

אונדזערע פּאָעטן, די ייִדישע, אין פּראָצעס פון ממשותדיקער וואַנ־דערונג, האָבן זיך אַפילו בדמיון נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי „באַפליגלטע

וואַנדערער". וואַנדערער יאָ, נאָר מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע... וואַנדערער — זיכער, אָבער נישט קיין אויסמיידער און נישט קיין אַנטלויפער...
און איך דערלויב זיך אויך צו זאָגן, אַז מיין שיר המעלות צו דער יידישער פּאָעזיע, אין אירע הויכפּונקטן, וואָס זי האָט נישט נאָר עוסק געווען אין דערקענען די שלעכטסן פון דער וועלט, די מינוסן פון אונדזער דור, נאָר „אויב נישט נאָך העכער" — אין איר צענטער איז געשטאַנען דער מענטש וואָס באַגערט אין זיינע יסורים גאולה.

ביי לייוויקן גייט צוזאַמען די דערקענטעניש אַז „צוויי מענטשן מיינט צוויי וואָס בלוטיקן" און צוזאַמען דערמיט — די העלקייט פון גלויבן, ווי עס זאָגט אַבעלאַר צו העלואיז:

אַ מענטש אַ נייער, אַ גערעכטערער, וועט קומען
און מיר זיינען די טרעפּ פאַר זיינע פּיס.
מיר טראָגן אויס פאַר אים דעם גאַנצן טרויער,
און שווייגן אויס פאַר אים די גאַנצע שטילקייט,
און לייטערן דאָס גאַנצע רחמים אויס פאַר אים.

ווי קניפּט זיך עס מיט דעם זאָג פון לייוויקן וואָס כ'האָב געהערט אין תל-אביב: „הינטער אונדזערע יידישע ווערטער גליט דער דראַנג צו אַ העכערן ייד, צו אַ שענערן מענטש"?

און ווי איינער פון די יידישע פּאָעטן אין ישראל, וואָס האָט תמיד געקוקט ווי אַ תלמיד און ווי אַ ברודער צו די האָריזאָנטן פון דער יידישער ליטעראַטור, און זיך באַוווסטזיניק מיט באַגייסטערונג גענערט פון אירע קוואַלן — האַלט איך פאַר נייטיק, מער ווי דאָס רעדן וועגן זיך אַליין, אַרויסצוברענגען אין הייַנטיקן מעמד מיין דאַנק צו אָט די גאָר טיפע און ברייטע קוואַלן, וואָס עס איז כדאי זיך איינצובייגן צו זיי. נאָך הייַנט, נאָך די אַלע מפּלות און רעזיגנאַציעס, איז גוט אַריינצולייענען אין זיך דוד האָפשטיינס: „ווי טרויעריק-זיס איז מענטש צו זיין"; פילן דעם יידישן רחמים ביי אשר שוואַרצמאַן, ווען מלחמה און רעוואָלוציע באַשערן אים צו האַלטן די שווערד אין זיין האַנט.

נישט צו פאַרגעסן דאָס ערשטע ליד וואָס איך האָב געהערט לייענען

מיט אַ ברוסטיק־באַסאָוון ייִדיש משה קולבאַקן אין וואַרשע, וואָס האָט געשמעקט מיט וועלדער, מיט טאָרף און מיט טײַכן.

די זריעות פון זייער געזאַנג האָבן זיך דערטראָגן אַהער, אויף דער ערד פון ישראל, און מיר אַלע, ייִדישע פּאָעטן פון ישראל, און איך בתוכם, זענען מחויב, נישט נאָר צו געדענקען, און נישט נאָר צו דאַנקען, נאָר אויך ווײַטער פאַרזייען זייערע גרויסקייטן ווי דערהויבענע ייִדן, ווי שענערע מענטשן.

מכל מלמדי השׂכּלתּי: איך גלייב אין דעם וואָס דער פּאָעט קיטס זאָגט, אַז „די פּאָעזיע וועט קיין מאָל נישט שטאַרבן"; אַנדערש האָט עס געזאָגט אונדזער איציק מאַנגער: „קיין טראָפּן שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן". און ביידע זענען אויסן געווען די זעלבע זאַך! ווי מאַנגער זאָגט עס אין אַן אַנדערער שורה: „אַן אמונה איז ליד ווי פאַרוויאַנעט גראָז".

אָט די אמונה האָב איך אין זיך אײַנגעזאַפּט נאָך איידער איך האָב זי אַרויסגעלייענט פון פּאָעטישע שורות. אין מײַנע קינדער־יאָרן האָט זי אין מיר אַרײַנגעשטראַלט פון מײַן טאַטנס תורה־לערנען, גאָר פרי, אין דער שעה פון באַגינען. און דער קלאַנג פון תורה צוזאַמען מיטן ליכט פון מאָרגנשטערן, וואָס האָט אַרײַנגעשײַנט דורכן לאָדן, האָבן אַוודאי אין מיר פאַרזייעט אָט די אמונה, וועלכע מען דאַרף האָבן, וועלכע מען מוז האָבן, כּדי אָפּצוהיטן אין זיך אָט דעם פּאָעטישן עלעמענט, וואָס איז די פלאַזמע פון לידער.

פון יענע פאַרטאָגן געדענק איך, די לויפיקע טריט פון אַ טרעגער, וואָס פלעגט דורכלויפן דורך אונדזער געסל צום בית־המדרש, כּדי אַרײַנ־צוכאַפּן אַ קאַפּיטל תהלים, נאָך איידער ער נעמט דעם זאַק אויף דער פּלייצע. דער אָפּהילך פון אָט די טריט, אויסגעמישט מיט די ערשטע שטראַלן פון טאָג, איז ביז הײַנט פאַר מיר דער שליסל צו העכערן ייִד און שענערן מענטש...

פון אַלע תורות און זאָגעכצער זע איך צוויי עיקרדיקע פּסוקים וואָס דאַרפן זײַן דער יסוד פון מענטשלעכן לעבן:

איין פּסוק וואָס רעדט וועגן ברויט און מי — בזעת אפּך תאכל לחם, פון דעם קאָנען מיר זיך נישט באַפרײַען... און אַ צווייטער פּסוק: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם"... — נישט אויף ברויט אַליין לעבט

דער מענטש. מענטש איז אויך געדאַנק און וויזיע, געפיל און חלום — און, ממילא, אויך ליד.

חלומות און לידער זענען אייגנטלעך ברידער, ווײַל חלומות שפּראָצן אַרויס פון יסורים, פון מאַנגלען און מינוסן אין לעבן פון מענטש־יחיד. אויך חלומות פון אַ פאָלק שפּראָצן אויף פון יסורים מיט באַגערן, מיט אידעאַלן און מיט וויזיעס פון גאולה. דער תוך פון ייִדישקייט האָט נאָך זײַן ווערט ביז איצט, צוליב דער ברייטער קאַנווע פון בראשית ברא ביז והיה באחרית הימים... ביז הײַנט איז נאָך פאַראַן אין אָט דער טאָפּלקייט, אין מיטאָס פון בראשית און אין דער וויזיע פון אחרית הימים, מקורות פון אינספּיראַציע פאַר פּאָעטישער שאַפונג.

איך זע זיך נישט קיין מאָל סאָלאָ, איך זע זיך ווי איינער פון די ייִדישע פּאָעטן אין ישראל און זיי אַלע, צו לויב זאָל געזאָגט ווערן, אַז דאָס וואָס האָט געגערט און געשטאַרקט זייער וואָרט אין צער ייִדיש, איז געווען אָט דער אַלט־ייִדישער בראשיתדיקער עלעמענט, וואָס האָט זיך צונויפגעזיווגט מיטן נײַ־בראשית פון ישראל, און ווידער געגעבן דעם פאַרטרויערטן ייִדישן וואָרט דאָס ליכט פון דער זון און דעם ריח פון פעלד און דעם מוז פון שייכות צום היסטאָרישן געשען.

מען דערציילט אויפן מגיד ממעזריטש, אויף רבי דב בער, וואָס האָט פאַרשפּרייט די תורה פון בעל־שם־טוב, אַז ער האָט אַמאָל, נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן אײַנגעבויגן איבער דער פּרשה בראשית, זיך אויפגעהויבן מיט אַן אוי־ווײ: „אוי ווײ, כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג נאָר געזען פאַר די אויגן דעם בית פון בראשית און אין בראשית בין איך נישט אַרײַן...". איז עס צו לויב פון די ראשונים זינגער פון ייִדישן וואָרט אין ישראל, וואָס זיי זענען אין בראשית יאָ אַרײַן און דער ייִדישער וואָר געשמאַקן גרינע פעלדער און בלויע הימלען.

זע איך זיי אַלע, מיט מיר, נעבן מיר, אויך ווען זיי זענען נישטאָ אין זאַל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון לייוויק, ועמענס וואָרט און אָטעם שוועבט איבער אונדז אַלעמען לנצח.

ב



אריה שמרי   אברהם סוצקעווער   יעקב גלאַטשטיין

לייזער אייכנראַנדס „ממעמקים"־ליד

אַ וואָרט בײַ אַ קבלת־פּנים

אַנטקעגן אונדזער צײַט מיט איר אָפּגרונט, אַנקעגן אונדזער דור מיט זײַנע ריסן און צעטרייסלונגען, שטייט לייזער אייכנראַנד דערשראָקן און שטיל.

אַ פּחד פון קינדערישע אויגן וואָס קוקן אַרײַן אין דער שטערנוועלט און זעען דאָרט דערשראָקענע זעונגען, ווײַל נישט נאָר אויף דער ערד איז געשען דאָס בייז, נאָר עפּעס איז קאַליע געוואָרן אינעם גאַנצן סדר העולם:

אויס קײַלעבדיקע קינדערשע אויגן
רינט אַ טונקעלער פּחד
אין די אַשיקע טריט פון אונדזער צײַט

וואָס איז זי, אונדזער צײַט? וואָס איז איר פּנים? קודם כל — אַ תוהו ובוהו:

דער אמת און שקר מישן זיך
ווי דאָס דעמערדיקע ליכט

און נאָך אַ מישונג:

אַ מלאך מיט אַ וואָלף מישן
זייער בלוט אויס מיט דעם טויט

און ווי זעט אויס די צײַט?

פלאַמיק באַפליגלטע פערד
טראָגן זיך מיט טויטע זעלנער

און אין דער דאָזיקער גרויליקער זעונג הערט דער דיכטער דעם זיפץ פון אַ קינד: —

דער זיפץ פון אַ פאַרפּײַניקט קינד
שטורעמט אומזיסט
דעם פאַרשטיינערטן הימל

און מיט אַ שטרענגקייט פון אַ גזר־דין — אַ שווערן פסוק פון הײַנט און פון נעכטן פאַר דער צוקונפט:

אונטער די שווײַגנדיקע אויגן פון דער נאַכט
קריצט עמעץ אין אוראַלטן גראַניט
די צייכנס פון אַ טונקעלער צוקונפט.

די אַלע פסוקים דאַרפן נישט קיין פירושים, זיי זענען אַליין בילדעריש־וויזיאָנערישע פירושים צום אָפּגרונטיקן מהות פון אונדזער צײַט. דאָס זענען פסוקים צעזייעטע מיט פײַער און שאָטן איבערן גאַנצן בוך „ממעמקים", און כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף איין ליד, וואָס איז דער תמצית פון אָט די אַלע פסוקים: —

פאַר נאַכט
עפענען זיך אַלע קברים
און מיר זאַמלען אײַן
די שאָטנס פון אַלע געליבטע,
— דאָס ברויט און ווײַן
געגרייט
פון דער איינזאַמקייט,
און איבער די ווײַסע וואַסערן
וויגן ווילדע פייגל
אויף זייערע קילע פליגל
דאָס טונקעלע שווײַגן פון הימל.

זענען אין אָט דעם ליד פאַראַן אַלע עלעמענטן וואָס זענען טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר לייזער אייכנראַנד.

קודם כל: די שטילקייט. דאָס הייליקע געפּיל פון אַ פאַרנאַכטיקער סעודה. אַ סעודה אַ הייליקע און אַ טרויעריקע — ברויט און ווײַן. געגרייט פון דער איינזאַמקייט. און הינטער דער דאָזיקער איינזאַמקייט שטייט אונדזער גרויסער כלל: די שאָטנס פון אַלע געליבטע, און אַריבער דעם אַלעמען — די גרויסע דערשראָקענע אַטמאָספער: ווילדע פייגל מיט קילע פליגל און אַ טונקל שווײַגן פון הימל.

אין דאָזיקן ליד איז אויסגעמאָלט דאָס פּנים פון דער תקופה און די קײַלעכדיקע אויגן פון דער טיפער קינדיש־דערשראָקענער רויִקייט פון לייזער אייכנראַנדס ליד.

די שרעק, וואָס ווייסט אויך צו זײַן רויִק, רויִק און נישט שלוהדיק, איז אַ מעלה פאַרן ליד. נישט די אויסרוף־צייכנס און די גרויל־געשרייען זענען דער גרעסטער אויסדרוק פאַר ווייטיק. אָט די דאָזיקע ווילדע פייגל מיט קאַלטע פליגל — די צאַרנדיקע אײַנגעפּרעסטע פײַערלעכע שטילקייט — זי נעמט זיך פון טיפן יראת הכבוד צו דאָס פאַרגאַנגענע און צו אונדזער הײַנט.

אין זײַן זעלטענעם ליד „אידיליע״, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ תפילה: „האַלט אויף יענע טונקעלע רגע פון צאָרן און שטראָף״, און גלײַך נאָך דער דאָזיקער תפילהדיקער שורה קומט דאָס רחמימדיקע אָנווײַזן מיטן פינגער אויף דער הייליקייט פון שטילן לעבן — לייענען מיר:

איבערן איינזאַמען וועג האָט זיך אַ לעבן אויפגעמאַכט;
צוויי מענטשן מישן אויס זייער בלוט אין מיטנאַכט
און בלײַבן פאַרשוויגן בײַ די קילע טויערן פון שלאָף.

דער שטערן פון דער צוועלפטער שעה בייגט זיך צו זיי צו
— הייליק און שיין איז דאָס בילד פון מאַן און ווײַב —
און קושט מיט לבנהדיקע ליפּן אויס זייער וואַרעם לײַב
וואָס איז אָנגעפילט מיט נאַכטלעכן ווײַן און טיפער רו.

טיף אין דער הייך גייט סאַטורן נאַקעט זײַן וועג,
און בײַ די אוראַלט פאַרבאָרגענע וועגן פון ווינט
פרעגט ערגעץ נאָכן אייגענעם גורל אַ נײַ־געבוירן קינד —
אַ חיה האָט אין חלום איר נשמה פאַרלוירן אין געיעג.

דאָס דאָזיקע ליד הייסט „אידיליע", אָבער טיף דיכטעריש, אינטעלעקטועל און עמאָציאָנעל איז די צוזאַמענפלעכטונג פון דער טאָפּלטער זעונג: אַז מיטן פרעגן נאָכן אייגענעם גורל אויף אַ ניי־געבוירן קינד, פאַרלירט אַ חיה איר נשמה. ליגט אין דעם דער טיפער יראת הכבוד פאַר מענטש און זייַן דערהייבונג, אויך אַ טיפע אמונה אין דער צוקונפט.

לייזער אייכנראַנדס באַגעגענונג מיט קינדערישע אויגן בייַ אונדז דאָ אין לאַנד ווערן זיכער שטאַרקן אין אים דעם בטחון, און ווי ער זאָגט אַליין:

> פון אונדזערע ליפּן טריפט דער שווייס פון קומענדיקן דור
> און דער לעצטער אויסגעשריי פאַר די פעלדזן פון נייַעם טאָג.

זעען מיר אין אייכנראַנדן איינעם פון די געטרייַע בירגער אינעם לאַנד פון דער דיכטונג, אַ דיכטער וואָס שטייט מיטן פּנים צו דער צייַט, אָבער — מיט גאַמעס פון טיפע נצחדיקע שטימונגען און מיט אַ שאַרפער נטיה צו ריינקייט פון וואָרט, צייַט, דור — און מיטן צלם־אלוהים פון יעדן מענטש באַזונדער; מיט מחשבה און מיט וויזיע פון אייגנס וואָס קומט ממעמקים.

רבקה באַסמאַן און איר ליד

רבקה באַסמאַן האָט אָנגעהויבן איר ליד, איר ייִדיש געזאַנג אין ישראל, אין יענע יאָרן, ווען דאָס לאַנד און די פֿאַרלוירענע ייִדישע ערגעץ־וויַטן, האָט פֿאַרבונדן דער זאָג און די צוואה: „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״. איר ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט

זינג דאָס ניט דערזונגענע,
נעם אויף פֿאַר די געבליבענע
און רעד פֿאַר זיי דאָס ניט דערערעדטע...

אויך איר געזאַנג אַליין האָט זי אָנגעטאָן אַ נישט־דערזונגענקייט, אַ נישט־דערערעדקייט. אירע פֿאַרבן — גראָ און בלאָ פֿון נאָך און ערב; אירע קלאַנגען — חלילה אַ טאָן העכער; אירע געשטאַלטן — שאָטנס פֿון געוועזענע, וואָס קומען צו אין צימערל פֿאַר נאַכט. אַ צער אָן געשריי און אַ טרייסט מיט רמזים.

אין איר צימערל קומען דורות שטילערהייט ווי טויבן. אויף די בלאַלעכע בערג שפּאַנען אירע פֿאַרלוירענע פריידן, זי רופֿט זיי אַלעמען אַהער, מיט די פייגל און די בושלען וואָס קומען פֿון פֿאַרלוירענע פּריי־לינגען מאַכט זי דעם פֿאַעטישן אָפּמאַך פֿון טרויער און געגעזונג: „איך וועל באַלעבן דיַינע גלידער און דו וועסט מיר ברענגען זוניקע לידער״. דערוויַיל גייען נאָך אַרום די שאָטנס וואָס זוכן ליכט. דערוויַיל זעט מען נאָר די ערשט־ציטערן פֿון ערשטע שטראַלן. שאָטנס פֿון געשטאַלטן און דערוואַרטונגען און האָפֿענונגען אויף ליכט — אַ געמיש פֿון שטילן באַדויער מיט שאַרף פֿון תּפֿילה אויף ליכט און גוטס.

דאָס איז די פֿאַרב און די מוזיק פֿון בוך „טויבן ביַים ברונעם״, דאָס ערשטלינג־בוך פֿון רבקה, וועמענס ערשט ליד איך האָב געלייענט, הערב־דיק, בעל־פּה פֿון איר. די פֿאָלקישע באַשיידנקייטן פֿון אברהם רייזין, די

ליטווישע שטילקייטן פון דוד איינהאָרן, בײַנאַנד מיט די בלומיקע פאַרבן פון לייב נײַדוס — האָב איך דעמאָלט „געלייענט" בײַם הערן דאָס ליד; מיט אַ פרייד, אַז די אַלע האָבן ווידער אַ גלגול-הניגון בײַ אַ יונגער ייִדישער דיכטערין, וואָס איז געקומען פון די פײַערן.

צוזאַמען דערמיט האָט זיך געוואָלט פרעגן, נישט זאָגנדיק: פון וואַנען אַזאַ שטילקייט נאָך שטורעם; פון וואַנען אָט די שטילע זינגעניש אין דער תקופה פון גרויל און געשריי? דעם ענטפער האָב איך שפּעטער געפונען אין רבקה באַסמאַנס פּאָעטישן ווילן ווײַטער צו לעבן מיט אירע, — אָפּמעקן בדמיון, אין זינגענדיקער שטילקייט — גרויזאַמע שפּורן פון טויט. די פּאָווע מיט די טויטע אויגן וויל ווײַטער לעבן. אירע פרײַנד וואָס שפּאַנען אויף די בלאָלעכע בערג רופט זי אַהער, כדי ווײַטער מיט זיי צו לעבן — און נאָר דורך סוגעסטירטער שטילקייט קאָן מען אויסדמיונען אַזאַ פּאָעטישן תחית-המתים.

אַזוי האָב איך זיך אַליין פאַרענטפערט דעם סוד און די סיבה פון רבקה באַסמאַנס שטילקייטן אין אַ צײַט פון געשריי. ס׳איז אַ שטילקייט וואָס איז געטרײַ דעם פּאָעטישן מהות פון רבקה באַסמאַן.

רבי ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגן, אַז אַלע האָבן אַ טעות. די חסידים האָבן אַ טעות דערמיט, וואָס זיי מיינען אַז זיי האָבן שוין יאָ אַ רבין, און די מתנגדים האָבן אַ טעות וואָס זיי מיינען, אַז מען דאַרף נישט קיין רבין... און דאָס האָט מיר אויך אין דעם פאַל געהאָלפן זוכן, קודם-כל, דעם שורש פון רבקה באַסמאַנס אייגענעם וועג, דעם וועג פון קול-דממה-דקה, פון צער און רחמים, דורכגעשײַנט מיט רמזים פון העל-קייט און בשורות, לויטן עניוותדיקן נוסח פון אַ בת טובים און אַ בת ישראל.

אָט די אייגנשאַפטן פון בוך „טויבן בײַם ברונעם" אַנטפּלעקט אויך די דיכטערין אין איר נײַעם בוך „בלעטער בײַ וועגן". נאָר דאָ קומט צו נאָך עפּעס, וואָס האָט צו טאָן מיט צײַט און אָרט און ממשות, מיט קלאָרן וואָרט, מיט שאַרפערע בילדער און מיט אַקטיוויטעט פון פּאָעטישן געמיט.

אָן הקדמות, אָן פּאָעטישער רגילות פון שלייערן און פאַרפּוצונגען; גלײַך און דירעקט, מיט דעם אמת פון ייִדישן צער און מיט דעם ווײַ פון בגוואַלד פאַרשוויגענע ייִדישקייטן, האָט אונדז רבקה באַסמאַן אוועק-

געשטעלט אויף די מאָסקווער גאַסן, אינעם ליכט פון אײַז און ביַים געוויסן פון אײַזן.

נישט ערגעץ ווו און נישט ערגעץ ווײַט; אין תחום פון אָרט און צײַט, בײַם ראַנד פון היסטאָרישער כראָניק, פון קרימינעלער און רוצחי־שער כראָניק, שרײַבט אויף אַ ייִדישע דיכטעריִן, ועמען דער גורל האָט געברענגט אין דער אײַזליכטיקער מאָסקווע, איר טרויער, איר רחמים און איר טיף־נשמהדיקן פּראָטעסט.

גרויסע און שווערע אײַזערנע זיגלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער מענטשלעכקייט, איבער ייִדישקייט, און דאָס אײַזיקע ליכט האָט פאַר־פּאַנצערט און פאַרלאָשן הינטער זיך אונדזער ליכט און אונדזערע ניגונים. דאָ גייען אַרום די נשמות פון געמאָרדעטע ייִדישע פּאָעטן. בײַם שאָטן פון זייער זכרון זעען אויס די לידער פון רבקה באַסמאַן ווי ליכט פון יאָרצײַט.

איך זוך אין גאַס אַ שפּור, אַ שײַן
פון אײַער ליבט ס׳פאַרלאָשענע,
וואָס טליִעט דאָ יאָר־אויס, יאָר־איין
בײַ טויערן פאַרשלאָסענע.

איך יאָמער אויס מײַן גרוס צו אײַך:
פאַרשפּעטיקט האָב איך, טײַערע.
און ס׳ווערט פון שניי אַ ווײַסער טײַך
מיט טרערנלידער אײַערע.

און פון גאַסן צו אַ טיר, צו אַ שוועל; אַ טיר ווו עס שטראַלן לידער, אַ שוועל צו דער שטוב פון האַלקין: „ווילט זיך אַן עפן טאָן / ליבלעך די טיר און זאָגן: גוט מאָרגן האַלקין, / צו דיר״.

ס׳איז שווײַגנדיקער צער און רחמימדיקע אינטימקייט — און אַקעגן דעם — די אכזריות פון טאָג און די מאַראַנישע לופט פון בלײַבן פאַר־פרעמדט און צעשיידט:

פּראָסטיק דער טאָג,
אומעטיק טונקל
דער שיידוועג בײַם ראָג...

אויב ס'איז אמת, ווי איך מיין און גלייב, אַז די שליחות פון פּאָעט איז צו געבן די צווייטע זײַט פון דער היסטאָרישער מטבע — דעם אינו־נראה פון דער היסטאָריע, די ציטערן פון דער מענטשלעכער נשמה — קאָנען אַוודאי אָט די לידער זײַן אַ גוטער באַווײַז פון די ייִדיש־נשמהדיקע לײַדן אין דעם היסטאָרישן קאַפּיטל פון ייִדן אויף מאָסקווער גאַסן.

פאַראַן אין אָט די לידער די קלאָרקייט פון אַן אַדרעס: גאַסן, שווּעלן, מענטשן; אויך דאָס באַשטימטע, וואָס האָט צו טאָן מיטן תחום פון צײַט און די דיכטערישע טרער אין דעם וואַרעמען, געצוימטן און אינטימען לשון, הייבט אַריבער די לידער פון תחום פון צײַט און אָרט צו העכערע מדרגות.

דער תחום פון אָרט און צײַט איז דער תחום פון מאָסקווער גאַסן אין גאַנג פון אונדזערע יאָרן. די שילדערונג פון אָט דער מאָסקווע איז:

מיט פײַערדיקע סילועטן
איז פינצטער פרעמד די שטאָט

און אויף די הימלען, צווישן די לאַמטערנעס, פּסקנט די דיכטערין מיט איר בליק:

איידער מען דערזעט אַ שטערן
דערזעט מען בלוט

אָבער נאָך אַ שטאָפּל העכער פון די אַלע גרויזאַם־שילדערונגען, איז די פּאָעטישע זעונג פון דער קראָ. עדגאַר עלען פּאָו האָט די קראָ געזען ווי אַ בריטאַנישן לאָרד און ווי אַ שׂטן, אַן אַנזאָגער און שליח פון טויט. אַ ייִדישע דיכטערין פרעגט:

נאָך וואָס ביסטו געקומען, קראָ,
יאָמערן מצבות אויך אין דיר?

— און רבקה באַסמאַן אַנטפּלעקט אַ טרער אין אויג פון דער קראָ. —

כ'האָב אַ מאָל דיך פײַנט געהאַט, נאָר איצט
אַנדערש דיך צו זען איז מיר באַשערט.
און מיר דוכט, דײַן שוואַרצע אויג טרערט.

אַזוי קאָן נאָר זען דאָס אויג פון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס טראָגט אַליין אין זיך די טרער פון רחמים אין דעם אײַזיקן ליכט פון צאָרניקן מידת־הדין און אַקעגן אַ ייִדישקייט, וואָס מען וויל זי זאָל זײַן נאָך אַלעמען...

*

פון די מאָסקווער גאַסן פירט דער דיכטערינס וועג „אין מאָסקווער שול". דאַכט זיך ווידער, אַז ס'איז דער תחום פון צײַט און אָרט. די כראָניק וואָס מיר ווייסן און ווייטיקן. נאָר ערגעץ גיבן ווידער אַ ציטער אַקאָרדן פון לידער...

פון ערגעץ, פון ביאַליקס המתמיד, פון דוד איינהאָרנס בעריאָזקעס און פון קולבאַקס מנחהדיקן אָוונט־בלוי און פון זײַן ליד אחד העם... צענדליקער יאָרן איז די דיכטונג בײַ ייִדן, אין ייִדיש און אין העברעיִש, געווען דורכגעדרונגען עלעגיש מיט די שטימונגען פון דעם פאַרלאָזטן בית־המדרש, פון לעצטן בעל־תפילה און פון לעצטע מתפּללים... בכוונה אָדער נישט בכוונה קניפּט זיך אָן דאָס ליד פון רבקה באַסמאַן אין אָט דעם עלעגישן ניגון, אין נײַסטן גלגול פון אַ ייִדישקייט, וואָס דאַוונט נאָך מיט אַ לעצטער עקשנות אין מאָסקווער שול:

אומעטיק שטייען צו מזרח געבויגן
טײַבעלער גרויע, פאַרטרערטע,
קוקן מיט דורות־צעטומלטע אויגן
אין אותיות וואָס שטייען פאַרקערטע.

גאָט איז פאַראַן אין די טונקעלע באַלקנס,
אַן אביון, אַן אָרעמער בלינדער.
נאָר קיין מאָל האָט גאָט זיך אַזוי ניט באַהאַלטן
ווי דאָ, אַצינדער.

אין אָט דער גרויליקער סיטואַציע פון פאַר נאָך אַלעמען איז זיך די דיכטערין, מצרף צום מנין:

לאָז מיך אַרײַנזינגען טרערן אין סידור,
זאָל אויך מײַן תפילה דאָ וויינען

דאָס ליד האָט אין זיך רעזאָנאַנסן פון אַ גאַנצן קולטור־געשיכטלעכן גאַנג אין אונדזער לעבן פון דעם יאָרהונדערט, און מיט דעם כוח גייט

עס אַריבער דעם תּחום פון אָרט און צײַט, ווי נאָך אַ נשמהדיק בלעטל, צווישן די בלעטער פון אונדזער געשיכטע.

נאָר אַ ייִדישער פּאָעט, און אין אָט דער סיטואַציע פון צײַט און אָרט, און מיט אַ געמיט פון דורותדיקער ייִדישקייט אין זיך, וואָס גלייבט באמונה שלמה אין דער אייביקייט פון אונדזערע פּירקאַנטיקע אותיות, האָט געקאָנט אויפשרײַבן אַזאַ טרייסטליד צו ייִדישע אותיות, ווי דאָס ליד „אותיות״.

ווען רבקה באַסמאַן זאָגט „ייִדישע אותיות, וויינט ניט בײַם שרײַבן ווערטער פרעמד״ — ווייסן מיר, פאַרשטייען מיר, אַז דאָס האָט צו טאָן מיטן צער בעתן לייענען ייִדישע לידער, וואָס זענען אויסגעליידיקט פון אַ ייִדישן אינהאַלט. רבקה זעט די ייִדישע אותיות, גראַפיש, מאָלעריש אין זייער אַלטן ניגונדיקן אינהאַלט:

דער אלף אין קרומסטע פּאַרקניפּן
פאַרבלײַבט ווי אַ מאָל **אדוני.**
דער בית פון פאַרבלאָנדזשעטע ליפּן
פאַרשרײַבט אויפן קול: **בני.**

וויינט ניט, איר ייִדישע אותיות,
אהבה אין אלפס אַ — —
קומט זשע אַרײַן פון דרויסן
זינגען דעם טרעריקן שמע.

אין דעם אדוני פון רבקהס אלף איז דאָ דאָס אָפּבילד און דער ווידער־קול פון סיני. אין דעם בני פון רבקהס בית איז דאָ דאָס קול פון מאַמע רחל. און אין דעם שמע דאָס געמיט פון עדהס ייִדן דורות לאַנג.

רבקה באַסמאַן רופט צו די ייִדישע אותיות, זיך אומצוקערן צו זיך אַליין:

הערט, ווי עס בענקט אײַער ניגון
צו זיך, צו זיך אַליין;
איר ייִדישע אותיות —
טרערן פון מײַן געוויין.

נאָר מיט דער גאַנצקייט פון ישׂראלדיקע וואָרצלען אין זיך, פון אַ בת ישׂראל צום לאַנד און צום פאָלק אָן סתירות, האָט רבקה באַסמאַן געקאָנט שאַפן אָט די געצוימטע לידער, מיט זייער אינטימקייט און וועקנדיקן צער, אין דעם אײַזליכט פון פרעמדקייט און אכזריות.

נאָך אין איר ערשט בוך „טויבן בײַם ברונעם" האָט רבקה באַסמאַן אויפגעהויבן מיט אייגענעם נוסח איר ישׂראל־ליד. מיט איר שטילקייט און צוריקגעהאַלטנקייט האָט זי געפונען דעם וועג דערצו:

פאַרשעמט פון מײַן שטילער אַליינקייט
קרײַזל איך אײַן זיך אין אײַך.
שטראָמען מיר אַלע פאַראייניקט
ווי אַ באַזוניקטער טײַך.

דאָס איז אַ ליד וועגן שאַף. און דער אויסדרוק פון אײַנקרײַזלען זיך, און דערנאָך דאָס בילד פון אַ סטאַדיע אין גאַנג, ווי אַ באַזוניקטער טײַך — זאָגן עדות אויף אַ גוטן הוש־הראיה און אויך אויף אַ גוט אָפּגעקליבענעם בילדערשן און שורשדיקן אויסדרוק.

אַזוי איז אויך אַדעקוואַט ייִדישדיק און אַדעקוואַט ישׂראלדיק די זעונג פון דער דיכטערין, ווי אַזוי דער צער, אונדזער אַלעמענס צער, וואַקסט אַרײַן אין אונדזערע פעלדער דאָ:

שפּראָצן אַרויס מײַנע בינטעלעך אומעט,
שטעלן זיך אויס ווי די גאַרבן אין פעלד

און כאָטש אין דעם ליד איז אויך דאָ אַ מוסר־השׂכּל, וואָס איז מיר גאַנץ נאָענט: „איר וועט מיך לערנען אין מענטשן געפינען / וווּנדער פון קאָרן, פּשטות פון ברויט" — זע איך די עיקר־דערגרייכונג פון רבקה באַסמאַנס ישׂראלדיקייט, נישט אין מוסר־השׂכּל, נאָר אין דער בילדעריש־קייט, אין דעם אַרײַנקרײַזלען זיך צווישן שאַף, אין דעם אויסוואַקס פון בינטעלעך אומעט צו גאַרבן אין פעלד.

אין דעם נײַעם בוך „בלעטער אויף וועגן" איז דאָס ישׂראל־ליד בײַ רבקה באַסמאַן אַ ליד פון בענקשאַפט צו ישׂראל. — „צו אַ בוים פון דער ווײַט". מיטן געמיט פון אני אויף די וועגן ולבי במזרח. און נישט צופעליק פאַרענדיקט זיך דער פּרק מיט אַ ליד צו רחל די העברעיִשע

דיכטערין, וואָס האָט פון דער סלאַווישער ערד געפונען דעם וועג צו דגניה און כנרת. אָבער אויב עס גייט וועגן דער גרינער שפּראַך — ווי רבקה׳ס אַ ליד הייסט, דאַרף מען זי זוכן בײַם בוים פון דער נאָענט. דאָס איז די טבע פון ישראל־ליד, וואָס קאָן נאָר אויפצײַטיקן בײַ און פון אַ בוים פון דער נאָענט...

פאַראַן אַ ישראלדיקייט, וואָס קאָן זיך אַנטפּלעקן אַפילו אין האָנאָלולו, אויב נאָר דאָס האַרץ פון פּאָעט איז דורכגענומען מיט דער בחינה פון כל עצמותי תאמרנה... און דווקא אין די לידער פון דער דיכטערינס פרעמדקייט און איינזאַמקייט צווישן די מויערן פון אַמעריקאַנער שטעט, מיט דעם געבאָט צו זיך אַליין: „בײַ קיינעם קיין פרייד ניט אַנטלײַען, ניט זוכן דעם טומל פון שטאָט, אין לאָמפּן וואָס ליאַרעמען, שרײַען, פאַרשיכּורט און נאַקעט ווי לוט״, און דווקא אין דער „תפילה צו אַ בלום, צווישן מויערן אַרום, אינעם לויער צווישן ווענט אין דער פרעמד״ — האָב איך ווידער געהערט דעם אָפּקלאַנג פון רבקה באַסמאַנס „גרינע שפּראַך״, וואָס זאָגט ניין צו דעם טומל פון שטעט.

אויב רבקה באַסמאַן מיט אירע אייגנשאַפטן פון פאָלקישער זינגעוו־דיקייט האָט געפונען עפּעס אין די שטעט, האָט זי עס נאָר געקאָנט געפינען בײַ זיך אַליין —

זיך אײַנהערן שטילער אין זיך
אין מיטן פון שטאָטישן ליאַרעם,
און צערטלען אַ וואָרט וואָס פאַרהיט
דעם היימישן זוניקן וואַרעם.

דערפון איז צו זען אַז דווקא צווישן די מויערן פון די ווײַטע פרעמדע שטעט, האָט רבקה באַסמאַן געפונען דעם סוד פון איר אינטימער גרין־שפּראַכיקער אייגנקייט.

די תחומען פון צײַט און אָרט דערמעגלעכן נישט אויסצושעפּן אַלץ און אַלע. כ׳האָב זיך דערפאַר דער עיקר אָפּגעשטעלט אויף דעם ייִדישן און אויפן ישראלדיקן מאָטיוו ביי רבקה באַסמאַן. פאַראַן אָבער באַזונדערע פּאָעטישע עלעמענטן בײַ איר, וואָס האָבן צו טאָן מיט איר איינגעהערט־קייט „אפשר גייט צו מיר אַ גאַסט, נאָר ער טרעפט ניט צו מײַן טיר״... פאַראַן בײַ דער דיכטערין אַ שטילקייט — ווי זי אַליין זאָגט: „שטילקייט

קום־קום זינגיקע", וואָס זוכט אַ וועג צו דער שטילקייט פון פּאָלקס־מאָטיוון, ווי זי פּרוּווט עס אין „נעגערליד" און אין „אינדיאַנער גרוסן", מיט אַ סך פאַרביקייט און מוזיקאַלישקייט. אָבער איבער אַלעם, ציט אונדזער אינטערעס צו יענע פּונקטן אין רבקה באַסמאַנס לידער ווו דער פּאָעטישער הונגער וויל זיך אויפהייבן מיט די דערגרייכונגען צו נײַע זוכענישן. איך הער זיך זייער גוט אײַן ווען רבקה באַסמאַן זאָגט:

קוים כ׳בין פאַרהיילט,
נאָר די דנאָען —
זיי האָבן נאָך גאָרניט דער־ציילט...

אין שלוסליד פון פּרק „אין פאַרב פון וואָרט", אין ליד „געפינען מיך" זענען פאַראַן צוויי שורות. איינע: „מײַן אָנהייב איז גרין" און פריִער, פאַר דעם — אַ שורה ווי אַ תּפילה, ווי אַ רוף: „אַנטפּלעק מיך אין דנאָען" — — ווילט זיך בענטשן רבקה באַסמאַן אויך איר גרינעם אָנהייב און איר ווינטשן אין גאַנג ווײַטער — די אַנטפּלעקונג פון דנאָען! כ׳בין איבערצײַגט, אַז דער וועג פון איר ליד, מיט טויבן בײַם ברונעם, מיט בלעטער פון וועגן, פירט ווײַטער און טיפער און העכער מיט דעם כּוח פון פאַרטראַכטער שטילקייט, און מיט דעם אינטימען סוד פון וואָרט „וואָס פאַרהיט דעם היימישן זוניקן וואַרעם".

שלמה ביקל — ברוך הבא!

פאַראַן אַ ברוך הבא, וואָס איז מער ווי אַ ברכה צו אַ יחיד. ווען איך וויל זאָגן מײַן ברוך הבא צו שלמה ביקל, פּיל איך אין דעם ייִדישע ברכה און אויך אַ ברכה אויף דעם דערהויבענעם ייִדיש פון שלמה ביקל.

שלמה ביקל איז אין זײַן פּערזענלעכקייט און אין זײַן שאַפן אַ פּינאָנים פון דער גרויסער שעפערישער און דענקנדיקער ייִדישקייט, וואָס איז פאַר אונדז — טראָץ אַלע אירע קריזיסן און אבדות — מוט און תוכן אין לעבן און אין שאַפן.

דער גרויסער וועג פון ייִדיש, וואָס אויף אים און בײַ אים זע איך אונדזער גאַסט, דריקט זיך אויס נישט נאָר אין זין פון שטחים — ייִדישלאַנד, ווי מען זאָגט — לענדער, ימען, וועלט־פּאַנאָראַמע, שאַפונגס־צענטערס, נאָר אַ סך מער דערפון, אין דעם היסטאָרישן סך־הכל, נאָך די אַלע פלאַטערנישן און מאַטערנישן, וואָס ייִדישע קולטור און ליטעראַ־טור האָבן דורכגעמאַכט אין די אַלע דילעמעס צווישן ייִד און וועלט, יחיד און כלל, גלויבן און ניי־צײַטיקייט.

אויף דעם דרך המלך פון ייִדיש זע איך שלמה ביקלען ווי דעם גרויסן פּינטעטיקער, וואָס האָט פון דעטיילן געוווסט ווי צו מאַכן סך־הכלען, אינזיך באַהעפטן מיט אַרום־זיך און דאָווענדיקע ייִדן באַלײַכטן מיט דעם שטראַליקסטן פון אַלמענטשלעכן.

ס'איז דער גרויסער וועג, וואָס הייבט זיך אָן פון י. ל. פּרץ, פון דעם שטאָלצן ייִדיש־געפיל אנכי, פון מבטל זײַן דעם איך און אין זוכן די גרויסמענטשלעכע חשיבותן אין אונדזער טרויעריק ייִדיש ווינקל — בײַ זיך אין אַלקער...

„איך האָב אין משך פון די צענדליקער יאָרן פון מײַן באַוווסטזיניק

לעבן, אַלע מאָל געפּילט נשמהדיקע רחבותן אין ייִדישן אַלקער און ענג־שאַפט אין דער ברייטער וועלט".

און ביקל, דער דענקער און געשטאַלטיקער זעט די דאָזיקע נשמהדיקע רחבותן, די אוניווערסאַלע, אויף זײַן זיידן:

„ווײַל וואָס קען זײַן אוניווערסאַלער ווי די געשטאַלט פון מײַן זיידן דעם ירא שמים, וואָס איז געגאַנגען אין פּראַקטיקע נעכט אין קלויז אַרײַן, און איבער אים — אַן אויסגעשטערנטער הימל, און אין אים — לעבעדיק און וואָך דער גרויסער טעקסט פון עשרת הדברות, אַלע לאו'ס און הן'ס — נישט אַרויפגעצוווּנגענע פון באַרג סיני, נאָר קוועלנדיקע פון זײַן אייגן ייִדיש־מענטשלעך געמיט, פון זײַן וואַרעמער ליבשאַפט צו גאָט און פון זײַן נישט ווייניק וואַרעמער אהבת הבריות".

די אַלע צווייִקע באַטאָנונגען אין דעם דאָזיקן פראַגמענט: דער סיני־געבאָט און דער אינערלעכער אימפּעראַטיוו; די ליבשאַפט צו גאָט און די אהבת הבריות — זענען אַלע נישט נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם זיידן אין די פּראַקטיקע נעכט, אונטער די שטערן, אויפן וועג צום קלויז, נאָר אויך פאַר זײַן אייניקל, שלמה ביקל, דעם ייִדישן שעפער, דענקער און קריטיקער אין די מעטאָדן און אין נוסח פון זײַן ייִדיש וואָרט.

אויך די מאָראַלישע פאָדערונג און מאָנונג צום שרײַבער און וואָרט־זאָגער ווי אַ שליח־ציבור איז בײַ ביקלען נישט קיין צופאַל. ביקל זאָגט:

„דער אַנאָנימער מחבר פון „הנני העני ממעש" האָט מיט זײַן תפילה געשריבן דעם מאָראַלישן רעצעפּט פאַר דער געשטאַלט פון אַ וואָרטזאָגער אין אַלע ייִדישע צײַטן".

וואָס דאַרף ער זײַן, דער ייִדישער וואָרטזאָגער, סײַ שליח־ציבור און סײַ רעבעל, סײַ מיט און סײַ קעגן:

„מײַנע דאַוונענדיקע ייִדן אין ניו־יאָרק, מײַנע ייִדן אין דאָרף און אַלע מענטשן פון די עסייען פון ייִדישן טרויער — זיי זיינען צו דער זעלבער צײַט אי מיט דער שטאָט און מיטן דאָרף און אי קעגן אַ שטאָט מיט ייִדן און קעגן אַ דאָרף מיט ייִדן. זיי זענען ייִדן פון געזעלטשאַפטלע־כער הכנעה, אָן קשיות, און גלײַכצייטיק ייִדן פון ברוגזנדיקער יחידישער רעבעלישקייט".

און פּונקט אַזוי, ווי ס'איז דאָ בײַ שלמה ביקלען הומאַניזם, אהבת

הבריות און ווילן „צו מאַכן אָרדענונג צווישן דעם יחידישן שטאָלץ און דער צוגעבונדנקייט צום כלל" איז אָבער אויך אין שלמה ביקלען פֿאַראַן יענער מאָדערנער סקעפּטיציזם, וואָס דריקט זיך אויס אין אַזאַ מין וויציקן זאָג, „גלייבט נישט, אַז ס'זענען דאָ גנבים אויף דער וועלט, די מענטשן אַליין גנבענען"...

און נאָר ביקל אַליין קאָן צוליב זײַן טיפֿן ייִדישן באַנעם און דין־קינסטלערישער אויפֿפאַסונג דורכפֿירן אַ פּאַראַלעלליניע פֿון קאַצקער דעם רעבעל ביז משה לייב האַלפּערנס בונטאַרישקייט. פֿאַר די, וואָס זעען נאָר קינסטלעריש שאַפֿן גלײַך מיט דער דאַטע פֿון זייגער געבוירן — איז אַוודאי שווער צו באַנעמען אַזאַ סינטעטישן צוגאַנג.

„פֿאַראַן פֿעלקער אָן ליטעראַטורן, אונדזער ייִדיש־ליטעראַטור איז די אויסנעמלעכע דערשײַנונג פֿון אַ ליטעראַטור אָן אַ פֿאָלק".

פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך אפֿשר אויך עפּעס געענדערט מיט דעם אַנטשטיין פֿון מדינת ישראל, אָבער פֿאַקטיש איז עס אַזוי אויך הײַנט.

אָבער גערעכט איז ביקל ווען ער זאָגט:

„אַוודאי איז גרויס דער אומרו אין אונדז, אָבער קאָן דען דער דאָזיקער אומרו מינערן אונדזער באַגער צו שעפֿערישקייט, מינערן אונ־דזער אמונה אין דעם אייביקייטס־ווערט פֿון אונדזער ייִדיש וואָרט?"

דאָס איז דער ווײַט־זעעוודיקער בליק פֿון טיף־ייִדיש דענקנדיקן שלמה ביקל, דאָס איז דער באַפֿרוכפּערדיקער כח פֿון זײַן קריטישן איידעלן עסיי, און דאָס איז דער ברכהדיקער גײַסט פֿון זײַן אין סתירות שלמות־דיק געאייניקטע פּערזעלעכקייט, וואָס איז אונדז ליב און טײַער. זאָג איך ברוך הבא לכבוד שלמה ביקל, ווי, צו איינעם פֿון די באַרופֿנסטע וואָרטזאָגער פֿון דער טראַגישער און דערהויבענער ייִדישער ליטעראַטור.

נײַ־צײַטיקייט און אַלט־ייִדישע עסענצן

(צו יעקב גלאַטשטיינס יובל השבעים)

זיבעציק יאָר יעקב גלאַטשטיין — און עס גייט אויף די פרייד פון ייִדישן וואָרט מיט אים, מיט זײַן גאַנצער מי. ווער עס פילט אָט די קעגנזײַטיקע פרייד ווי אַ פיל־זכותדיקן סך־הכל פון פופציק יאָר שטייגנדיקער שאַפונג, דאַרף זיך נישט קיין סך באַוואָרענען פאַר די יובל־שטאַמפּיקע ווערטערײַען, מיט אַלע באַשלייערונגען פון יונגקייט אויף זיקנה, און קאָן זאָגן בנאמנות, אַז זעלטן ווען האָבן אין משך פון אַ שעפעריש לעבן אַזוי געהויזט בשלום דאָס אמת־גוטע פון עלטער: פאַרשטאַנדיקייט, מיט דער קווינטעסענץ פון יונגקייט: טעמפּעראַמענט פון באַנײַונג.

אין יעקב גלאַטשטיינס זיבעציק יאָר ספר החיים און פופציק יאָר ספר היצירה זענען פאַרכּוללט יאָרן פון פּאָעטיש שאַפערישער מרידה, פּיאָנערישע פּרוּוון צו גיין אויף אייגענעם באַראָט, אַזוי אין תּוך און אַזוי אין אויסדרוק; „אין־זיך״ישע מאַניפעסטן (אין געבענטשטער שותּפות מיט אהרן לעיעלעס און נחום מינקאָוו ז״ל) און נײַע לאַבאָראַטאָרישע נסיונות אויפן געביט פון ייִדישער פּאָעטיק. אין יענע צײַטן האָט דאָס אַלץ אויסגעזען ווי אויסטערלישקייטן און קידער־ווידערס — און געוואָרן איז עס יסוד און מוסטער אויף צו באַרײַכן דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור. די ווײַניקע ברויזן פון יענער פּאָעטישער יונגקייט האָבן נאָך נישט אויסגעוועפּט ביז הײַנט, און אויך דורך די גרײַזע יאָרן גייט יעקב גלאַטשטיין זײַן שאַפערישן וועג מיט אַלע אייגנקייטן, אָן דער ווייכער נאָכגיביקייט פון וועלכער ס׳איז גײַסטיקער רעזיגנאַציע, אָן די מידע נאָכשלעפּטיכער פון מידע עלעגישע באַדויערן און אָן די מרה־שחורהדיקע שלייערן פון שוין רוטיניִרטן הבל־הבלים.

דער פּאָעט לעבט. די ייִדישע לוויה־פייגל שנאַפּן.
דײַן געזאַנג איז אַ שמירה קעגן זייער געקלאַג.
די לוויה־פייגל וועלן דיך ניט כאַפּן
הײַנט אין דײַן לעבעדיקן פאַרטאָג.

(די פרייד פון ייִדישן וואָרט, ז׳ 12)

מיט רײַפער מחשבה פון „פאַריאָרטע טעג״ פריידיקט ער די טראַגי־שע „פרייד פון ייִדישן וואָרט״ מיט טעמיקע שורות ווי די אויסגעקליבנסטע פרוכטן אין די פאַסיקסטע טעג פון סעזאָנען. אַלע שיכּורותדיקע בליִעכצן פון אַ מאָל — אַ פריילינג זאַנפטיקן טיף־פאַרשטאַנדיק, תּוכיק־צימצומדיק, ווי דער בעסטער שכר פאַר דער „גאַנצער מי״. ס׳איז דער נס פון צײַטיקייט, פון הויכע רגע׳ס אין דלת אמות:

כ׳נאָג די גראָזן פון די שטילע טעג.
אַ קליינע פרייד געשעט ווי אַ נס.
ס׳האָט טויזנט חנען אַן איינציקער מעת־לעת
און גרויס ווערט אונדזער דלד־אמות —
אַ ברייטער וועג
מיט שטעגן געשפּרייט צו אַזוי פיל
נייע ווונדער.

(דאָרט, ז׳ 198)

פאַר דעם כראָניקאַל און ביבליִאָגראַפישן נאָכזוכער וועט זייער שווער זײַן צוריק צו גיין אַזאַ מהלך וועג פון די „שטילע גראָזן״ פון „באַיאָרטע טעג״ צו די ברויזיקע שעפערישע אָנהייבן פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען אַ ווידערשפּעניקע יוגנטלעכקייט האָט אויפגעזונגען מיט „פאַר־שיכּורטן געדאַנק״ און אַ בלאָנדע צעקלונגענקייט פון „צעלאַ צעלדי״ האָט יונג געמאַכט „ווי אַ סאַרנע גרינג״, די צו־פרי מידיקע ייִדישע פּאָעזיע, וועלכע האָט דווקא בײַ אַלע זינגער פון די „יונגע״ אין אַמעריקע גערעדט מיט בלעטערפאַל און מיט רעזיגנירטער אַנטלויפעניש. אָבער ווער עס זוכט אין די זיגזאַגן פון אַ פּאָעטס שאַפערישער מסכתא דעם גרונדטאָן און דעם אַנטפּלעקערישן כתב פון פּאָעטס אימאַנענטע פאַרהוילנקייטן,

דער וועט גלײַך דערקענען דעם ליכטיקן פּאָדעם, וואָס ציט זיך פון „פאַרשיכּורטן געדאַנק" און פון דער בלאָנד־ריטמישקייט פון „צעלאָ צעלדי" ביז צו דער ביאָ־פּאָעטישער עקשנות פון „לעבעדיקן פּאַרטאָג" און ביז דער נישט־רעזיגנירטער באַגעריקייט צו „נײַע וווּנדער".

*

דער צוריקבליק פון יעקב גלאַטשטיין אויף זײַן שעפערישן וועג, ווי אַ ייִד־פּאָעט צווישן ייִדן אין דער גדלות פון ניו־יאָרק, איז גובר ייִאוש און באַדויער:

ס'איז גאָרנישט געגאַנגען פאַרלוירן.
ס'איז עפּעס אַרויסגעקומען דערפון.
ס'האָבן שפּאַציר־טריט אַרײַנגעזונגען
אין צעליכטיקטע מויערן.

דאָס זענען שפּאַציר־טריט פון לאַנגע יאָרן, מיט אַ באַיאָונג פון דער ייִדיש־פּאָעטישער באַשערטקייט. און ווי גלאַטשטיינס שטייגער קריגט באַלד דאָס דאָזיקע כּי־טוב־געפיל אַ גוטן תּיקון אין אַ פּינקטלעך געשמאַק־פּראָזאַישן זאָג אין זײַן ליד: „איך בין אַ באַטייליקטער ייִד" —

איך בין אַ באַטייליקטער ייִד,
מיטן ייִדישן גאָט
אין אַ פרײַער שטאָט.

און ווי אַ ייִד־פּאָעט —

אין אַלץ וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען,
בין איך געווען,
אין אַלץ מיט מײַן ליד —
אַ באַטייליקטער ייִד.

דאָס איז איינער פון די פּאָזיטיווע סך־הכּלס, — צום זכות פון יעקב גלאַטשטיין און זײַנע חברים פון איין פּאָעטישער שול, וואָס האָבן געטראָגן צײַט און וועלט „אין זיך", און דערפאַר, טראָץ זייער זײַטווע־גיקע מאָדערניסטישע נישט־אָנערקענטקייט, געווען אין אַלץ באַטייליקטע, באַטייליקטע ייִדן. דאָס איז אויך דער סוד פון ייִדישן וויטאַמין, וואָס

האָט אַזוי געקרעפטיקט גלאַטשטיינס בטחון. „ס׳איז גאָרנישט געגאַנגען פאַרלוירן״, נישט פון דער שיכּרותדיקער יונגשאַפט און נישט פון דער באַדענקטער אויפגעצײַטיקטקייט, נישט פון געזונגענעם טראָף און נישט פון באַלערנדיקן פּסוק.

*

אַ מאָל איז עס געווען דער מינאָרער פּחד פון יאַנקל ברבֿ יצחק, אַז בלויז אַ קליינטשיק פּינטעלע ייִד איז געבליבן; אָבער „די לעצטע צײַט איז קיין שפּור ניט מער געבליבן / פון יאַנקל ברבֿ יצחק״. דאָס איז געווען אויף די זעלבע ניו־יאָרקער גאַסן, צווישן די „צעליכטיקטע מויערן״, נאָר דעמאָלט איז עס געווען פּאָעטישע אתחלתא, אין־זיכיק מרידהשער אויפטראָט, מיט אַלע טראַגישע איינזאַמקייטן, וואָס זיי מוז אויסשטיין יעדער פּיאָנערישער באַנײַער. אָבער אויך שוין דעמאָלט גייט דער וועג פון מינאָר צו מאַזשאָר, אין דער ריכטונג צו טיף ייִדישער בטחונדיקייט.

ווי דרײַ טרעפּ הייבן זיך אויף די ערשטע דרײַ לידער פון יעקבֿ גלאַטשטיינס ערשטלינג־בוך אונטערן נאָמען „יעקבֿ גלאַטשטיין״. דאָס ליד „1919״ איז דאָס ליד פון ייִדישן אומרו, פּחד פאַר טישטוש פון ייִדישער געשטאַלטיקייט אין ווירבל פון דער צײַט און אין טעמפּאָ פון גרויסשטאָט:

די גאַנצע ערד אַרומגערינגלט
און ניטאָ קיין רעטונג.
אומעטום פאַלן „עקסטראַס״ פון אויבן
און צעפּלעטשן מײַן וואַסערדיקן קאָפּ.

(פון מײַן גאַנצער מי, ז׳ 378)

אַקעגן אָט דעם סוף־פּסוק: „ניטאָ קיין רעטונג״ — הייבט אויף דער פּאָעט זיינע רעטנדיקע צוויי טרעפּ: דעם עמאָציאָנעלן ניגונדיקן געמורמל פון די „טירטל־טויבן״ און דעם הימניק־באַוווסטזיניקן אויפזינג „האָמאָ״.

„טירטל־טויבן״ איז דער פּאָעטישער אַרײַנהער אין איין וואָרט, אַ וואָרט פון חדר־יאָרן, וואָס צעניגונט זיך זכרונדיק פּיל־קאָלירק:

פלוצים:
חדר־יאָרן און אַ וואָרט,
מער נישט ווי אַ וואָרט:
טירטל־טויבן.
און ס׳לאָזט ניט אָפּ,
מיט דעם ווייכן קנייטש פון טירטל,
מיט דעם לאַסטשענדיקן קנייטש.
אַ, טירטל־טויבן
טירטל־טויבן,
טירטל־טירטל
טירטל־טויבן.

(דאָרט, ז׳ 379)

נישט מער ווי איין וואָרט — און עס זינגט. און פאַרפאַלגט. און פאַרוויגט. און דערמאָנט. אָבער וואָס פאַר אַ דערמאָנונגען? שורשדיקע, יידיש־קוואַליקע, פאַר אַלמענטשלעכער גלייביקייט; יידיש־גוואַלדיקער בטחון זינגט־אויף דורכן ליד „האָמאַ" (דאָרט, ז׳ 380): „מעג די זון פאַרברענען — — — מעגן בליצן פאַרלענדן — — — מעג די צייַט צעבייַטשן ביז בלוט אונדזערע לייַבער — — — / פון אונדזער זאָמען וועט ער קומען. / ער וועט קומען. / ער וועט מוזן קומען".

דאָס איז אויפן פאָן פון פאָגראָם־און־רעוואָלוציע־יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, פון יידישן וואַנדער און אויסריס; ערשטע טיפע איינריסן אין יידישן שטייגער אומעטום. אין זיי איז אויפגעגאַנגען גלאַטשטיינס יידישער אומרו צו ווערן אַ וואָרט פון אַליאַרם, קאָנטראַ אַלע רויקע פאַרוויגונגען, און אויך אַ וואָרט פון בטחונדיקער מונטערונג, דאָרט ווו מידקייט און רעזיגנאַציע אייַלן זיך צו צו געבן זייער סיומדיקע חתימה.

*

דער יידישער אומרו בייַ יעקב גלאַטשטיין, די באַזאָרגטקייט פאַר שלמותדיקער יידישער ווערטיקייט, האָט צוגעגעבן צו זייַן „ווייַן פון געזאַנג" דעם „ווייַן פון געדאַנק" — יענער שאַרפזין און וואַכע ניכטערקייט פון אַ ספרא וסיפא; אַ באַזונדערן פאָעטיש פאַרשאַרפטן נייַגער צו זען

און ווײַזן די נײַ־צײַט־וואָר מיט אַלע דעגענעראַציעס דורך און דורך, פּראָזאַיִש הויל, מיט דער הילף פון גראָטעסק. זענען דאָס פּאָעטישע געוואָרן פון אַ „באַטייליקטן ייִד" קעגן איבער חילול־השם און חילול־ייִד.

דער בליק אויפן אויטאָמאָביל וואָס „פּרעסט שטיקער תחום־שבת און איז זיי עלעגאַנט מחלל"; דער אַרײַנבליק אין גאָטלאָזן „שולכל אין לאַנג־אײַלאַנד" ווו „ס'ווייסט קיינער נישט, אויב גאָט כאַפּט זיך אַרײַן דאָרט אויף אַ שעה"; די פּאָרטרעטירונג פון „מאָדערנעם נביא" ווי „אַ פּאָרדינער אַ זאָטער. דער נביא פון הײַנט איז אַ יונגער אָראַטאָר" — האָבן איין דראַנג און פאַרלאַנג, צו אַנטפּלעקן די גרימאַסן פון ירידה, וואָס די צײַט פאַרפּודערט עלעגאַנט. און פאַראַן אין דער־אָ ייִדישער ראַנגלעניש פון דעם אמת־זוכנדיקן פלאַם פון אַ יוסף חיים ברענער, וואָס האָט בשעתו געפּרוווט אַרײַנקוקן אין תהום פון די ייִדישע וואַקלענישן אַרום אַ פּינטעלע — „מסביב לנקודה"... ווער ס'וועט אַ מאָל האָבן מוט צו קלאַסיפיצירן די פּלעיאַדעס פון ייִדישע שרײַבער אומעטום און אין פאַרשיידענע צײַט־אַפּשניטן, נישט נאָר לויט צופעליקע כראָני־קאַלישע צונויפּפאַרונגען אָדער בלויז עסטעטישע שייכותן, נאָר לויט היסטאָרישע ברענפּונקטן און אימאַנענטע טעמפּעראַטורן, וועט אוודאי געפינען אַ סמיכות־הפּרשה צווישן די אַלע „פּינטעלע"־אומרוען בײַ יעקב גלאַטשטיין מיט י. ח. ברענער און מיט משה לייב האַלפּערן, דער זינגער פון מענטשנוויי אין ייִדן־עלנט. פאַר זיי אַלעמען רעדט תפילה: „פאַר־שווער מיך, אַ געטרייען / צו דיר מיט גורלדיקער באַשערטקייט" ווי יעקב גלאַטשטיין בעט אין זײַן ליד „מײַן געצעלט". און ס'איז זייער אַלעמענס זכות צו —

זײַן אומשטערבלער,
אין דעם קליינעם, ליבן
ווײַנגאָרטן פון מײַן פאָלק.

דאָס איז אַ ווײַנגאָרטן פון טיפער יניקה, אַ מקור פון שטאַרקע אַלט־ייִדישע עסענצן. זײַן ערשטער פרומער פליסטער קומט פון די „טירטל־טויבן", אַן עמאָציאָנעל ניגונדיקער עלעמענט, וואָס איז געוואָרן פּאָעטי־שער אָנשפּאַר פאַר יעקב גלאַטשטיינס פיל פּול־זאָגנדיקע „באַדענקטע פּסוקים".

פראַזאַיִש איז גלאַטשטיינס זאָג, אַז זײַן לעבן איז „צונויפגעשטעלט פון שטיקער געאָגראַפּיע", עס האָט אָבער פּאָעטישע דעקונג. ווייל — נישט נאָר פון „שטיקער געאָגראַפּיע" אַליין איז צונויפגעשטעלט גלאַט־שטיינס לעבן. „אָט אַזוי ווי אין די שענסטע מעשׂות פון גוטע פרומע לײַט" זענען אויך אײַנגעטונקען אַלע ייִדישע דבקותן און באַדענקטע פּסוקים פון „די פרייד פון ייִדיש" און „פון מײַן גאַנצער מי". איך דערלויב זיך אַ סברה, אַז גלאַטשטיינס טראַכטנדיק ליד, מיט דעם באַזונ־דערן ריטעם פון אינערלעכן דיאַלאָג, — שׂיח חכמים, וואָס פירט צום פאַרגעדענקטן פּסוק — איז ווי אַן אַרויסשטראַלונג פון אַ רביש זאָגנדיקן נוסח, נאָך פון יענע וועגן וואָס פירן פון לובלין קיין פּשיסכע און קאָצק...

לייענט פאַר זיך זײַן ליד „און זאָג":

גיי אַרויס, פאַרשפּרייט עס און זאָג.
די הייליקייט פון שעפן דעם חבר
ביזן דנאָ פון זײַן נויט,
דערשפּירן זײַן שרעק אויף דײַן הויט,
איז מער ווי דער באַפרידיקטער וווּנדער
פון אַ דרײַ מאָל געדאַווענטן טאָג.

מאַך פאַר זיך אַזאַ אַלטן סך־הכל:
גיב אַוועק פון זיך אַלץ, לאָז זיך איבער מעשׂר.
פרומקייט דערקענט מען
אין דעם געשטילטן שהכל
איבער דעם געבענטשטן צימצום
פון אַ קאַלטן טרונק וואַסער.

ר' יעקב יצחק מפּשיסכע, דער תּלמיד פון חוזה מלובלין, וואָלט אַוודאי געחתמעט בשלמות אויף דעם נײַצײַטיקן מיצוות־למדן יעקב ברב יצחק גלאַטשטיין.

ווער ס'איז אַ ביסל כאַטש בקי אינעם גאַנג פון פּוילישן חסידות פון חוזה מלובלין און ווײַטער, ביז פּשיסכע און קאָצק, דער ווייסט אויך, ווי אַזוי אָט די גאָלדענע קייט האָט זיך דורך סתירות געפלאָכטן פון לעגענדאַרער פּשטותדיקער מעשׂיותדיקייט צו אָנגעלאָדענער מחשבה־

דיק־דמיונדיקער זאַגעוודיקייט פון אַ יעקב יצחק מפּשיסכע און מענדעלע מקאָצק. און כאָטש יעקב גלאַטשטיין האָט זייערע נעמען נישט פאַר־לידערט, קאָן מען זייער מהות געפינען אין דעם דענקעריש־זאָגערישן נוסח פון גלאַטשטיינס נחמן בראַצלאַווער. אין דער אמתן זענען ביי אים, ביי ר׳ נחמען, פאַרזייעט די קערנער פונעם פּוילישן חסידות פון נאָך לובלין.

און ווייל איך גלייב אין די אונטערערדישע באַרירן פון אַלע גייס־טיקע ייִדישע שורשדיקייטן און קוואַליקע עסענצן, דערלויב איך זיך די פאַר מיר קלאָרע סברה, אַז דער נוסח פון זינג־זאָגנדיקן גלאַטשטיין איז אַן עמאָציאָנעל־אינטעלעקטועלע אַרויסשטראַלונג פון אָט די טיפע שטראָ־מען, פון דעם וואָרעמען, עקשנותדיקן טראָפּ ייִד אויף דער פּוילישער ערד.

מיט אָט די שטאַרקע אַלט־ייִדישע עסענצן, איז דאָס ייִדישע „פינטע־לע״ פון ליד „1919״ אויסגעוואַקסן צו גלאָבאַלקייט פון ניי־צייטיקן ייִדיש־דיכטער יעקב גלאַטשטיין.

*

די שטאַרקע ייִדיש־עסענצן דערברענגען תמיד, ווי שוין דערמאָנט, גלאַטשטיינס ליד פון „וויין פון געזאַנג״ צום „וויין פון געדאַנק״, אַ געדאַנק וואָס טראָגט אין זיך אבותדיקן מאָראַלישן גלי, און לאָזט נישט דעם פּאָעט זיך באַגנוגענען מיט חלומדיקע טראַנסן אין דער שאַרף־קאָנטראַסטיקער ניי־צייטיקייט. און אפילו נישט זיך ראַטעווען אין שבת־דיקע אילוזיעס פון אַ פאַרשווונדענעם לעבנס־שטייגער. אַקעגן דעם „האָ־ניק־מאַרגאַרין, וואָס איז מוציא מיט געזאַנג״ און אַקעגן „בענקשאַפט־ייִדישקייט״ שטעלט זיך יעקב גלאַטשטיין, אין נאָמען פון אַ געחלומטער ייִדישקייט און זאָגט:

מיר וואָס האָבן געחלומט
פון אַ נייער אנשי כנסת הגדולה?

נאָך פון די „ייִדישטייטשן״ איז בולט ביי גלאַטשטיינען אַן אָן־פשרהדיקע ייִדישקייט, וואָס זעט די לעצטע טריט פון „קבצן שאַבעס״, „אָפּגעריסענער אורח שאַבעסקוידעש״. איינהערנדיק זיך אַזוי פּאָעטיש דין ווי „מעש און קופּער פירן סודות״ — לאָזן זיך דאָך די אויגן נישט פאַרשטעלן צו זען ווי „פולוואָך עפּנט הונגערפּיסקעס״.

אין יוני 1938 האָט יאַש נאָך זײַנע פאַרעכצן און קומעכצן פּאָעטיש געשטאַלטיקט די מראה פון ייִדישן שטייגער ערב דעם גרויסן פאַרניכטנ־דיקן שטורעם:

מיט שטילע צייכנס פון ווײַט
קומען אָן פאַרנאַכט טרויעריקע וועגענער.
ס׳שטייען אויפגעפּראַלט די טירן.
נאָר אינערגעץ וואַרט נישט קיין באַגעגענער.

(דאָרט, ז׳ 246)

אָבער נאָך פריִער האָט זײַן פאַרפילנדיקע, חוזהדיקע ייִדישקייט אויס־גערופן מיט שטאָלץ: „חרם, וועלט, אויף דײַנע טריפהנע קולטורן״ און צוזאַמען מיט דעם, אין אייגענעם אומקער, אַלעמען מיטגערופן „צום דין, צום טיפן מיִין, צום חוב, צום גערעכט״, אין גײַסט פון זײַן חלום „פון אַ נײַער אנשי כנסת הגדולה״. און נאָר די קורצזעער דורך פּאָלי־טישע פּריזמעס האָבן פון דעם היסטאָריש־אָטעמענדיקן ליד באַנומען דאָס וואָס האָט זיך געלאָזט אַרומרעדן מיטן שטאַמפּיקן „פּאַר אָדער קעגן״ — יאָ גיין אין געטאָ אָדער נישט, און פאַרזען דעם עיקר, דעם מוט פון גרויס־ייִדישקייט און אמתער גײַסטיקער עמאַנציפּאַציע, אין אַ שעה פון גאָרער אָפּהענטיקייט, ווען די „טריפהנע קולטורן״ שלײַפן שוין די אינסטרומענטן פון פאַרקנעכטונג און פאַרניכטונג.

דאָס אַלץ איז אין דער אומבייגזאַמער ליניע פון אַ מאָנענדיקער ייִדישקייט וואָס מאַכט נישט שלום מיט קיין מידקייטן און אָפּהענטיקייטן, און גלייבט:

ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.

(דאָרט, ז׳ 245)

יעקב גלאַטשטיינס „קינות אויף די נשמות פון ייִדישע שטעט״, זענען נישט נאָר קלאָג, נאָר אויך אַ דרײַסטער פאַרהער אין חשבון מיט וועלט, וואָס האָט „אָפּגעמעקט געדעכעניש״ און דערמיט אויך „פאַרמינערט דאָס געזאַנג פון דער וועלט״. די ייִדישע אבות זענען וועלטס היזק:

„זע ווי ס'פּנים פון דער וועלט איז שוין צעקרימט און מאַלפּעדיק". דאָס איז קינה אויף שטעט, וואָס וואַקסט אויס צו חשבון מיט וועלט. דאָס האָט נישט צו טאָן מיט אַנטוישונגען פון פּאַסיוויטעט, נאָר מיט גערעאַנגל אָקעגן אַ וועלטישער ירידה אין נאָמען פון „שטראַלנדיקע ייִדן", פון אַ גרויס־ייִדישער תוכיקייט.

„ווער ס'האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט, איך — אויף ייִד" — אַזוי זאָגט יעקב גלאַטשטיין וועגן זיך. אָבער אין דער אמתן איז זײַן טראָפּ ייִד, מיט זײַנע שטאַרקע עסענצן, כולו וועלט, ווײַל ער שאַנעוועט אויך נישט אין זײַן פאַרהער מיט ייִד און ייִדישקייט דעם כביכול אַליין:

כ'ווייס אַלץ נישט ווי מען איז מתפּלל,
צו אַ גאָט, וואָס אַ דריטל פון זײַן פאָלק איז פאַרטיליקט.

*

אין דער טרער פון יעקב גלאַטשטיין דעם מקונן האָט תמיד געברויזט דער הייסער אָטעם פון מוכיח און מעורר:

קום מיט מיר צו די געמאַרקן
פון די טרויעריקע און שטומע.
לאָמיר זיי שטאַרקן מיט רייד
פון דער ייִדנגאַס אין אונדזער זכרון.

(די פרייד פון ייִדישן וואָרט, ז' 143)

און די „רייד פון דער ייִדנגאַס" זענען תמיד אויסגעטאָן געוואָרן פון אַלע יומטובדיקע פאַרשלייערונגען פון „געדענקטער ייִדישקייט", און געברענגט געוואָרן מיטן טעם פון „ערדענע רייד" לויטן חוש המידות און מיט מאָנונגען צו אַ ייִדישקייט פון מידות:

הער אין גראָזן־מורמל
דײַן בענקשאַפט נאָך דער מינדסטער מיצווה.
זאָל דיר פון די גרעסטע תענוגים זײַן ליבער
דער פאַרחלשטער הונגער
צו ווערן דער אליהו
פאַר קליינע, טרויעריקע ייִדישע שטיבער.

(דאָרט, ז' 63)

דאָס איז זי די דראַמע פון „באַטייליקטן ייִד״, מיטן גערעַנגל פאַר ייִדישער ווערטיקייט און מיטן אויסוועג פון פאָלקישער ליבשאַפט.

און „הבה, לאָמיר״ עס זאָגן אָן פאַרשטעלעניש, אַז די דאָזיקע טיף־ייִדישע אָנגעלאָדנקייט אויף ברייט־וועלטישע קאַנוועס, — אַזוי בײַ יעקב גלאַטשטיין און אַזוי בײַ אהרן לעיעלעס, מיט זייער היסטאָרישער לופט און נײַ־צײַטיקער שפּאַנונג, מיט זייער דרײַסטן פּאָעטיש באַנײַענדיקן שווּנג און מיט זייער גרויסמוט צו קרעפטיקן דאָס ליד מיט פּראָזאַישע האַרבקייטן — האָט געדינט ווי באַלערנדיקער אָנשפּאַר און סטימול פאַר יונגע דורות ייִדישע פּאָעטן אומעטום, און טאָקע אויך דאָ אין ישראל. און זאָל עס געזאָגט ווערן, נישט צום טעם פון יענע יודעי חן, וואָס ציטערן פאַר אַ קווינט פּראָזע אין פּאָעטישן געוועב, אַז דווקא די דאָזיקע פּראָזאַישע האַרבקייטן האָבן ווי דרייסטע מוסטערן געלערנט, ווי אַזוי „אײַנצוקײַען״ פּאָעטיש די ששת ימי וואָך פון אַ ווערנדיק לעבן. „הבה, לאָמיר״ אין אַ פּיאָנעריש לאַנד נישט פאַרגעסן די פאַרדינסטן פון פּאָעטן־פּיאָנערן.

ווען יעקב גלאַטשטיין האָט זיך דערנעענטערט, אין גלאָבאַלן גאַנג, אהער קיין ישראל — איז ער געקומען מיט שטאָלצער ליבע פון אַ ייִדישן וועלט־פּאָעט, וואָס איז נישט נאָר אויסן צו לייגן אויף אַ רגע אַ דערקוויקנדיקע חתימה בײַ אַ שטיקל תנ״כישן פּײַזאַזש, אָדער צוגעבן אַ פּסוק הללויה צו דער פרייד פון אייגן מלכות, נאָר, און דער עיקר, צו לאָזן הערן דאָס וואָרט פון אמתער באַזאָרגטקייט, לויטן תוך פון אַ „וואַנדערפּאָלק, וווּנדערפּאָלק״, און מיט אַ מאָראַלישן גלי פון אַלט־ייִדישע עסענצן. ווי ייִדישלעך און חסידיש־ענווּדיק דער קוק אויף שיבת ציון: „מיר זענען געקומען אײַנגענעמען / ברייטע גיטער פון אָרעמטימער״ און אין גילגול הניגון פון באַרדיטשעווערס טענות הערן זיך אַרויס אָט אַזעלכע שורות:

דער באָרוועסער טאַטע שטאַמלט,
רבונו של עולם,
ווו נעמט מען עס אַלץ אויף באָרג?
דער ייִדישער גאָט פון דלות

וואָלקנט זײַנע הימלען מיט זאָרג.
ס'וויינען מלאכים אויף פּאַרדאגהטע האַרפן.
עמך ישראל, דײַן פאָלק
צריכים, זיי דאַרפן, זיי דאַרפן.

דאָס איז אַ ייִדישער הומאָר בײַ די שוועלן פון אָרעמקייט, לויט די גוטמוטיקע טראַדיציעס פון די אָבות פון דער ייִדישער ליטעראַטור. יעקב גלאַטשטיינס „אָרעמגיטער" זענען נאָך אין זײַן זכרון פון ווען „קינדער זאָגן מודה אני", ווען „שכנים טיילן זיך מיט ברויט און מילך".

פון דאָרט קומט מען דאָך, פון די נעכטיקע ייִדישע שטעט, די עמק הבכאס פון גלאַטשטיינס קינות. דאָס איז דאָך „אַ דור — ניט דור המידבר, נאָר דור המוות" — און שוין לאָזט אויך דאָ גלאַטשטיין הערן זײַן וואָרענענדיקע פּאַרזעונג פון ירידות און אַנטאַרטונגען „ווען די זון וועט דורכשוואַרצן די הויטן פון דיינע קינדער":

און מיר, מיט מײַנע אײַנגעווייטיקטע טײַטשן,
פון אַלע ביטערע גזירות,
ביז צום לעצטן קאַפּיטל פון די דײַטשן,
וועט מען אײַנגעבן היסטאָרישן שלאָפגעטראַנק
און אַוועקשטעלן אין אַ פּאַרשלאָסענער,
פאַרגעסענער שאַנק.

און איינאונאיינציק איז דאָס ליד „קיביאַ" אין דער פּאָעזיע פון אונדזערעביידע לשונות מיט דעם מאָראַליש שטראָפנדיקן ווײמוט:

אין נאַכטיקן פּאַרראַט
האָבן מײַנע ברידער
רחמנות אין זיך אָפּגעשמדט
און פּסול געמאַכט דעם פּאַרמעט פון מײַן לעבן.

אין דעם האַרבן זאָג איז אַרײַנגעטאָן דער גאַנצער ציטער פאַר עם קדושים פון דור המידבר ביז דור המוות; דער גאַנצער פּחד, אַז אַלע ייִדישע דורותדיקע הויכפּונקטן זאָלן נישט ניוועלירט ווערן. שווידערדיק ווירקן אָט די שורות, מיט זייער אומפּאַרהילטער, אָפענער זאָגיקייט, מיט

זייער נײַ־צײַטיקן, אַקטועלן אַוועקשטעל, איבער וועלכן עס הויכט דער אָטעם פון אַ נביא בשער.

*

ווי הויך און פאַרנעמיק איז אויפגעוואַקסן, מיט תוכיקער ענערגיע אָנגעפילט געוואָרן, דאָס „קליינע פינטעלע" איבער וועלכן יעקב ברב יצחק האָט אַ מאָל אַזוי געציטערט. היינט איז עס „וויין פון געזאַנג, וויין פון געדאַנק", און דאָס קוואַליטאַטיווע יידישע וואָרט, וואָס זינגט און שטראָפט און וועקט מיט דעם כוח פון זײַן שלמותדיקער מי און מיט די שרידים פון יידישער ווערטיקייט בײַם „וואַנדערפאָלק, וונדער־פאָלק" אומעטום.

אהרן גלאַנץ־לעיעלעס — אָנהייב און באַנײַונג

צו זײַן באַזוך אין לאַנד

דאָס שענסטע וואָרט פון אַלע ווערטער, איז נאָך אַלץ דאָס ערשטע וואָרט: בראשית. דעם גרעסטן יִחוס אין אונדזער מענטשלעכן שטאַם האָט נאָך אַלץ אדם הראשון. און אויך אין דער פּאָעטישער שאַפונג, ווי אין דער קולטור־שאַפונג בכלל, ווען די מאָסן פאַר חשיבות נאָר קאָנען זײַן, נישט לויט דעם געראָטענעם המשך, נאָר לויט דער געוואַגטער פּיאָנערישקייט; לויט דעם אויפטויכנדיקן גײַסט פון בראשית, לויט דער העזה פון „יהי אור״; אַט די שפּיל פון מיסטעריע און ממשות ווען גאָטס פּנים הייבט אָן צו שוועבן איבער די וואַסערן און אויף דער ערד באַווײַזן זיך די שאָטנס פון אדם וחוה.

איך מאַך אַ שהחיינו צום קומען פון אונדזער טײַערן גאַסט אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס, מיט דעם געפיל, אַז זײַנע לידער, זײַן גאַנץ פּאָעטיש שאַפן, איז איין גרויסע פּרשה בראשית אין ייִדיש; אָנהייב און באַנײַונג. זײַנע שירים האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט זײַן קיין שיריים און האָבן ביז הײַנט אין זיך אָפּגעהיטן דעם רייץ פון יונגן, שיר־השירימדיקן צוויט און די טעמען פון פולע מילגרוימען; מיט פאַרבן פון רײַכער פּאָעטישער פאַנטאַסטיק און מיט געזונטע יאָדערן פון טיפער מחשבהדיקייט. בעוונו־תינו הרבים איז עס אַ זעלטנקייט אין ייִדישן ליד.

אויף די וועלט־וועגן און אויף די האַרבסט־פעלדער פון ייִדישן שאַפן איז דעם דיכטער אהרן גלאַנץ־לעיעלעס געגעבן געוואָרן פון אונדזער שׂר היצירה אָט די שווערע און דערהויבענע האָנערישע שליחות — צו שלייפן די אינסטרומענטן פון אַ דורכאויס נײַ ייִדיש וואָרט, מיט אַן אַנדער קוק אויף לאַנדשאַפט, אויף ייִדיש לעבן.

דאָס ייִדישע לעבן איז בעל כרחו געגאַנגען פון שטעטל צו וועלט.

דאָס שטעטל האָט נאָך אָנגעהויבן צו ברענען אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט, און ויחנו ויסעו, צו נײַע תּחומען איבער ימען; אָבער די ייִדישע פּאָעזיע האָט זיך נאָך אָנגעהאַלטן בײַ די וואַקלענדיקע הײַזקעס פֿון דער אויפֿגעריסענער אַלטער שטייגערישקייט און בײַ די באַחנטע, אָבער זייער אַבֿיונדיקע מקורות פֿונעם פֿאָלקסליד, וואָס האָט אין טעמפּאָ פֿון דער צײַט פֿאַרבלאַסט ווי אַ שיינער אתרוג, געוויקלט אין וואַטע פֿון פֿאַר־אַ־יאָרן. מ׳האָט זיך נאָך אַלץ געטוליעט און געפּיעשטשעט מיט האַרציקייטן און מיט שמאַרציקייטן, מיט רויטן און טויטן און ברויטן, מיט איך בענק, איך געדענק; ווי מען וואָלט געוואָלט ווײַטער ציִען די היימישע קלאַנגען פֿון גלעטנדיקע, האַרצרײַסנדיקע פֿידעלעך פֿון נעכטן און אייערנעכטן — — און דאָס ייִדישע פּאָעטישע וואָרט וואָלט אַזוי אַנטדרעמלט געוואָרן אין די סענטימענטאַלע פּיעשטשערײַען; אַ מיתה־בנשיקה וואָלט עס געווען פֿון צו פֿיל ליבע... אַזוי האָט דאָך אַ מאָל טאַגאָרע געוואָרנט זײַן געליבטע: פּרעס נישט די קרוג צו פֿיל, זי וועט פּלאַצן; טוליע נישט צו דאָס פֿײַער צום האַרץ, דו וועסט עס פֿאַרלעשן. פֿײַער דאַרף האָבן לופֿט, און כּדי צו פֿליִען מוז מען אויסשפּרייטן פֿליגל, אויפֿהייבן זיך צו געביטן פֿון סכּנה, צו האָריזאָנטן און צו נײַע נישט־באַקאַנטע שטחים.

און דאָס איז געווען און געבליבן די עבֿודה פֿון יונגן, תּמיד יונגן אהרן לעיעלעס. פֿון לעיעלעסעס לאַבירינט און פֿון זײַן יונגהאַרבסט האָט זיך געעפֿנט אַ דרך המלך און אַ פֿרילינג פֿאַר דער ייִדישער פּאָעזיע, וואָס איז פֿול געווען מיט געפֿילן ווי עפּעס אַ יונגער שטאַפּעט, לויפֿט ווײַט אין דער וועלט אַרײַן און קערט זיך אום מיט גאָלד צו זײַן אָרעמען שבט. בכל אופֿן האָט אַזוי אויסגעזען לעיעלעס אין מײַנע אויגן, אין שפּיגל פֿון זײַן גרויסוועלטיש ליד, בעת כ׳האָב אין דעם אַרײַנגעקוקט אויף די אָרעמע גאַסן פֿון מײַן ייִדיש שטעטל. וואָרעם אַלע לידער זײַנע זענען איין סיפּור המעשה פֿון אַ בלאָנד ייִדיש ייִנגל מיט אַ בלאָנד געמיט פֿון אַ גלייביקן דור; זײַן גאַנג איז געווען צו זאָגן דער וועלט יאָ אין איר אויפֿשטייג און זיך טרעפֿן מיט איר גאַנץ אויפֿן וועג צו גוטס און שיינקייט. און אַז דער וועג האָט נישט געפֿירט צו גוטס און שיינקייט — האָט דאָס בלאָנדע ייִנגל מיטן בלאָנדן געמיט נישט אומגעקערט זײַן נאַקן צו דער וועלט, נאָר מיט גוטס און מיט שיינקייט זיך געשטעלט אויף די

שיידוועגן פון אונדזער דור מיט דעם מוט פון קוואַליטאַטיוון פּאָעטישן וואָרט. פון זײַן שאַפן האָט אַרויסגעלויכטן די ברכה שהחיינו אויף יעדער שיינקייט, די התלהבות צו יעדן טראָפּן גוטס — פון אַ פּאַרחלומטן, פון אַ טיף גלייביקן, צוזאַמען — מיט אַ שאַרפער ניכטערקייט פון אַ טיפזעער און אמת־זעער, וואָס קוקט אַרײַן אין אָפּגרונט פון יחיד און כּלל, אָן אילוזיעס, מיט שאַרפע לאַנצעטן פון דערקענטעניש און באַוווסטקייט.

אויך די הכנעהדיקייט פון עלטערע יאָרן און פון פול־פּאָעטישער צײַטיקייט האָבן מיט גאָרנישט ניט געמינערט אין לעיעלעסן דעם ווײַניקן טעם פון יונגן צוויט, וואָס איז געוואָרן:

קלאָרע פרייד פון איינזאַם
ווי זון אויף רײַפער פּרוכט.

די רײַפע פּרוכט פון לעיעלעסעס ליד רעדט איצט מיט אַ זעלטן חסדיקער שפּראַך פון באַזאַכטער הכנעה:

כ'האָב אָפּגעשפּאָרט זעלבסטקענטעניש, הכנעה צינדט
איר לעמפּל אויף מײַן גאַנג דורך גראָקייט און — באַזינט.

זי באַזינט אים דעם טאָג אין וועלכן עס גייט אויף אין פּאָעט די רחמימדיקע געשטאַלט פון אליהו, נאָך אַלע שטורעמען און פײַערן:

דעם רחומים שיק מיט פולע הענט צום בידנעם יחיד,
דעם צדק — צו דעם כּלל, מיט לאָגלען פיל, ווי רויגן.
דײַן עלנט פּאָלק דאַרף ביידע אין דער גאַנצער מאָס.
און
— — — — — —
דער תּשבי ליבט דאָס פאָלק, דאָס פאָלק ליבט אים צוריק,

אָבער גוט איז אויך צו זען אין לעיעלעסן, — מיט דער הכנעה פון באַזאַכטער דערקענטעניש און מיט דעם חסד פון צײַטיקער מילדקייט, — דעם נישט געלאָשענעם טעמפּעראַמענט פון די ערשטע בליציקע אויפשטראַלונגען, אין זעלבן בוך, אין זעלבן יאָר־עלטער.

דאָס בלאָנדע ייִנגל רעדט, און חלומט וועגן אַ שעה פון זײַן באַנײַטער בלאָנדקייט:

אַ ריס טאָן היט און האָר און געבן ס׳האַרץ אַ שאַרפן נאָג
אָזוי ס׳בלוט אַ יאָג.

אַ האַנט וועט אויפוועקן אַ טיף פאַרשטעקטע סטרונע
און אויפשפּילן אַ בענקשאַפט נאָך מײַן גראָדן בליק,
נאָך מײַן פאַראַכטער און איינציקער אמונה.
קיין קליינקייט וועט נישט וואַגן אָפּשטעלן צוריק
אָט די מוזיק.

און אויפשטיין וועט אין דרײַסטער קראַפט אַ מאַן פון דרײַסיק,
און אַל מײַן ביטערניש וועט פליסן פון זײַן צונג,
מיט האַניק פון אַנטפּלעקונג, זעעריש און פלײַסיק
וועט ער מײַן חלום אָנקליידן אין וואָר און שווּנג
און מאַכן יונג.

אָט דער יוגנטלעכער פלי־געדאַנק מיט זײַנע אַלע קאָלירן איז נאָך אַלץ דער קוועלנדיקער ברונעם פאַר יעדן, וואָס זינגט נאָך אין ייִדיש מיט אַלע חושים. צו אָט דעם ברונעם פון לעיעלעסעס פּורפּורן און גריבען און גאָלדן, איז גוט אַלע מאָל זיך אומצוקערן, כדי צו שעפּן התלהבות פאַר קערנדיק און באַנײַענדיק שאַפן. ס׳איז גוט זיך אומצוקערן ווי אַ געזעלן און זען און לערנען, ווי אַזוי אונדזער מײַסטער האָט אַרויסגעפירט אונדזער בידנע ייִדיש צו נײַע ריטמען, צו נײַע שטחים, און דאָרט ווו אַ סך האָבן גערעדט מיט בין־השמשות און מיט מוצאי־שבתדיקע סוף־פּונקטן, אָנגעהויבן ווידער מיט אלף און מיט אַ שפּאַן העכער און ווײַטער און טיפער.

*

איך בלעטער אין „יונגהאַרבסט״. די חתן־לידער פון לעיעלעסן פון די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן און איך פיל אין דעם „יונגהאַרבסט״ דעם טעם פון פרילינג אין דער ייִדישער פּאָעזיע, —

וויפל דרײַסטקייט אין דעם עצם פּאָעטישן בליק! אויף די בלומען פון דער צײַט, אויף די בלומען פון אײַזן און שטאָל; אויף דעם קאָנקרעטן און גראַנדיעזן פון די טורעמער און שלעסער פון ניו־יאָרק:

שלעסער פון אײַזן געבויט און גראַניט,
שלעסער פון מאַרמאָר און מאַלאַכיט,

דאָס איז ווײַט, זייער ווײַט פון שטעטלשער פּאַנאָראַמע, ווײַט פון די שאַגאַלישע לאַנדשאַפטן און פון די שינדלדיקע דעכער. אָבער אַזוי דורכדרינגנדיק נאָענט צו דער פאַרעקשנטער תמציתדיקער ייִדישקייט פון פּוילישן שטעטל — ווערט דאָס ליד פון גראַניט און מאַלאַכיט, ווען די ייִדישע זעונג פאַלט אויף די שלעסער, און די באַגערן פון פּאָעטס האַרץ גייען זיך פאַרמעסטן מיט דער וואַקלדיקער סטאַטיק פון די ריזיקע געבײַען:

שלעסער,
ביבליאָטעקן און מוזעומס,
מאָנומענטן, מאַוזאָלעומס,
טעמפּלען, קירכן, קאַטעדראַלן,
אַלע שלעסער —
איצטער פאַלן, פאַלן, פאַלן

אָבער זײַנע שלעסער, די שלעסער פון פּאָעט —

געבויט פון פאַרלאַנגען,
טעגלעכע זוכעניש, נאַכטלעכע באַנגען,
רעגונגען, זעונגען,
שטרעבונגען, ווונטשן;
געפלאָכטן, געשפּונען
פון ווײַטע לבנהס און ווײַטערע זונען,
פון האַרצנס באַגערן,
וואָס הערן
ניט אויף פון דעם האַרצן צו שטראַלן:

מײַנע שלעסער קאָנען קיין מאָל
ניט פאַלן, ניט פאַלן, ניט פאַלן.

איך ווייס נישט וויפל ייִדישקייט איז פֿאַראַן אין דעם גאַנצן נאָסטאַלגישן אָנגענומענעם און זייער פּאָפּולערן נוסח. אָבער אין דעם בין איך זיכער, אַז דער סאַמע ייִדישסטער אימפּעראַטיוו פֿון הר־סיני לײַכט אַדורך אין דאָזיקן ליד מיט עכטער אַנבי׳דיקער ייִדישער שטאָלצקייט אין פֿאַרמעסט צווישן גרויסן דומם פֿון מאַלאַכיט און גראַניט און די שלעסער פֿון האַרץ, וואָס קאָנען קיין מאָל נישט פֿאַלן. און פֿון אָט דעם ערשטלינג־ליד שיילן זיך אַרויס אַלע טײַערע און באַנײַענדיקע אייגנשאַפֿטן פֿון לעיעלעסעס ליד: דער מײַסטערישער דראַנג אָנצוטאַפּן מיט רעאַלע חושים דעם ממשותדיקן חומר פֿון דער וועלט; די שטיינער און די מעטאַלן; און ווידער, פֿון דער צווייטער זײַט, דער טיפֿער נישט נאָכגעביקער הומאַניזם, מיט דעם גליפּונקט פֿון תּוכיקסטער ייִדישקייט, וואָס ווייסט ווי צו היטן אין שמאָלן רוים פֿון האַרצנס באַגערן דאָס איבערצײַטיקע און אייביקע.

די אָ צוויי יסודות זענען אויך דער טאָפּלטער שליסל צו דער מײַסטערישער לאַבאָראַטאָריע פֿון אהרן לעיעלעס, וואָס איז אין זײַן ליד תּמיד מזווג די פּולסן פֿון מאָדערניזם מיט דער פֿעסטער באַזאַכטקייט פֿון סקולפּטורישער קלאַסישקייט.

איך רעד וועגן באַנײַונג אין ליד פֿון לעיעלעס, און איך טראַכט ווידער וועגן אַן אַנדער געביט, וועגן ליבע און עראָס אין ייִדישן ליד, אויף וועלכן אונדזער אַלטער שיר־השירים קוקט נאָך אַלץ אַראָפּ מיט אַ שמייכל... מיר קאָנען נאָך הײַנט געפֿינען בײַ ייִדישע פּאָעטן, אין דער צווייטער העלפֿט פֿון אונדזער יאָרהונדערט, אין צײַט פֿון אַטאָמען און מיליאָנען־מאָרדן, מיני סערענאַדעס פֿון אַלטע לאָמבאַרדן: זי שטייט אויפֿן גאַנעק, און ער, נעבעך, זינגט אַרויף. אָדער גאָר האַרץ־שמאַרץ, און אַלץ נאָך דער בת ישׂראל, מיט צעפּ, וואָס די צײַט האָט אַזוי שאַרף אָפּגעשוירן... נאָר ווער עס וויל לייענען און פֿילן פֿרילינגדיקע ציטערן פֿון יונגער, קנאָספּעדיקער ברויזיקייט, וועט זיי געפֿינען אין דער בשׂמימדיקער שאַרפֿער עראָטיק פֿון תּמיד יונגן לעיעלעס, ווו מען פֿילט וווּנדער פֿון לײַב און עקסטאַז פֿון ליבשאַפֿט נישט נאָר צו דער אָדער יענער מלכּת־היופי, נאָר גרויסע פֿאַנטעזיסטישע פֿרייד מיט דער גאַנצער חוה׳שער דינאַסטיע.

זייער דעמאָקראַטיש האָט לעיעלעס זיך געפֿירט מיט זײַן גאַלעריע

שיינקייטן — אַ גאַנצע ריי פון פּאָליטישע פּרויישע פּאָרטרעטן. זיי הייסן: יואַלאַ, סעלימאַ, וויִאָלאַ, יאָלאַנדאַ, עלאַדעאַ, קאַראַהילד און לאָמיר דאָ ברענגען ווי אַ מוסטער: כאַטש בלויז וויאָלאַן —

וויִאָלעט פון מעלאַנכאָלישע פּאַרנאַכטן.
וויִאָלעט פון אומבאַשטימטע פּאַרלאַנגען.
זיפצנדע, ווייכע, וויאָלעטענע וועלן
פון די וויאָלאָנטשעלן,
אין פּאַרנאַכטיקע שעה׳ן. — —

איז זי פּרינצעסין?
איז זי אַ פרוי?
האָט זי פּאַרגעסן?
געדענקט זי גענוי? — —

איר קרוין
לויכט אויף אין מיר מיט אַ פּײַנלעכן טרוים
און עס זיפצן די ווונדיקע וועלן
פון די פּאַרנאַכטיקע טשעלן —
זיפץ פון דעמערונג;
פון ציטערדיקן יונגהאַרבסט.
פון אַלץ, וואָס מוז און וויל ניט פּאַרגיין.

פון ווען אָן האָט אין יידיש אַ ליד פון ליבשאַפט אַזוי געשפּילט מיט אַלע נשמהדיקע גאַמעס פון עקסטאַז און פון מידקייט, מיט ציטער־דיקן יונגהאַרבסט פון אויפריכטיקער מוזיקאַלישער נשמהדיקייט; מיט ווונדיקע וועלן און פּאַרנאַכטיקע טשעלן, וואָס דערציטערן אין בענקשאַפט און אין ווייטיק, מיט פלאַטער פון שיר השירים — ביז דער קהלתדיקער דערקענטעניש „פון אַלץ וואָס מוז און וויל ניט פּאַרגיין״? אָבער דורך לעיעלעסן, דורך זײַן ליד, זענען אָט די גאַלעריע פּאָעטישע שיינקייטן געבליבן אויף אייביק אין דער יידישער שירה. זיי הייסן טאַקע נישט שרה, נישט רבקה, נישט רחל און נישט לאה. אָבער מיט זייערע נעמען: יואַלאַ, סעלימאַ, וויִאָלאַ, יאָלאַנדאַ, עלאַדעאַ, קאַראַהילד — מיט אָט

די מוזיקאַלישע נעמען זייערע האָבן זיי געעפנט אַ נײַ קאַפּיטל פֿון שיר השירים אין דער ייִדישער פּאָעזיע. און דער יונגהאַרבסט פֿון לעיעלעס איז אַזוי אַרום געוואָרן פּרילינג און באַנײַונג.

אויך דאָס טאַטע־מאַמע ליד אין ייִדיש האָט לעיעלעס אויסגעלייזט פֿון דער נאָסטאַלגיע און עס אַרויסגעפֿירט אויף דער קאַנווע פֿון אמת, פֿון ריס און צעריסנקייט, אין פּראָצעס פֿון וואַנדער און פֿאַרפֿרעמדונג.

נישט די אינטימע טוליענדיש פֿון היימישן ווינקל, נאָר די וויטיקדיקע צעשיידונג: „פֿאָטער — זון. דער זון צוריק צו ווײַטעניש אַמעריקאַנער". דער פּאָעט באַצייכנט עס נישט מיט קיין אוי און אָך, נאָר מיט אַ קלאָרער דעפֿיניציע: „גלאַנציק האַרטער אומזין".

אויף וואָס זענען געווענדט די אויגן פֿון טאַטע און זון? אויף רעלסן: „ביידע פֿאַרשן בליאַסק פֿון רעלסן שטאָל". אין דער סיטואַציע פֿון האַרטן אומזין און שאַרפֿן אָפּריס ווען אַזאַ דיכטער ווי לעיעלעס זיך נישט באַגנוגענען מיט צערטלעכן קוש און גלעט פֿון געזעגענונג, דער גרונטאָוונער ווייטיק רעדט דאָ פֿול און ביז אַ שרייענדיקן זאָג:

ס'האָט אַ צווײַג דערשפּירט דעם געוואַלטריס, און דער
שטאַם — די הייסע ראַנע,
ס'האָבן וועלטן צוויי דערקענט זיך און באַרירט צום
לעצטן מאָל.

דאָס איז מער ווי בענקשאַפֿט, דאָס איז ייִדישער וויי, וויי פֿון אָפּריס, נישט נאָר וויי פֿון דעם פֿאָטער און דעם זון, נאָר פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק אין וואַנדער און אין גזר פֿון צעשיידונג. די צווײַג האָט דערשפּירט דעם געוואַלטריס און דער שטאַם — די הייסע ראַנע. ער זעט אָבער אויך דעם שיינעם קאָפּ פֿונעם זון אין זונליכט, ווײַס און בלענדיק. געפֿינען מיר טאַקע, אַז אָט די טאָפּלזעונג פֿון יסורים און ליכט געפֿינט זיך אין לעיעלעסעס טיף־ייִדישע לידער אויף דער קאַנווע פֿון ייִדישן אומקום ווי למשל, אין „אַ ייִד אויפֿן ים".

*

פּונקט ווי בײַם טאַטע־ליד, איז דאָס ליד אויפֿגעשטיגן צו דער גרעסערער מדרגה פֿון פּאָטערלעכקייט, אַזוי איז אויך לעיעלעס דערגאַנגען

צו די טיפע עלעמענטן פון מוטערלעכקייט, וואָס שוימען ליכטיק אין דער פינצטערניש פון לײַב און באַשאַפן יענע ווײַסע פונקען, די איידעלע נאַקטורנען אין אונדזער מגושמדיקן חומר.

פון אָט די מאַמעשע ווײַסע פונקען און פון טאַטנס ליכטיקן קאָפּ, צוזאַמען מיטן בליק פון אויטאָדאַפע — האָט לעיעלעס זיך פאַראייגנט זײַן שטאָלצן ייִדישן הומאַניזם, וואָס ווייסט די

קלאָרע פרייד פון איינזאַם
ווי זון אויף רײַפער פרוכט

און אויך צוזאַמען דערמיט דעם מוט פון עטאָס:

בענק אויס דאָס וואָרט,
וואָס זאָל אָפּשטעלן די רציחה פון מידע בייזע מחנות

און דעם דיכטערישן געהויבענעם בליק, און דעם דעוויז צו זיך מיט אַ ווונק אויף זײַן אויסגערײַפטן פּאָעטישן וועג פון יונגהאַרבסט ביז בײַם פוס פון באַרג:

טראָג אויס דאָס וואָרט
וואָס זאָל רעדן ווי דאָס שווײַגן פון אַ גרײַז.

*

פון דאַנען צו זײַן ווערק „פּאַביוס לינד", וואָס איז איינאונאיינציק אין זין און אין ווילן אָנצושפּאַרן צו די דערגרייכונגען פון ליד אויף נײַער צײַט, און ווײַזן און באַווײַזן דורך פּאָעטישן נסיון, אַז ליד איז נישט עפּעס סתם אַ חן־בלימל פון אַ פאַרלוירענעם גן־עדן, אָדער אַן אָנגענעמע מאַנדאָלינע פון עפּעס אַ בין־השמשות — נעכטן און אייערנעכטן; פון אַ פאַרדרעמלטן חוגי המעגל, אָדער פון אַ משׂכיל־פילאָזאָף אין אַ כעלעמער פּאָס, נאָר אַז ליד ווי אַ לעבעדיקער נערוו פון מענטש, האָט צו טאָן מיט אַלץ צו וואָס דער מענטש האָט דערגרייכט, אַז הינטערשטעליקייט און לאָמבאַרדישע גאַרדעראָבע איז אַ זינד אין ליד. אַז די פּאָעטישע שאַפונג דאַרף אין זיך אַרײַננעמען די אַלע גײַסטיקע מענטשלעכע דער־פאַרונגען: איז פאַראַן מאָדערנע אַרכיטעקטור — טאָר אונדזער בליק

נישט בלײַבן נאָר אויף די נידעריקע דעכער ווו ציגן גייען אַרום; איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי וועלט־געשעעניש און פּרקים פֿון ברענענדיקער געשיכטע, מענטשלעכער געראַנגל מיט ירידות און אויפֿשטײַגן — קאָן דאָס ליד נישט בלײַבן בלויז אין תּחום פֿון ד׳ אמות און קאַמערמוזיק. איז פֿאַראַן אויף דער וועלט מאָדערנער טעמפּאָ, צעטרייסלטע נערוון, פּסיכיאַטריע און פּסיכאָאַנאַליז — מוז מען אויך מיט ווערטער נאָכגיין די צוקן און ציטערן פֿון דער נשמה אין די שעהען און רגעס פֿון טעג און מעת־לעתן; איז די ייִדישקייט אַרײַן אין די געדרייען פֿון דער וועלטמאַפּע — קאָן מען נישט בלײַבן בײַם פּרימיטיוו פֿון שטעטל, בלויז לשם געדענקען און דערמאָנען מיט טרערן, נאָר, און דער עיקר, אַרויס־פֿינקלען דאָס ווערטיקע און אייביקע פֿון נעכטן פֿאַר הײַנט און פֿאַר מאָרגן.

אַזוי האָב איך געלייענט און געלערנט פֿון **פּאַביוס לינדן**.

אין **פּאַביוס לינדס טאָגבוך** זענען די לאַנדשאַפֿטן פֿון דער ערד נישט געזען פּאַסטאָראַל, נאָר:

א געמיש פֿון לײַב און שטיין
א צונויפֿלויף פֿון דער שטאָטס עשירות
מיט א שווינדזוכטיק נעגעריש געסל.

און אין דער מענטשהייט־לאַנדשאַפֿט — די גרויסע סתירות:

דער וועבט לופֿטיקע בריקן אַלץ אַרויף
פֿון דינסטע זײַד־פֿעדעם, לויטער גייסט,
א צווייטער שפּײַזט ציטעריקע חלומות פֿון
אויסגעדאַרטע ברעקלעך

אָבער מער פֿון אַלץ ווענדט אָן דער דיכטער זײַן בליק אויף די זיגזאַגיקע לאַנדשאַפֿטן אין מענטש גופֿא; אויף די ירושהדיקע עלעמענטן פֿון טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אויסגעפֿאָרעמט די אינערלעכע וועלט פֿון דער טאָפּלטקייט פּאַביוס־לינד, אָט די מוטערלעכע נאָקטורנס און מאָרד־פֿאַרפּלייצעניש, די פּראָצעסן פֿון פֿאַל און פֿלי, דער ויתרוצצו פֿון ליכט און פֿינצטערניש פֿון זיך און פֿון אַלע; פֿון מאָדערנעם מענטש אין א גאַלאָפּירנדיקער צײַט.

איינציקע ווערטער — מען דאַרף זיך אײַנהערן אין זיי, מען דאַרף זיי זען אין בילדערישן טראַנס פון לײַב, פון בלוט, פון אָדערן און מאַרך, אין זיך, אין דעם לאַבירינט פון מענטשס נשמה:

פינצטערניש, געדיכטע, קנויליקע,
אוראַלטע, גרויליקע, אומהיימלעכע, מויליקע.
און פּלוצלונג — פונקען ווײַסע, גאַנצע פּאַסן.

און דעמאָלט, אין דעם שטראָם פון די ווײַסע פונקען דערפילט דער דיכטער אַרום זײַן קני:

אַ רייף אַרום מיר, ווי דער רינג אַרום סאַטורן,
שטײַף אַרום מיר. ווײַס. מוטערלעכער נאַקטורן.

*

די דראַמאַטישע שאַפונגען פון לעיעלעס וועגן יידישע משיחים זענען אויך אין דער ליניע פון דער פּאָטערזעונג: — ליכט אויפן קאָפּ און אויטאָדאַפּע אין בליק. יידישער גורל און יידישער באַרוף.

אַזוי איז אויך זײַן ווערק „ייד אויפן ים" זײַן פּאָעטישער אָוועקשטעל זיך „ביים פוס פון באַרג" און זײַן דרײַסטער דועט: „איך און אַמעריקע". תמיד דער באַנײַענדיקער פּאָעט, וואָס פאַרגעסט קיין מאָל נישט צו זײַן דער אויסטרעטער פון נײַע וועגן פאַר אויסדרוק; עקספּערימענט צוזאַמען מיט דערגרייכונג, דורך קרבן און מוותר זײַן אויף דעם לײַכטן לוין פון פּאָפּולאַריטעט, לטובת דעם גרויסן שליאַך פון יידיש־מענטשלעכער האַרי־זאָנטאַלער דיכטונג.

תמיד געווענדט צו די טיפענישן פון מענטש; דורך אייגענעם געביין צו דערגיין צו דעם אמת פון אַלעמען, און גיין צו דער מענטשהייט און צו גרויסער וועלט, נישט אין נוסח פון דעקלאַמאַציע נאָר מיטן גלי פון אוניווערסאַלן נביאישן אָטעם, ביז אחרית הימים.

תמיד יונגער דיכטערישער נײַגער צו נײַע שטחים פון זעונג און פון מחשבה. ברויזנדיק לײַדנשאַפטלעך צו נײַעם צאַפּלדיקן וואָרט, און תמיד באַרעכנט מיט געניטער מײַסטערשער האַנט, פאַר שטאַנדהאַפטי־קייט, אַז דער אָטעם פון ליד זאָל נישט פאַרברענט ווערן פון צו פיל היץ, נאָר אויך האָבן געענוג מחשבהדיקע קילקייט צו זײַן און דויערן לדורות.

„דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן"

צו דעם יובל ה־80 פון משה גראָס־צימערמאַן

...קודם כל דאַרף מען מאַכן אַ שהחיינו, וואָס מיר האָבן זוכה געווען לזמן הזה, לשמונים, לגבורות, — צו דעם שיינעם אַדערויף אויף די 120 יאָר — פון מורנו וחברנו ר׳ משה. די אַכציק בלעטער פון זײַן ספר החיים, בעל־פה ובכתב, אין דעם וואָרט וואָס מיר שרײַבן און אין וואָרט וואָס מיר זאָגן — אין אונדזער פאַל, געהערן אָן שום ספק צו די אבני־חן פון דער יידישער ליטעראַטור. ווער ס׳וועט וועלן זוכן די שפּורן פון למדנישער חריפות, נאָכן גרויסן פּיחות פון למדנות בײַ יידן, וועט זיי געפינען בשפע אין די שאַרפזיניקע, בליציקע זאָגעכצן און שרײַבעכצן פון אונדזער בעל־יובל.

דער זיווג פון עסיי און פּראָפיל, פון אַרבעטן איבער ליטעראַרישע ווערק מיט בילדער פון ישראלדיקן שטייגער, ווי זיי זענען צונויפגע־שטעלט, באַזונדער און צוזאַמען, אינעם בוך „דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן" — וואָלט אפשר בײַ אַן אַנדערן אַרויסגעקומען ווי שעטנז, אָבער ביי ר׳ משה גראָס־צימערמאַן דאָמינירט די אייגנקייט וואָס אַנט־פּלעקט זיך אין אַלע זשאַנערן, און — וועגן דעם און וועגן יענעם — איז תמיד ער־איך די ליריש אויטענטישע חתימה. תמיד צי ס׳איז אין עסיי „אַלץ: שלום־עליכם", צי אין פּראָפיל וועגן שלום־עליכמס טוביה אין נײַעם גילגול, צי אויף אַ טענדער אין אַ מושב עובדים, אַזוי צי אַזוי, אין דעם זשאַנער און אין אַנדערן, איז עס שלום־עליכמדיק, און דער עיקר גראָס־צימערמאַניש: דאָס אָפענע, גוט־זעעוודיקע אויג, דער עלע־גאַנטער שמייכל, דער שאַרפזיניקער מיין, און דער עיקר — דער הומאַ־ניסטישער אַרײַנבליק אין פּראָפיל פון מענטש, ייד, אין גאַנג פון נעכטן צו הײַנט און מאָרגן.

ישראלדיקע פּראָזאַיִקער וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי אויסצוגעפינען אַ פּערסאָנאַזש פאַר יצירה אין דעם בבל פון קיבוץ גלויות — קאָנען דאָ געפינען וואָגיקע ראשי־פּרקים פאַר אַ נײַעם ישראלדיקן עפּאָס. ס'איז דאָס גוטע שנירל פון שלום־עליכמשן הומאָר אין זיווג מיט ר' משהס הומאַניסטישן שאַרפזין.

פאַראַן אַ גאַס אין תל־אביב אויפן נאָמען פון שלום־עליכם. האָט אַ מאָל אַ ייִד, אַ טוריסט, געפרעגט בײַ אַ תושב ווו איז דאָ די גאַס שלום עליכם. האָט ער אים געענטפערט ווי אַ גוטער מורה דרך: די גאַס, אויף וועלכער איר פרעגט, האָט צוויי נעמען. אַז מען קומט אַרײַן אין איר — הייסט זי שלום־עליכם, און אַז מען גייט אַרויס פון איר — הייסט זי עליכם שלום... מײַן איך, אַז ר' משה האָט דאָרט אַרומשפּאַצירט, אויף יענער גאַס. ווײַל אַלץ איז בײַ אים: שלום־עליכם — עליכם שלום.

אָבער איך בין נישט אויסן אָנצוואַרפן אויף ר' משהן אַ ייחוס־אבות. ער קאָן זיך זײַן שטעטל אַליין באַשטיין. מיט יִיחוס עצמו און מיט שייכותן וואָס האָבן גאָר נישט געמינערט פון זײַן אייגנקייט.

איינס פון די עיקר גערעאַנגלען — בײַ אונדזער מחבר — איז פאַר דער באַזונדערקייט פון דעם שרײַבערס עבודה. ווײַל שרײַבן איז „אַן אינטימע וועלטגעשעעניש" — רשות היחיד און שיר הייחוד. דער שאַרפסטער ווידעראַנאַנד בײַ גראָס־צימערמאַן איז זײַן ווידערווילן און זײַן לא זו הדרך צום ליטעראַטור־יאַריד, צו דער געאײַלטקייט פון ביכער־פּראָדוקציע, צו דעם פּגע פון דער טעכנאָלאָגיע אין שאַפן, צו דעם מאַשין־קנעפּל וואָס דיקטעט, און בעיקר צו דעם פּאַראַזיטיש־קרענקלעכן וואָס באַגלייט דעם שאַפערישן מענטשן — דער „וואָרטווירוס".

און אַ מין־פּרומער יהי־רצון גייט דורך דורך משה גראָס־צימערמאַנס מחשבה וועגן קונסט און קינסטלער — זײַן באַגער פאַר אינטימער עכטקייט, פאַר דעם נס פון איינמאָליקייט, אַז דאָס פּנים פון אַ דערהויבענער פּערזענלעכקייט זאָל שײַנען דורכן וואָרט און עפּעס צוגעבן בראשיתדיק צום יהי אור אויף דער וועלט, וואָס איז נאָך אַלץ אין חשכות.

דאָס איז די כוונה פון ייראת־הכבוד צום וואָרט, וואָס מיר שרײַבן, וואָס צילט צום כוללדיקן מיר. ווער איז דער מיר? — „אַ קנאַפּע למד־וואָוו ייִדיש־שרייבערס אויף דער וועלט". זיי זענען דאָס אונדזער אַלימפּ

ביים אָפּגרונט פון טרערן. און וואָס עס איז אַרויסצופּילן פון ר׳ משהס זאָגן און טראַכטן איז, אַז מיר אַלע, זענען דאָס די עטלעכע מנינים אויפן טראַגישן פּיעדעסטאַל...

נישט מיט שטראָפרייד פון אַ מוכיח, אַ וועקער, אַ לאָמפּ אין דער נאַכט — זאָגט עס משה גראָס־צימערמאַן, נאָר מיט ליבשאַפט צו די שאָפערישע מנינים און יחידים, ווייל ליבשאַפט איז דער עיקר מעדיום פון זיין קריטיש־עסייִסטישן מעטאָד, וואָס מייַדט אויס איזמען, מעכאַני־זירטע רובריקעס און פּסעוודאָ־ליטעראַרישע וויסנשאַפט פון געשווירענע רעצענזענטישע אַפּטייקערס.

דער אַרט שרייַבן אַליין פון אונדזער בעל־יובל, מיט זיין פּיל־פּנימ־דיקייט און באַזונדערקייט, שטעלט זיך אַוועק ווי אַ מוסטער און מאָדעל: אָט אַזוי און נישט אַנדערש! ס׳איז די פּערזענלעכקייט פון וועלט־גאַלי־ציאַנער, וואָס האָט זיך אָפּגעחתמעט איינמאָליק אין זייַן סטיל, מיט דער אינטימקייט פון אַלט־היימיש פרומען יידישן שטייגער און מיט די ווידעראַנאַנדן פון נייַצייַטיקייט אויף די ווייַטע וועלטוועגן, נאָך דער אויס־געלאָשענער ליכטל־ליכטיקייט פון פאַרשווונדענע שבתים און ימים־טובים.

האָט זיך דאָך גראָס־צימערמאַן, פון זייַנע ליטעראַרישע אָנהייבן אָן, געקידער־ווידערט מיט די וואָס האָבן געוואָלט מיט פאָפּירענע כוחות אויפהאַלטן דאָס ליכט פון שבת. אים האָט דווקא געצויגן צו שלום עליכם, וואָס האָט שוין די יידישקייט געזען אין כאַפּ־לאַפּ פון באַנען און וואָקזאַלן, מיט דעם שמייכל פון דלות, און עס האָט אים דווקא געצויגן צו בערגעלסאָן, וואָס האָט מיט זייַנע באַרג־אַראָפּ־זעונגען אַרום וואָקזאַל און אין די האַרבקייטן פון מידת הדין און נאָך אַלעמען, נישט נאָר געזען, נאָר אויך פאַרויסגעזען, און דערפאַר אָנגעשטאָט די אילוזאָריש דמיונדיקע שיינקייטן פון נעכטיקן כלל־יידן, זיך עוסק געווען מיט דעם קאָנקרעטן ייד־יחיד וואָס איז אויך פאַר זיך אַליין אַ צרת רבים. פאַר־נעמען סיי שלום־עליכם און סיי בערגעלסאָן אַן אויבן־אָן אין דעם בוך „וואָס מיר שרייַבן״. בעת דער עיקר פון דעם בוך איז נישט אין דעם — וואָס מיר שרייַבן, נאָר אין דעם, ווי איך משה גראָס־צימערמאַן שרייַב; אין אָט דעם געוועב פון אינטימער התלהבות און דינער פינקלדיקער איראָניע.

די טאָפּלשפּיל פון התלהבות און איראָניע האָט אַוודאי איר דעפיניציע

אין ליטעראַרישן בריוונשטעלער. גרינג צו זאָגן אַז דאָס זענען די צוויי זייַטן פון ראָמאַנטיזם — זייַן עקסטאַטישער גלאַנץ פון איין זייַט און פון דער צווייטער — די סאַטירע, די ניכטערקייט נאָך דער התפעלות אויפן געוועזענעם און פאַרשווונדענעם. איך ווייס נישט, ווי לאַנג ביַי ייִדן האָט געדויערט דאָס וואָס איז יאָ געווען און איך ווייס נישט ווען איז ביַי ייִדן נישט פאַרשוווּנדן; צי ביַי ייִדן זענען געווען דינאַסטיעס און אַדעלשטאַנדן במשך דורות, וואָס מיט זייער אויפבלי און אָפּבלי האָבן זיך באַשעפטיקט די אַלע איזמען און ראָמאַנטיזמען למיניהם. איך מיין אָבער, אַז דער עיקר גייט נישט וועגן אַריינפּאַסן אַ שאַפערישע פיגור אין אַ קעסטעלע פון אַן איזם פון ליטעראַרישן בריוונשטעלער, נאָר אין אַנטפּלעקן מיט אינטימער ליבשאַפט די סודות פון דער שאַפע־רישער פערזענלעכקייט, די וואָרצלען פון ספר החיים וואָס נערן מיט בלוט און מאַרך דעם קינסטלער אין זייַן לאַבאָראַטאָריע, אין פאַרמעסט מיטן ווולגאַרן וואָרט און מיטן טומל פון דער צייַט, וואָס פאַרשפּרייט און דרינגט־אַריַין דעם „וואָרט־ווירוס", דעם חילול־השם אין קינסטלערישן שאַפן. ס׳גייט אין ליַיטערונג פון וואָרט, דורך תיקון המידות, דורך געראַנגל פאַר באַזונדערקייט.

וועגן באַזונדערקייט האָט אַ מאָל געשריבן **ישראל שטערן**:

> אַז צוויי ווערבעס שטייען ביַים טיַיך
> לעבן זיי ביידע געבויגן,
> נאָר יעדע פון זיי וויינט באַזונדער.

אַוודאי איז ישראל שטערן איינער פון די באַזונדערע, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ווי ווערבעס ביַים טיַיך אָנצוהייבן דאַווענען ווען קלויזן זענען געבליבן ליידיק.

אַוודאי איז אויך ביַי דעם דאָזיקן שיידפּונקט געשטאַנען **משה קולבאַק**, ווען ער האָט געשריבן אין זיַינע ערשטע לידער:

> אין שול איז אומקלאָר ציטערדיק... די עצבות
> זינגט פאַרבאָרגן...
> אַ שטילער מנין אַנגעקומענע פון שטעט און לענדער.
> ס׳בעט איטלעכער פאַר זיך, געבויגן אויף זיין שטענדער.

נאָר ער, משה קולבאַק, אַנדערש ווי ישראל שטערן, האָט אויך זיך איַינגעהערט אין דער עצבות וואָס זינגט פֿאַרבאָרגן:

> אָ, שומר, ווען נעמט נאַכט אַ סוף?
> אָ, וועכטער, ווען ווערט מאָרגן?

וועגן דעם דאָזיקן שיידפּונקט פֿון דער אויסגעלייַדיקטער קלויז און וועגן דער באַזונדערקייט פֿון לעצטע מתפּללים האָט אויך וואָס צו זאָגן משה גראָס־צימערמאַן:

> „אין דער אויסגעלייַדיקטער שבתדיקער קלויז, נאָך „עלינו"
> און נאָך שיר הייחוד, אָנגעזאַפּט מיט דבקות, מיט בטחון און פּחד,
> בלײַבן אַמאָל געציילטע מתפּללים, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּרײַסן,
> מחמת זיי האָבן נאָך עפּעס צו דערזאָגן, שטילערהייט, כביכולען
> פּערזענלעך — מחוץ די תּפילות פֿון עולם, וואָס האָט אָפּגעדעכעט
> און צעגייט זיך".

און אָט די באַזונדערע וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן כביכולען פּערזענלעך זעט גראָס־צימערמאַן מאַלעריש בילדעריש, ווי „צוגעוואַקסן צו אַ ווינקל אָוונט, צום שטענדער וואָס גלאַנצט אַזש פֿון אָפּגעריבנקייט" און — צו אַ וואָרט אין דער תּפילה, און קאָנען זיך אַלץ נישט שיידן פֿון דעם הייסן זאָגעכץ, וואָס פֿאַרקנוילט זיי פֿון אינעווייניק אָרום און אַרום — כאָטש „אין קלויז לעשט זיך פֿאַמעלעך דער ווײַסער פֿלאָם פֿון גאָט־נאָענטקייט — און דער אָרון קודש איז פֿאַרמאַכט".

אמת איז, אַז גראָס־צימערמאַן האָט די טראַגיש־דערהויבענע שיל־דערונג גענומען ווי אַ משל פֿאַר די קנאָפּע למד־וואָוו ייִדיש־שרײַבערס, וואָס זענען פֿאַרבליבן ווי לעצטע איינזאַמע מתפּללים אויף דער וועלט. אָבער, אין די טאָנאַציעס פֿון דעם דאָזיקן משל הערן מיר אַרויס אין ווייסן פֿלאָם פֿון גאָט־נאָענטקייט און אין וואָרט וואָס ווייטיקט אין דער תּפילה דעם באַהאַלטענעם סוד און יסוד פֿון אינטים, וואָס זײַן אָפּשטאַם איז גאָט־נאָענטקייט צווישן ייִדן און דעם ווידעראַנאַנד וואָס זײַן שורש איז אין וואָרט, אין מאָדערנעם וואָרט, וואָס ווייטיקט אין דער תּפילה.

אויך אַ מאָדעל פֿאַר זיך, פֿאַר זײַן מאָדערנער געשטאַלטיקייט האָט משה גראָס־צימערמאַן אויסגעקליבן, נישט ווײַט פֿון אָרון־קודש, און סאַמע נאָענט צום מאַרק, צום געזעמל פֿון ייִדן. און ווידער האָט עס

צו טאָן מיט דער קלויז, ווען די טרייסט פון מנחה־מעריב איז געוואָרן אַלץ קנאַפּער: דאָ רעדט זיך וועגן ברוך האַגערס אַ דערציילונג „דער צדיק": „נאָענט איז מיר ברוך האַגערס „דער צדיק": דער רבי ר' מאירל פון פּרעמישליאַן. ער איז אַ גוטער ייִד מיט העזה, מיט „שאַרפע רייד", מיט אַ מויל אויף גלעקער — — — מיט אַ קוק אויף פּופּציק מייל — און אַז מ'דאַרף, רעדט ער מיטן רבונו של עולם גויִש — — און ער איז כולו עמך, שמעקט מיט דאגות און מיט שידוכים און מיט נאָך אַזעלכע פּראָזאַיִשע זאַכן".

און אָט וואָס ר' משה אַליין זאָגט וועגן דעם ענין, אין לעצטן עסיי פון בוך, אין עיקר שכחתי:

„אַלע ווערטער וואָס מיר שרײַבן זענען ראַפינירטע מאַסקעס פון דעם אייגענעם שעמעוודיקן פּנים".

משה גראָס־צימערמאַן דערמאָנט, נישט איין מאָל, דאָ און דאָרט, וועגן באַזונדערן טעם פון גאַליציאַנער וואָרט אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור. דאָס מיינט נאָך נישט צו זאָגן, אַז אַלע גאַליציאַנער זענען טאַקע גאַליציאַנער. אָבער פאַראַן, לויט אַלע סימנים, דער דרײַלינג: משה לייב האַלפּערן, משה נאַדיר און משה גראָס צימערמאַן וואָס האָבן אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע זשאַנערן אַ באַשטימטן טעם פון שאַרפן ווײַן פון ליבהאָבן — בײַנאַנד מיט אַ ביטערער ניכטערקייט פון אמת.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען, דאָס וואָס האָט אַ שייכות מיט די אָנהייבן פון משה גראָס־צימערמאַן, דעם ווינער מורד אין מלכות הקודש פון ייִדיש.

ס'איז נישט געווען קיין זאַך פון קאַפּריז, צי אַ טוגנט, נאָר אַ נויטזאַך, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך פאַראייגנט ווי אַ דרך־המלך דעם שבת־יום־טוב מיט אַלע הויכע עפּיטעטן. ס'איז אייגנטלעך די אילוזיע פון עולם הבא, דאָרט ווו ס'האָט געהאַלטן שלעכט מיט עולם הזה. אַזוי האָט מען געפּרוווט, און אפשר אויך געמוזט, פאַרשלייערן מיט סאַמעט און זײַדנס די אײַנגעפאַלענע פּנימער און אויסגעבויגענע נאַקנס.

פּרץ און שלום אַש, ליעסין און אַפילו מאַני לייב, זיי אַלע האָבן פון ליבשאַפט צו ייִדן און פון אינערלעכן דראַנג צו מילדערן דעם צער

פון ייִדן, געצערטלט דעם בן־זכר, אים געקושט און געגלעט, געפּײַנערט און פאַרשענערט, כדי די ייִדישע טרער זאָל כאָטש לײַכטן שבת־יום־טובדיק און היימישלעך בנעימות, דווקא דעמאָלט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן אויסצופּעלן ברויט אויפן טיש. אַז ס'איז נישט געווען קיין ברויט אויפן טיש — האָט מען אָנגעהויבן עסן חלות בדמיון...

אָבער די נויט האָט געריסן פּאַסן, דורכגעריסן אַלע שבתדיקע שלייערס. די טרויעריקע אויגן האָבן דורכגעריסן אַלע פאַרהילונגען. דער ערשטער און שטאַרקסטער געוואַגטער קוק צו דעם קער און ווענד, מיט אַן אינטעלעקטועלער העזה, איז געווען דער שאַרפער, ניכטערנער קוק פון דוד בערגעלסאָן, וואָס איז נאָך ביז הײַנט נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, צוליב זײַנע דערוויַיטערטקייטן און פאַרפרעמדונגען אין דער איזאָלירטער ייִדיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור. נאָך אים האָט די ייִדישע אַנאָמאַליע פון באַדנלאָזיקייט און פון אויסגעריסנקייט און פון ייִדן־עלנט אין דער גרויסער וועלט, זיך אַרויסגערעדט און אַרויסגעזוונגען, צום שאַרפסטן, טאַקע דורך די צוויי גאַליציאַנער: משה לייב האַלפּערן און משה נאַדיר, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן ניין אָנשטאָט יאָ, ווי בונטאַרן און אויפרײַסער און דינאַמיט־לייגער אונטער די אילוזאָרישע הייליקייטן.

נאָך אַ גאַליציאַנער משה האָט עס געטאָן אויפן געביט פון דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק.

זיי, אָט דער דרײַלינג, האָבן אייגנטלעך געשפּילט און געברומט אין איין קאַפּעליע: האָט משה לייב האַלפּערן געזונגען וועגן זרחי:

— זרחי, מײַן ברודער, דער הימל קאָן טרייסטן

און דער צווייטער משה, משה נאַדיר, האָט אין זײַן אַרויפקוק צום הימל געפּסקנט, אויף זײַן שטייגער, קורץ און שאַרף, לעסטערדיק:

גאָט איז הויך, נאָר פּרנסה שטייט העכער.

איז עס אפשר צו גראָב, אָבער אויך אמת, פּאַר אַ דור וואָס האָט געביטן זײַן הויט און זײַן האַרץ... און דער דריטער משה האָט אין זײַן צײַט ווי אַ מורד במלכות זיך אַקעגנגעשטעלט קעגן פאַרייִדישן זאַראַטוסט־ראַ — „זאַראַטוסטראַ אין ספּאָדיק", — קעגן דער אַרטיסטישער קדושה,

קעגן „סוכהלע מיט די אויסגעבלאָזענע פאַרביקע אייער", קעגן „פריש אָנטפּלעקטן פלאַנעט פון אייביקן שבת".

אַזוי האָבן דרײַ גאַליציאַנער אָפּגעשפּילט, אויפגעשפּילט צוזאַמען אין אַ קאַפּעליע פון מרידה, וואָס איז געווען צום געזונט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און געהאָלפן אויפוועקן אין איר נײַע כוחות, מיט וואָרן אַרײַנבליק אין לעבן, אין באַפרײַונג פון אילוזיעס לשם קינסטלערישן ווידערגעבורט.

וואָלט נישט געשען וואָס עס איז געשען; וואָלט די גאָלדענע קייט פון ייִדיש נישט געווען אַזוי פאַרוונדיקט אין אירע רינגען און אַזוי כסדרדיק פאַריתומט, — וואָלטן מיר אַוודאי נאָך הײַנט זוכה געווען צו אַ געדעטעניש פון די זריעות און פאַראַקערונגען אויפן פעלד פון ייִדישן וואָרט.

אָבער אויך איצט, אַז מיר זענען פאַרבליבן קנאַפּע מנינים, לאָמיר דאַנקען און בענטשן די גייער און זייער אויפן פעלד פון ייִדיש. און צווישן זיי — איינעם פון די חשובסטע — דעם הײַנטיקן בעל־יובל משה גראָס־צימערמאַן.

פון אַנטווישונג צו גלויבן

די נייַע לידער פון בינם העלער

בייַ אַ סיום־הספר בייַ ייִדן — פלעגט געלויבט ווערן נישט נאָר דאָס געשריבענע ספר אַליין, נאָר די תורה ווי אַזעלכע.

ווילט זיך זאָגן צו לויב דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, אַז טראָץ אירע אַלע צרות און אַנאָמאַליעס, ווי אַ ליטעראַטור פון אַ צעוואָרפן פאָלק, און ווי אַ ליטעראַטור, וואָס גייט אויפן ראַנד פון אַ פיבערדיקער, שפּרינגענדיקער געשיכטע — האָט זי דאָך באַוויזן אויף אַ מייַסטערהאַפטן אופן צו פאַרטיילן אירע ראָלן אַזוי, אַז יעדער פּאָעט זאָל — באַוווּסט־זיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק — ווערן דער ראש־המדברים פון באַשטימטע היסטאָרישע דערשייַנונגען, און נישט נאָר זייַן אַ סתם אַמוזירער פון ווערטער.

די פּאָעטישע שטרעמונג צו וועלכער בינם העלער האָט געהערט — מיט אירע אייגנשאַפטן: סאָציִאַלער מאָטיוו, אָנשפּאַר אויף דער אַקטואַ־ליטעט, דירעקטער אָפענער אויסדרוק, פּשטות אין דער שפּראַך, קלאָרקייט ביזן סוף — איז נישט געווען צופעליק, נאָר ס'איז געווען אין פולער האַרמאָניע מיט דעם ווילן צו רעדן דו אויף דו מיט דער ברוטאַלער פּעריפעריע צו וועלכער זיי האָבן געהערט.

נאָר ווען מען נעמט דאָס אין אַכט, קאָן מען אַריבערגיין צו דער געשריבענער תורה אַליין — צו די נייַע לידער פון בינם העלער.

אַ רײַנדיקע תפילה, אַ תפילה פון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס האָט געטרויט זייַן געזאַנג אַ דור אין זייַן צו־האַסטיקן לויף; אַ ימים־נוראימדיקע תפילה ממעמקים, צו געפינען ווידער, דורך תשובה פון אייַנזאַמקייט, דאָס געלייַטערטע וואָרט, פון זיך אַליין צו דער גרויסער וועלט, נאָך דעם גאַנצן טראַגישן וועג אויף די שליאַכן פון דער גרויזאַמער מולד־

צייט; אַ באַגער זיך אויסצולייזן פון אַלע האַרמידערס און יאַרידן, פון דעם גאַנצן אויפגעפּלוישטן על דעת המקום ועל דעת הקהל און קומען באַנייט צום קול דממה דקה, צו הנני העני, צו מענטשהייט דורך מענטש, צו שליאַכן דורך היים, צו יענער טיפער ווינקלדיקער שטילקייט, אין וועלכער עס וווינט באמת די וועלט — און דער מענטש.

אַט דאָס הער איך אַרויס פון בינם העלערס נייַע לידער.

שמחה בינם, דער צווייטער פּשיסכער רבי, האָט געזאָגט: „צוויי קעשענעס האָט דער מענטש, אין איינער דאַרף ער טראָגן עניוות, אין דער צווייטער — השיבות", אין דער פּאָעזיע איז אין דער אמתן פאַראַן נאָר איין קעשענע — דורך עניוות צו חשיבות.

דאָס איז אַן אייביקער וויכוח צווישן ליריק און דעקלאַמאַציע, צווישן אמונה און קירכע, צווישן פּאָעזיע און סאָצ. רעאַליזם...

אין יעדן דור קליידט אַן דער וויכוח אַן אַנדער פּנים. אָבער ער איז תמיד דער זעלבער. אין יעדן דור געשעט דאָס זעלבע: דאָס וועלן איינשפּאַנען דאָס גייסטיקע און דאָס שעפערישע אין מענטש אין אייַזערנעם רייטוואָגן פון דער צייַט. ווייַל מלכות דאַרף האָבן הויף־זינגער, לוייִם — ווי זי דאַרף האָבן כוהנים, אָבער די פּאָעזיע האָט איר חשבון. זי ווייסט, אַז אויך דוד המלך האָט צום סוף געזונגען מן המצר, און שלמה המלך איז געגאַנגען צו שיר השירים און צום פּאָעטיש עלעגישן קהלת.

די פּאָעזיע איז גאָר נישט אַזוי תמימותדיק ווי מען מיינט, זי קען אין אַלע צייַטן די מלכים, די דיקטאַטאָרן, די גענעראַלן, און אין אונדזער צייַט — אויך די פּאַרטיי־פירער, די פּראָגראַמירער און פּאַגראַמירער, און אויך אירע מ׳שטיינס־געזאָגטע פרייַנד: — די מעצענאַטן פון גייַסט, די סנאָבן און די איזם־טייַטלערס פאַר פּאָעטן, די אַלע אלף־בית־אידעאָלאָגן.

איז געשטאַנען די פּאָעזיע פאַרשעמט אין זייער טויער. ווייַל פּאָעזיע האָט מער שייכות מיטן גאָט פון די אביונים ווי מיט דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג וואָס רינגלט איר אַרום מיט טייַטלען פון מלמדים און מיט בייַטשן פון באַפעלערס אין אַלע צייַטן...

מאַרקס האָט געדאַרפט פאַר זייַנע צייַט־חברים — די גרינדער פון סאָציאַליזם — בעטן אַ זכות פאַר הייַנריך הייַנע, באשר ער האָט דאָך געשריבן אַ ליד װעגן װעבער. און אין פּאַריז, װוּ מיט נאַפּאָלעאָנס נשמה לעבט שוין נישט קיינער, גייען נאָך אַרום איינזאַמע, פאַראומערטע פּרויען,

לייגן בלומען און קוויטלעך ווי פֿאַר אַ רבין, בײַ דער מצבֿה פֿון היינריך היינע.

און דער תהלים־ניגון פֿון דוד המלך וווינט מער אין הארץ ווי אין אַלע מלכותן צוזאַמען.

די פּאָעזיע ווערט תמיד באַזיגט אין יעדער צײַט, און אין אַלע צײַטן איז זי די זיגערין.

צוויי פּאָעטן אין טויער פֿון אונדזער דור: — מאַיאַקאָווסקי און יעסענין, איז איינער געריטן, אין דור און פֿאַר דעם דור, אויף דעם שטאָלערנעם פֿערד פֿון דער צײַט. און דער צווייטער — מיטן דערשראָקענעם לאָשעק און מיטן צוריקבליק צום גאָט פֿון זײַנע אָבות־אביונים, רוסישע פּויערן מיט גרויע הייזקעס; צום קעצל, פֿון וועמענס פּעל מען האָט געמאַכט פֿאַר דעם זיידן אַ היטל. זענען ביידע געריטן. נאָר דער חכם און אויבערפּאָעט איז געווען דער פּאָעט פֿון די אויסרופֿצייכנס מאַיאַקאָווסקי, און אין שאָטן איז געשטאַנען דער פֿראַגעצייכן־פּאָעט יעסענין.

נאָך די אַלע פֿרעגענישן פֿילן מיר אַלע אַז דער פֿרעגער און צוריקקוקער יעסענין האָט באַקומען נײַע דימענסיעס.

איך וואָלט געזאָגט, אַז אויף דעם שליאַך צווישן אויסרופֿס־צייכנס און פֿראַגע־צייכנס ציט זיך דער וועג צו דער נײַער קול־דממה־דיקער טאָנאַציע אין בינם העלערס נײַע לידער.

ווייניקער תקיעה און תרועה, מער שברים, מער צעבראָכנקייט, מער ווייטיק פֿון סאַמע שורש; נישט מענטשהייט, נאָר מענטש, נישט פֿאָלק, נאָר ייִד, נישט קלאַס, נאָר אָרעמאַן, נישט איזם, נאָר אויפֿריכטיקער, אומפֿאַרמולירטער רצון, אָן פּאַראַגראַפֿן, אָבער דערפֿאַר אמתער אמת צו גוטס און צו שיינקייט.

ווײַל מענטש איז ממילא מענטשהייט, ווײַל ייִד איז ממילא פֿאָלק, ווײַל אָרעמאַן איז ממילא חלום פֿון יושר און צדק. און שיינקייט איז נישט אַ קאַפּריז פֿון אינדיווידואַליסטן — עסטעטיקער, נאָר נויטווענדיקע רפֿואה פֿאַר יעדן מענטשן.

און אויב די גאַנצע יאַריד־קאַפּעליע פֿון אידעאָלאָגישע אַפּאָטרופּסים האָט אַ מאָל נאָך געפּרוווט אײַנטענהן, אַז אין זייערע הענט ליגט די אחריות און דאָס געוויסן פֿון דער תקופֿה, וואָס איז העכער פֿאַר שיינקייט, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווהין ס'האָט געפֿירט די דאָזיקע אחריות.

אין דיכטערס האַרץ אַליין דאַרף וואַך זײַן דאָס געוויסן פֿון זײַן תקופֿה. ער דאַרף נישט באַקומען די פּאַרציע געוויסן מיט דער הילף פֿון די פּראָגראַם־קעלנערס.

דער וועג פֿון אַ דעמיאַן ביעדני, וואָס האָט זיין קאַרג ביסל פּאָעזיע באַרײַכערט אַדאַנק דער פֿאַלשער וואָגשאַל פֿון פּאַרטיי־רעזשים, קאָן נישט זײַן דער וועג פֿון אמתן, אויפֿריכטיקן פּאָעט.

לייוויק, דער אחריותדיקער ייִדישער פּאָעט, האָט שוין לאַנג געוווּסט, אַז עמעץ מוז דאָך פֿרעגן: וואָס טוט מען מיטן בלוט וואָס ווערט פֿאַרגאָסן?

איז עס אין גאַנג פֿון דערקענען דעם מהות פֿון פּאָעזיע, פֿון באַפֿרײַען די פּאָעזיע פֿון אַלע באַציליקע אַפּאָטראָפּסים און פֿון אינערלעך פּאָעטישן רענעסאַנס — פֿאַר זיך, פֿאַר אַנדערע, ווען בינם העלער זאָגט סומירנדיק אין צוויי תמציתדיקע שורות:

איך קום צוריק צום תמצית פֿונעם גוטן —
אַז אייביק איז דער קליינער טראָפּן בלוט.

און פֿאַר דעם:

נישט צײַט, נישט רוים איז מער שוין אַבסאָלוט.

דער וועג צו דער נײַער דערקענטעניש וועגן ליד איז נישט אַזוי גלאַטיק ווי מען מיינט. וואָלט ער געווען גלאַטיק — וואָלט ער געווען ווייניקער פּאָעטיש... דער וועג גייט דורך זיגזאַגן — אויך דורך וואַקלונגען, דורך נאָסטאַלגיעס צום פֿריִערדיקן וועג, זיי נעמען זיך אויך דערפֿון — צום שבח פֿון בינם העלער, וואָס ער וויל זײַן נעכטן נישט פֿאַרוואַרפֿן טאָטאַל, נאָר אויך אין אים געפֿינען דאָס שיינע. און דאָס איז גוט. ווײַל אַנטוישונג קאָן פֿירן צו ניהיליזם סתם, צו גאָרנישט. און בינם העלער געהערט — שמחה בינעמדיק — צום גזע מאמינים, וואָס זוכן אויף די אַשן אַ פֿונק ליכט.

זכותים זוכט בינם העלער — אויך צווישן די עוולות און אָפּגענאַרטקייטן.

דאָס איז דער ייִדישער שטייגער פֿון מידת החסד און פֿון רעלאַטיוון באַשולדיקן דאָס שלעכטס. דער פּאָעט פֿילט זיך שולדיק צו די קוואַלן

פון זײַן ליד, צו דער ערשטער אידעיִשער באַגײַסטערונג, וואָס האָט אויך געבערט זײַן ליד. איז גוט, וואָס בינם העלער געדענקט מיט ליבשאַפט, די מקורות פון זײַן געזאַנג:

מיט ליבשאַפט דערמאָן איך די יאָרן פון נויט,
און גרייט בין איך ווידער אַריבערצושפּרינגען
דעם עבר אַזוי ווי אַ שטעכיקן פּלויט,
אַבי צו דערהערן די שורות, וואָס זינגען.

און גוט וואָס בינם העלער ווייסט אַליין, ווי אַ באַוווּסטזיניקער פּאָעט, אָפּצושאָרן די קערנער פון שטרוי, כדי צו וויסן וואָס איז געווען דער עיקר און וואָס תפל:

די ליבשאַפט אין די יוּנגלערישע לידער,
בלויז זי געווען איז פון מײַן האַרץ די וואָר,
אפילו, ווען איך האָב געשריגן נידער,
איז זי געבליבן פלאַטערדיק און קלאָר.

און נאָך תמציתדיקער זאָגט ער עס —

נאָר די גערעכטיקייט פון יענע טעג
געבליבן איז ווי פונעם ליד דער ניגון.

אָבער דאָך האַלט איך פאַר אַ סתירה די צוויי שורות:

דער פרילינג האָט מיר צוגעזאָגט,
אוי צוגעזאָגט, נאָר דאַנקבאַר בין איך אים פאַר יעדן ליגן.

ניין! פאַר ליגנס נישט דאַנקען, נאָר באַפרײַונג, פּאָעטישע באַפרײַונג ביזן סוף!

פון וואַנען קומען אָט די שורות?

זיי קומען נישט צופעליק, זיי זענען אַ רעזולטאַט פון פּאָעטס אינער־לעכן געראַנגל: צי מעג ער אַזוי. דאָס אידעיִשע געוויסן אין בינם העלער מאָנט בײַ אים און מאָלט אויך אויס פאַר אים, אַז די וועלט האָט צו אים טענות:

די פויסטן ווערן האַרטער אַלץ און פרעכער
און הייזעריקער ווערן די געוואַלטן:
דו ביסט דער סאַמע שרעקלעכסטער פאַרברעכער,
דו האָסט זיך פאַרן טומל אויסבאַהאַלטן.

דו ביסט צו פיל מיט זיך אַליין פאַרנומען,
אַנטלויפסט פון פרעמדע פנימער און בליקן.
און דיר געניגט אַ פרוי, אַ קינד, און בלומען,
מיט זיי דו וואַגסט דײַן איינזאַמקייט באַגליקן.

דו האָסט געפּרוּווט דעם גרינעם בוים פאַרכאַפּן,
דו האָסט געפּרוּווט די שיינע זון באַצווינגען.
דו האָסט געפּרוּווט דעם הימל אײַנצוזאַפּן,
ווער האָט דערלויבט דיר וועגן זיי צו זינגען?

איז דאָס געראַנגל מיט זיך אַליין, דאָס זענען די שווּעריקייטן אַריבער־צוגיין פון „ראַנד" צו נײַע לידער...
ווײַל וואָלט געווען גרינג, וואָלט עס געווען ווייניקער פּאָעטיש, און דווקא דער דראַמאַטישער תּוך פון ויתרוצצו, פון הין און צוריק, דערמעג־לעכט צו קומען און דערגיין צו נאָך אַ דימענסיע, צו די נײַע לידער זײַנע.

*

אין די נײַע לידער זענען שוין דאָ יענע בראשית־לידער, מיט דעם ניגון פון טיף אָוטענטיקייט, וואָס ציט זיך גלייך צו שחרית: איך מיין אַזאַ בראשית־געפיל ווי —

בײַם אָנהייב פון ליד בין איך אַליין,
ווי גאָט בײַם צינדן פון ערשטן שטערן...

איך מיין אַזאַ שטילע אָבסערוואַציע, מיט תּפילה אויף אַן אַנדערער באַשערטקייט ווי:

די ראָזע טריטלעך אויף דער הייסער ערד —
זיי איז אַ גאַנג אַן אַנדערער באַשערט.

אָבער לאָמיר זיך נישט צואײַלן. דער וועג צום בראשית־ליד איז נישט אַזוי פּשוט און גלײַך און קורץ. ווען בינם העלער זאָגט, אַז „די רויזן האָבן ליב מען זאָל זיי שנײַדן" בין איך זיכער, אַז פאַראַן איז נאָך אַ שטאַפּל העכער אין דער פּאָעטישער דערקענטעניש און אין ערדישן היימגעפיל; און איך בין זיכער, אַז ווען ס'איז וועלן מיר נאָך זוכה זײַן צו הערן פון בינם העלער דאָס העכערע כבוד־געפיל צו דער נאַטור־סובסטאַנץ, אַז: „די רויזן האָבן ליב צו וואַקסן, און צו בליִען". ווײַל אין אַ צווייט ליד פון בינם העלער אין זעלבן בוך, זאָגט זיך; אַז די בלומען האָבן געדאַרפט געהערן די בינען, נאָר —

מיר האָבן צוגערויבט זיי פון די בינען,
מיר שנײַדן זיי אין סאַמע אָנהייב בליִען.

אָט דאָס איז אַ טיפערע דערקענטעניש פון דער וועלט פון בלומען און רויזן. זי גייט אויף אין בינם העלער, מיט נײַעם ליד, ווי ער זאָגט אַליין:

ווו איז דאָס נײַע ליד?
דאָס נײַע ליד וועט קומען, קומען
אין גאָרטן פון מײַן יידיש לשון בליט
די שפע פון ישראלדיקע בלומען.

זיי גייען אויף דווקא דאָרט ווו דער דיכטער פון שטורעם בענקט מיטן גאַנצן הארץ צו רו; דווקא דאָרט, ווו דממה דקה און יחידיק ווינקל זינגען פון זיך אַרויס דאָס עכטע קול פון בן־אדם, איין אַליין. ווײַל נאָר אין סאַמער אַליינקייט קאָן דער דיכטער דערהערן דעם דופק פון דער וועלט.

איז ריכטיק די וויזיע פון בינם העלער, אַז נאָר אין סאַמער פאַר־באָרגנקייט, אין דער רו נאָך אַלע שטורעמס, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פון ווידער געפינען דעם דור און די וועלט:

מײַן פענצטער ווערט מיט גרינס אַרומגעוואַקסן,
און איך אַליין פאַרגעסן ווער און ווילד.
מיך גרייכן נישט די בליצן און די שלאַקסן
און אַלע לײַדנשאַפטן זענען מילד.

אַלץ מער באַהאַלטן מיך די גרינע בלעטער,
אַלץ ווייניקער זיי לאָזן דורך די שײַן.
בײַ יעדן בײַטן זיך פון צײַט און וועטער,
אין מײַן באַזונדערקייט דאָ וועל איך זײַן.

און צײַט האָב איך גענוג, איך קען נאָך וואַרטן;
ווען איך וועל זײַן אין גאַנצן שוין פאַרשטעלט,
וועט עמעץ מיך אין אַ ווינקל אַ פאַרשפאַרטן
אַנטדעקן פאַר דער אויפגעדעקטער וועלט.

בינם העלערן איז באַשערט צו זײַן דער אויסדריקער פון אַ דורס אַנטווישונגען, וואָס זוכן ווידער דעם חסד פון באַנײַטער אמונה. דורך אים און מיט אים ווערט ווידער געשטאַרקט דער בטחון אין ווערט פון פּאָעטישן וואָרט. אַז נישט בלויז צו זינגען די צײַט איז דאָס ליד געקומען, נאָר צו אַריבערזינגען די צײַט. און זאָלן פּאָעטן האָבן מוט צו זײַן דאָס וואָס זיי זענען —

נישט קיין דינער און באַדינער,
נאָר זינגער און דענקער
מיט שיינקייט און מיט געוויסן

אויף קיינעמס באַראָט, געטרײַ צו מענטש, צו זײַנע לײַדן און צו זײַן באַגער צו שיינקייט.

דער גילגול פון אַ טרער

צום דערשיינען פון שפרה ווערבערס „ניסעלעס טרער" אין העברעיִשער איבערזעצונג: „דמעתו של איציק"

דער עיקר אין דער שאַפונג פון שפרה ווערבער אין אַט דער פּאָעמע, איז די טרער, די טרער פון ייִדישן קינד, דעם בן־יחיד, וואָס האָט געבענקט צו טאַטע־מאַמע די פאַרלוירענע, און אַרומגעוואָגלט צווישן טויערן פון דער וועלט מיט זײַן טרער.

ווען מדינות האָבן געפירט דעם גרויסן מאָרד־וואָרשטאָט, געשליפט און אָנגעאָרבעט כלי־זיין צו פאַרטיליקונג — האָט אַ ייִדיש קינד נאָר געהאַט זײַן טרער, די איינזאַמע, הילפלאָזע טרער, וואָס האָט געוואָגלט און געטריפט, ביז דעם טאָג, ווען דער יתום האָט ווידער דערזען דעם צוריקגעקומענעם טאַטן, און ס׳האָט אויפגעשײַנט זײַן טרער ווי אַ דימענט.

דאָס איז אַ נײַער גילגול פון ייִדישן ניגון, דער גילגול פון אַ טרער, וואָס איז איצט געקומען אין העברעיִש, צו דערמאָנען אונדזערע קינדער דאָ, אין דעם, וואָס זיי דאַרפן וויסן, און וויסן — צו אונדזער באַדויערן — אַזוי ווייניק.

נימעלעס טרער איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1944, ווען איבער אייראָפּע האָט זיך נאָך געקנוילט און געוויקלט דער רויך פון גהינום; ווען יעדעס ייִדיש קינד איז געווען אַ לעגענדע, אַרויסגעראַטעוועט פון פײַער.

און ווען מיר לייענען איצט די שטילע, האַרמאָניש־קלינגעוודיקע שורות — קאָן זיך אפילו פאַרוועלן פרעגן, וועגן דער האַרמאָניע צווישן דעם האַרמאָנישן און יענער אויפגעשטורעמטער צײַט. אָבער, דער ענטפער איז לטובת דער מחברין פון דער קינדער־פּאָעמע:

נאָר אַדאַנק איר טיפער ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט, אינטימער

צוגעבונדנקייט צום ייִדישן קינד, האָט שפּרה ווערבער געקאָנט אין אַזאַ צײַט גובר זײַן אין זיך דעם כאַאָס און אַרויסברענגען יענע האַרמאָנישע טענער, וואָס אָן זיי קאָן נישט געמאָלט זײַן אַ ליד וועגן קינד, פאַרן קינד.

מאַנגער זאָגט: קיין אײַן טראָפּן שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן. אָבער דער טראָפּן, די טרער פון אַ קינד קאָן גיין פאַרלוירן, אויב אויך דער טראָפּן ווערט נישט שיינקייט. און נישטאָ קיין שיינקייט, אָן דער געפרעסטער האַרמאָנישער שטילקייט.

אפשר איז די דאָזיקע שטילקייט אַ נויטווענדיקייט פאַרן קינסטלערישן שאַפן, דווקא ווען זי פאַרנעמט זיך מיט דעם שטורמישן און כאַאָטישן פון דער תקופה.

*

ווען מען זאָל גיין זוכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון די אַלע גרויליקע תקופות, וואָלט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ בוך פון איציק (אפשר אַ קרוב מיט איציקס טרער?...) קיפּנים, „חדשים און טעג", געשריבן נאָך די אוקראַיִנישע פּאָגראָמען בעת דער רעוואָלוציע. איך קען נישט נאָך אַזאַ שטיל, שמייכלענדיק ביכל, ווי „איך און מײַן בוזי" בײַ די פאַרביקע פענצטער אין פאַרוואָרפענעם שטעטל סלאַוועשנע. ליבשאַפט פון שיר־השירים מיט שמייכל (איינציק אין זײַן מין), ווי שלום עליכם. אויפן פאָן פון דער פאַרשפּעטיקטער שטילקייט, איז דער פּאָגראָם אַרײַנגעריטן און זיך אָנגעזען נאָך שאַרפער.

אויך די „געהיימשטאָט" פון אברהם סוצקעווער איז אַזאַ קאָנסערווירטע שטילקייט פון צען פון אַ פאָלק. אויך פוקס מיט זײַן צער־בעל־חיים־שילדערונג פון פערד, וואָס זוכט אַ מענטשלעכע האַנט, האָט אויסגעדריקט שטיל און געצוימט אונדזער טיראַנישע תקופה.

אַזוי איז אהרן צײַטלין מיט זײַן ווענדן זיך צום ייִדישן קינד: —

יענטעלע, ווּ איז דײַן הענטעלע,
זיסעלע, ווּ איז דײַן פיסעלע,
קאָפּעלע, ווּ איז דײַן קעפּעלע

דערגאַנגען צום סאַמע תמציתדיקן פון אונדזער תקופה — ווען נעמען זענען געבליבן אָן בלוט און פלייש.

אויף דעם שליאַך זע איך אויך ניסעלעס טרער — דמעתו של איציק. אַ נסיון דורך דער מיניאַטור פון אַ טרער, אַרויסצוהייבן דעם גרויסן פּיַין פון דער תקופה.

דאָס איז אַ ליד פאַרן קינד, אַ פּאָעמע וועגן אַ ייִדיש קינד, וועמענס טרער בריט אונדז אַלעמען.

אין איינע פון אירע לידער אין די „גאָלדענע קייט" זינגט שפרה ווערבער מיט מאַמעשע, אמהותדיקע טענער צו מאַמע ערד:

און ווען פון קיינעם ניט געזען,
באַווײַנסטו דײַנע זין און טעכטער,
מיט לעצטן צאַפּל זייערן, וואָס האָסט
אין זיך פאַרנומען, —
פאַל איך צו צו דיר,
זאָל אויך מײַן טרויער זײַן אין דיר פאַרשפּונען.

איז דאָס אויך די כוונה פון „דמעתו של איציק" — אַרײַנצושפּינען טרויער אין טרויער.

און אויך די טרער פון ייִדישן קינד וועט נישט גיין פאַרלוירן, ווייל קיין איין טראָפּן שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן!

מיט צייטגלי דורך יידישן געמיט

וועגן יהודה לייב טעלער ז״ל און זײַן ליד

נאָך גאָר יונג, צום יאָר פון בר־מיצווה, האָט יהודה לייב טעלער אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין יידיש, אויפן אַמעריקאַנער באָדן. נאָך פריער, צו 11 יאָר, 3 יאָר נאָך זײַן איבערוואַנדער פון טאַרנאָפּאָל, געשריבן דערציילונגען אין העברעיש, אין טראַנס פון עילויישן נײַגער צו תּנ״כישע מקורות, און צו 18 יאָר אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק זײַן ערשט לידערבוך „סימבאָלן״.

צו אָט דער לידערזאַמלונג — דער מעדיטירנדיקער סך־הכּל פון זײַנע יוגנט־יאָרן, האָט דער פּאָעט יהודה לייב טעלער, לויט דער באַגלייבטער עדות פון זײַנע נאָענטע, אַרויסגעוויזן אין זײַנע רײַפע יאָרן שאַרפע ספקות, צי זאָל ערשטער ווּקס און גערעטעניש פאַררעכנט ווערן אין כּלל פון זײַן פּאָעטישער יצירה. דער אימפּולסיוועה י. ל. טעלער, וואָס האָט אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק, מיט וואַכע חושים פאַראייגנט דעם האַסטיק־דינאַמישן אויסדרוק, האָט זיך נישט דערלויבט, ווי געוויינטלעך ביי פּאָעטן, דעם נאָסטאַלגישן צוריקקער צו ערשטע לידער, ווען דער שׂר השירה האָט באַרירט מיט אַ קוש דעם פּאָעטס ליפּן... זײַן וועג האָט געפירט ווײַטער און פאַרויסער, גובר צו זײַן די טענער פון רעזיגנאַציע און די אימאַזשן פון נעפּל, מיט רעליעף אין מעטאַל און מיט דירעקטן, קלאָרן חיתּוך הדיבור.

*

אַ מידקייט פון נאָך אַלץ און נאָך אַלעמען שלײַכט אַרום צווישן די טעוועלעך פון „סימבאָלן״. דער חוש הריח פון נאָך גאָר יונגן דיכטער איז געניינט „צום ריח פון געעלטערטע רויזן״; דער „פּינטלדיקער בליק״

שטויסט זיך אָן „אין פוסטן לײַלעך פון דער נאַכט״. און ווי דער פּאָעט דעפינירט עס טרעפלעך:

אַלץ ווי אין אַ נעפּל
ווי ווערטער, וואָס מען כאַפּט־אויף אַ מאָל אין שלאָף.

וואָס שטייט הינטער אָט די אַלע מרה־שחורהדיקע זעונגען? נישט צײַט און נישט אָרט ווײַזן דאָ זייער פּנים. ס׳איז מער די בלאַסע פּרוכט פון פאַרהוילענעם טרויער, פאַרשלומערט אין יִינגל־זכרון, און נאָך נישט דערגאַנגען צו רײַפן באַוווסטזײַן און צו מעגלעכקייט פון אָביעקטיווער געשטאַלטונג.

וואָלט דער פּאָעט טעלער, מיט זײַן שפּעטערדיקער לומדות אין פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט (איינער פון זײַנע באַרופן), געפּרוווט באַניצן דעם מעטאָד פון זעלבסטאַנאַליז דורך זײַן ליד „אָוונט־מאָטיוו״, פון וואַנען עס זענען גענומען די אויבנדערמאָנטע ציטאַטן, וואָלט ער אַוודאי געפונען דעם שליסל צו אָט די אַלע פאַרהוילנקייטן און רעזיגנאַציע־טענער, אין אַנדערע צוויי שורות אין זעלבן ליד:

די לאַנדשאַפט שווינדלט דורך פאַר מײַנע אויגן
ווי אַן איבערגעריסענער פילם.

איז עס נישט דער איבעררײס, וואָס דאָס יִינגל יהודה לייב האָט נאָך בײַגעזען אין זײַן היימשטאָט טאַרנאָפּאָל מיטן הידרעשן אָנפלייץ פון חיילות בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה? איז עס נישט דער שפּעטער־דיקער אויסרײס פון היים און שטייגער, דער איבערוואַנדער קיין אַמעריקע — אין עצבות מיט „די פרעמדלענדישע יאָרן פון טאַטן?״ אַוודאי יאָ. אויף זייער פאַרהוילענער פאַלעטרע האָבן זיך אויסגעשאָטנט מיט קויל־צייכנס די זקנים־פּנימער, מיט זייער מידקייט, נעפּל־שלייער און שלוכץ פון גורל־מידקייט און הכּל הבל.

אַוודאי האָט צו דעם אויך געגעבן איר מתּן־בסתר די אָנפאַנגערישע אומרויִקייט פון יונגן עילוי, אין בלאָנדזשעניש צווישן העברעיִש און יִידיש און אין זוכן דעם באַשערטן שטח פאַר זײַן גײַסטיקער אַנטפּלעקונג; ס׳איז די אומרויִקייט פון צערודערטע וואַסערן נאָך מבול, איידער די טויב דערלאַנגט דעם גרינעם בלאַט, און נאָך איידער יוגנט־ווייַ לײַטערט

זיך אויס צו פֿאַרשטאַנד, צו באַשטימען וואָס מוז אין מוזע, דאָס באַשערטע און גויטוועודיקע אין דער שפע פון עילוייִשן אויסוואַל.

דער יונגער, מעדיטירנדיקער טעלער האָט נישט פאַרהוילן פאַר זיך דעם וויטיק פון אָנפאַנגערישער זוכערישקייט:

ערגעץ ווו דערקאַפּעט אַ פאַרשפעטיקטער געדאַנק.

און פאַראַן אַן אומבטחון, מיט וועלכן ער ווענדט זיך „צום עקוואַטאָר פון מענטשלעכע בקשות":

איך וואָלט ניט וועלן שטאַרבן צווישן מײַנע לידער.

זעט אויס, אַז די ערשטע עבודה אין זײַן פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע איז געווען באַגלייט מיט אַ סך ספקות און אויך מיט אַ קווינט ביטול, אַזאַ שילדערונג געפינען מיר אין דער ערשטער לידערזאַמלונג וועגן דער מערכה צווישן פּאָעט און זײַן פעדער:

ניט אַ וואָרט, ניט אַ קלאַנג, ניט אַ שאָרך;
נאָר אַ שפּילעוודיק געדאַנקל.

אָבער רעטראָספּעקטיוו געזען, האָבן שוין אויך אין אָט די מידע ביכּורים־לידער געצײַטיקט די ערשטע קערנער און יאָדערן פון שפּעטער־דיקן פאַר זיך און פאַר אַנדערע אַנטפּלעקטן, שאַרף־זעערישן און דראַמאַטיש־קאָנטראַסטיקן דיכטער. שוין דאָרט געפינען מיר אויך די טאָפּל־זעונג פון הימלען אויף גרויסשטאָט:

„ער", בריך הוא, לערנט אַ בלאַט זוהר
און אַ שיכּור פּלאָנטערט זיך אין חשבון פון די שטערן.

און אויך די ערשטע קלאָרע חתימה פון אינערלעך פאַרהוילענעם אין דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט — דער וואַקל און ויתרוצו צווישן צוויי באַרופן, דיכטער און זשורנאַליסט:

אין אַ ווינקל פּלאָנטערט זיך אַ ווינט אין פּאַפּירענע
פּראָבלעמען
און עס לויכט נאָך ווו־ניט־ווו אַ פענצטער,
וואַכט נאָך ערגעץ אַ געוויסן מיט אַ פּײַערל צווישן
די ליפּן.

אָט די תּוכיקע בילדלעכקייט, די אָפּשפּיגלונג פון אייגענעם אומרו און געראַנגל, איז אויך דער ערשטער טרעפ צו דיכטערישן אַרויפגאַנג און צו נײַע דערגרייכונגען.

*

די צימצומדיקייט אין טעלערס „מיניאַטורן" (אַרויסגעגעבן אין 1934) האָט נישט בלויז צו טאָן מיט טעכניש־ווערסיפיקאַטאָרישע פּלאַנירונגען; זי איז געקומען שריט בײַ שריט מיט דער אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע און מיטן אויסלייזן דעם פאַרהוילענעם יוגנט־אומעט פון נישט באַשיידטע קאָשמאַרן, צו אָוועקשטעלן זיך פּנים אל פּנים בײַ דער שטייניקער פּאַנאָראַמע פון צײַט און דור. ס'איז אַ דראַנג צו דערקענען די צײַט אין איר פּלוס לויט די אײַלעוודיקע טאַקטן פון פאַרשווינדנדיקע רגעס, און גרויסוועלטישע געשעענישן פּאַראייגענען אויף אייגענער גאַס און שוועל דורך „זעיר־אַנפּין" — קליין־סקולפּטורישע מאָדולירונגען. פון דאַנען די האַסטיקע קורץ־שורהדיקייט און דאָס אַקאָרדישע קליין־ליד.

אין דער עקספּאַנסיע פון פּאָעטישער באַנײַונג, אין עקסטאַז פון חידוש מעשׂי בראשית, זענען די „געעלטערטע רויזן" פון „סימבאָלן" ווי פאַרשוואונדן. נישט דער טרויער איז אַוועק, נאָר די מרה־שחורה. איר האָט פאַרביטן אַ שאַפעריש־אַקטיווע באַגעריקייט צו דרייסטן גאַנג צווישן די פּיבערשטיינער פון זײַן און ווערן, — האָט עס במילא אויפגעוועקט אין טעלערס וואָרט יונגע בלוטן.

אַן עראָטישע קאָליזיע: „מײַן לײַב איז יונג צווישן פעלדזן"; אַ מיטיש־קריגערישע זון־זעונג: „זון בושעוועט ווי שלאַכט"; און דער דוממדי־קער פעלדז איז פאַר אים: „דיקער אָפּגעדעקטער דיך".

בײַם ראַנד פון אָט די שאַרפע נאַטור־זעונגען אַנטפּלעקט זיך אויך דער אָנווינק אויף אַ גרויסער פאַנטעזיסטישער פרייד מיט מיניאַטורישע סימנים:

קליינע פייגל פינקלען
ווי טראָפּנס קעגן זון.

אַזעלכע מוט־ווערטער און זאַפטיקייטן האָבן מיר אין ערשטלינג־בוך נישט געפונען. איז עס שוין אַ דערוואַכנדיקע מדרגה לגבי פריער, אָבער דער וועג פירט ווײַטער און טיפער — פון אַקוואַרעליקן געמעל צו די

שאַרפֿע לאַנצעטן פֿון הײַנטצײַטיקע שפּירונגען און צו דער קאָמפּליקאַציע פֿון שטאָטישער פּאַנאָראַמע.

זון און פֿייגל באַקומען אַ מער דראַמאַטישן אויסזען, אין צונויפֿשפּיל מיטן מענטשן־געווימל: „די זון איז אַ הייסער גערודער" און „פֿייגל טראָגן זיך / אין ווינטיקער פּאַניק". און ס׳איז אַ טראָט ווײַטער פֿון זען אַ פֿעלדז אין עראָטישער פֿאַרוואַנדלונג פֿון אַ „דיקן אָפּגעדעקטן דיך", ווען דער עראָס קליידט זיך אָן אין המונישן בורלעסקן לבוש, אין פּערסאָ־נאַזש פֿון „וואַרעם געשטאַלט אויף די ראָגן" און אויף דער קאַנווע פֿון „הינט און קרייצנדיקע רעדער". ס׳איז אין תּחום פֿון הײַנט און דאָ, בײַ די מאָנסטער־מויערן, ווו „פֿון ראַדיאָ שרײַט די נאַכט מיט הייסע קולות".

און אויך דאָס איז אַ שטאָפּל העכער, ווען די אויפֿגעוועקטע, ברויזיקע יונגקייט זעט מער ווי די קליינע, גענאַשטע פֿרייד און פֿילט אין די רייצן פֿון בלײַיקע סעזאָנען דאָס געלבלעכע און ציטערדיקע, די סימנים פֿון בלעטערפֿאַל. ס׳איז די מדרגה פֿון רײַפֿקייט ווען זון און טרויער טרעפֿן זיך נישט ווי קיין פֿרעמדע:

די זון וואַרעמט מײַנע פֿענצטער.
איך בין יונג, טרויעריקער פֿון אַלע ווערטער.

אין דער פֿאַרזיווגטקייט פֿון זון און טרויער, ווערט אויך צונויפֿגעוועבט בליק מיט געהער, ליכט מיט זשומערײַ, און מיט פֿילחושימדיקער דורכדרינ־גונג הערט און זעט דער אָבסערווירנדיקער און טראַכטנדיקער דיכטער ווי

דער גרויסער לאַמטערן רוישט
ווי אַ גרויסע בין אין דער פֿינצטער.

און אַ תּפֿילה הערט ער צווישן די שאָטן־שפּרייטנדיקע גאָרנס און ביניק־רוישנדיקע לאַמטערנס! „דאָס מיידל בעט":

עס איז די נאַכט פֿון רויטן טור,
גאָט, באַשירעם מײַנע בריסט.

פֿון ווען האָט אונדזער ייִדיש, מיט איר פֿרומער טראַדיציע פֿון בת טובים און מיט די שעמעוודיקע אײַנגעהאַלטנקייטן, בירושה פֿון פֿאָלקסליד, געלאָזט הערן אַזאַ מין תּפֿילה? די שאָטנדיקע נאַכטיקייטן מיט די

לאַמטערן־רויטקייטן, וואָס איז געקומען מיט באַלאַדעס פון גויִישן פּאַרנאַס צו באַרייַכערן יִידיש, האָט נאָר צוגעגעבן אַ נייַע שאַטירונג אין נוסח, אַ פּאַרמערונג פון שאַטנדיקע שפּילן. אָבער אין דעם פאַל איז דער לאַמטערן, „די נאַכט פון רויטן טוך", ווי אויך די מאַקאַברישע תּפילה: „באַשירעם", אַלע צוזאַמען, אַ טייל פון אַ רעאַליע, פון קאָנקרעטן אַדרעס: ניו־יאָרק, איר פּחדימדיקער לאַבירינט, ווו עס גייען געאָרעמט עראָס מיט טויט. איז עס מער ווי אַ צוגאָב פון נוסח, ס׳איז נייַער אַדרעס, אַן אויסגעברייטערטער שטח פאַר יִידיש, וואָס האָט שוין נאָך לייוויק און משה לייב האַלפּערן, מיט זייער וועלט־מחשבה און וועלטוויי, און נאָכן אויפטראָט פון „אינזיך" מיט זייַן אַוואַנגאַרדישן אייַנריס אין אַלטן נוסח — זיך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט באַנוגענען מיט „בת ישׂראל כּבודה פּנימה". דאָס איז אַן אויסברייטערונג וואָס האָט אויך באַרייַכערט מיט אַ דימענסיע טיפער.

אַוודאי איז שווער געווען פאַר יִידיש אייַנצובירגערן אין זיך אַזעלכע צונויפפּאָרונגען, ווי: „פעלדזן גאָרן זיך / גרויזאַם ווי מאַנסביל", אָדער: „ווי צויגן לויערן אָרעמס אין דער פינצטער", צי גאָר אַזאַ סקולפּטוריש־מוזיקאַלישער היפּערבאַל: „לייַבער זענען ליכטיקע פּויקן". פאַר דעם אַלץ קאָן מען געפינען אַ זכות, אויב מען קאָן אַריבערשפּרייַזן די צאַמען פון אַלט־געוואָרענער זעלבסט־באַנוגנטקייט און באַנעמען די זשעדנעקייט פון אַ יונגן פּאָעט צו געשטאַלטיקן נייַע סביבה און מיט דער הילף פון אַ נישט־אויסגעפּרוווט וואָרט אַרייַנדרינגען אין די נערוועזע נערוון פון אַ מאָנסטערדיקן כּרך. ווער עס נעמט אויף זיך אַזאַ נישט־רגילותדיקן גאַנג, איז פון פאָרויס באַשטימט צו קליינע דאָזעס פון אָנערקענונג, פּאַרזיכטי־קייט פון מבינים און צו אומהיימלעכער איגנאָראַנץ אין דער ליטעראַ־רישער פּעריפעריע. אָבער אַ שׂכר דערבייַ — דאָס געפיל פון שליחות פאַר אַ שפּראַך פון תּחום המושב, וואָס דאַרף דאָך עפענען טיר און טויער צו פעלקער און קולטורן; און נאָך אַ שׂכר דערבייַ — אין עקספּאַנסיע פון נייַע שטחים און מעטאַדן ווערט אויך, ווי בייַ וואַגנדיקע פּילגערס, געפונען דער באַרגוועג צום נישט־פּאַרגעזעענעם אויפשטייַג.

אַזוי אומעטום און תּמיד: חידושי יצירה זענען נישט נאָר דער סאַלאָ־נס פון יחידים־ווונדערקינדער, נאָר אויך דער רעזולטאַט פון אינטי־מיזירונג צווישן קולטורן און ליטעראַטורן איבער מחיצות פון פעלקער

און לענדער. אין אויבנאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק האָט מען געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף דעם צוגאַנג, דאָרט זענען די וואָגן און מאָסן רעגירט געוואָרן בלויז דורכן קולטור־געשיכטלעכן סדר פון ייִדישע ווערטן, אָן חוש השמיעה פאַר דעם גאַלאָפּ־שטראָם אין די צווישן־יאָרן פון די צוויי וועלט־מלחמות, און אויך אָן דרייסטקייט זיך צו דער־גרונטעוועט צום וועזן פון אַ נײַער גענעראַציע, איר קלסתר פנים און אירע חבלי לידה בײַם פּרווון באַשאַפן אַ נײַ וואָרט אין אַ נײַער תקופה.

ווען אַנדערש — וואָלט בשעתו די ייִדישע קאָמפּעטענטע ליטעראַטור־קריטיק נישט אַזוי פיל בודק געווען, צי די לידער אין טעלערס „מיניאַ־טורן" זענען „אמתע ליריק". מען האָט נאָך אַלץ געזוכט ריינע עמאָציע און צאַרטע נאָסטאַלגיע. אין דער צײַט ווען יונג־ייִדישע פּאָעטן האָבן זיך שוין אײַנגעהערט ווי גוטע תלמידים צו עמילי דיקענסאָנס „דער שׂכל איז ברייטער פון הימל", כּדי צו לערנען חשיבות פון אינטעלעקט אין פּאָעזיע; און בײַ מינאַ לאָי האָט מען שוין געפונען אַ מוסטער, אַז אויך טעכנאָלאָגיע איז נישט קיין סתירה, און אַז מען זאָגט: „דער גרעבצנדי־קער גײַסט־יאָמער פון לאָקאָמאָטיוו", איז מען דערמיט נישט מחלל די בת השמים פון ליד. און אויך בײַ עזרא פּאַונד (נאָך איידער ער האָט עוסק געווען אין שינאת ישראל) איז געווען וואָס צו באַוווּנדערן און פון וואָס צו לערנען, — געווען שווער צו פאַרבײַגיין, כּאילו נישט זעענדיק נישט הערנדיק זײַן באַיאָונג פון כּרך מיט אַזעלכע עראָטיש־סקולפּטורישע שורות: „מײַן שאָטן, מײַן געליבטע / דו ביסט אַ יונגפרוי אָן בריסט", אויך געווען שטאַרק באַלערנדיקס אין זײַן אופן אַרײַנבליק אין דעם אַלטעגלעכן: „אַ מיליאָן מענטשן פאַרזויערט פון האַנדל־וואַנדל". פון אַזעלכע זאַגעכצן, וואָס האָבן נאָך זייער פאָרזאָג בײַ וואָלט וויטמאַן, האָט מען געלערנט, אַז אויך פּראָזע איז נישט קיין חילול השם פאַרן ליד.

אויף ייִדישער גאַס זענען די פּיאָנערן אויף דעם געביט געווען דער אַקטיווער דרײַלינג: גלאַנץ־לעיעלעס, גלאַטשטיין און מינקאָוו, מיטן מאַני־פעסטירן דעם „אינזיך" און מיט זייער דרייסטן שפּרײַז צו נײַ־פּאָעטישע אויפטוען. זייער טרײַער תלמיד און שאַפערישער ברודער איז געווען דער אינזיכיקער און אייגן־פּנימדיקער יהודה לייב טעלער. מיט זייער אײַנפלוס און מיט זײַן שוווּנג האָט ער דורכגעשפּרײַזט פון די מידע קהלת־„סימבאָלן" צו די אַקטיוו־באַנײַענדיקע „מיניאַטורן", וואָס זייער קאָנווע איז געווען

דער הײַנט־דאָ פון ניו־יאָרק און זײער פּיזאָ־פּסיכישער תּמצית: „גלידער זענען וואָך ווי נערוון".

אָן ספק, אַז די נישט געוווינטע אָפּגעשאַצטע „מיניאַטורן" זענען מיט זײער דרײסטקײט און עקספּערימענטאַלקײט אַ גרויסער צושטײַער צו דער ייִדישער פּאָעזיע.

*

אין זײַן דריטן לידערבוך „לידער פון דער צײַט" (אַרויסגעגעבן אין 1940) האָט יהודה לײב טעלער, נאָך זײַן גײַסטיק־שאַפערישער פּאַראַנקע־רונג אין ניו־יאָרק, זיך אומגעקערט טעמאַטיש צו זײַנע פריִע ייִנגל־יאָרן, צו טאַרנאָפּאָל, די נעסט פון זײַנע ערשטע פּחדים, ווו עס שלומערט אויך דער סוד פון זײַן ערשטן אויפציטער צו ליד. זעט אויס, אַז דער „איבער־געריסענער פילם" פון זײַנע „סימבאָלן", האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן צום אָנהייב, און די „ווערטער וואָס מען כאַפּט אויף אין שלאָף" האָבן געוואַרט אויף באַשיידונג און קלאָרקייט אין אַ וואַכנדיקער אַשמורה.

דער באַגער צו קלאָרקייט, קאָנטראַ נעפּל, איז אַוודאי אויך געווען דער גורם צום זײער געניועם און צום צו־ווײניק פּאָעטישן שילדערונג־מעטאָד, ווי ער ווערט אַרויסגעבערענגט אין ערשטן ציקל לידער: „איב־וואָזיע" — דורכלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; כראָניקעס פון „איכה ישבה בדד העיר"; פּראָזאַיִש־נאַקעטע געמעלן פון לאַנגאָנען אין פּאָעטס ווײַטן זכרון: הײמלאָזע וואַנדלער אין געדראַנג פון מיליטע־רישע פּאַרמאַציעס און קאָשמאַרן פון צעשטערטע הײמען און נחלות אַנטקעגן קאַזאַרמעס. דאָס אַלץ — ווי געווען און געשען, אָן שלײערן, אָן די שאַרפע קאַנטיקײטן און אָן די בליציקע פּלוצעמדיקײטן, מיט וואָס דער פּאָעט האָט אונדז באַשאָנקען אין זײַנע „מיניאַטורן". נישט אַנדערש, נאָר אַזוי לאָזט זיך עס דערקלערן, אַז מיטן אומקער פון פּאָעט צו זײַנע ווײַטע, פאַרהוילענע איבערלעבונגען, איז אים ניהאער געווען צו לאָזן זײ אין זײער רויקײט, ווי געווען און געשען פאַרן ייִנגלס אויגן, געזען כראָנאָלאָגיש, פראַגמענטנווײַז, אָן איבערשמעלץ דורך פּאָעטישער אַלכעמיע...

אָבער אַ טרעפּ העכער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן דער פּאָעט מיט זײַן צווײטן ציקל „זקני ציון", וואָס האָט איבער „געווען און געשען"

אויפגעהויבן ייִדישע וויזיע; ווײַטן צוריקוועגס מיט שאָרכן פון פּאַרמעט, מיט וואַנדער און וווּנדער. דאָ טרעט אָפּ דער מעטאָד פון געניועם שילדערן פאַר דער וויזיאָנערישער אָנלאָדונג און פאַר דעם גלי פון עקספּרעסיע.

נישט פונקט אין דעם יאָר, נישט פונקט אין דעם אָרט, נאָר אַ פּאַרמיש אין רעגיסטער פון צײַטן און אַ קער און ווענד, אין פּאָעטישן חזיון, צו אַלטע געשטאַלטן, וואָס ווערן מיטן כּוח פון פּאָעטס רעזשי אַרײַנגעמישט אין דער בײַצײַטיקער טראַגישער ייִדן־דראַמע. אַלצאיינס, צי ר׳ לוי יצחק מבאַרדיטשעוו, וואָס דאַרף אַצינד נאָך מערער ווי תּמיד תּפילה טאָן פאַר זײַן פאָלק, צי גאָר די „דרײַ ייִנגלעך”, וואָס שרײַבן פון וואַרשעווער נאַלעווקעס „צו אַן אַלטן כינעזישן פּאָעט” און בעטן ער זאָל, „צושרײַבן צוויי, דרײַ שורות צו דער שקיעה”...

אויך אין דירעקטן פאַרהער מיט די שונאי ישׂראל פון זײַן צײַט, צווישן צוויי וועלט־מלחמות, לאָזט הערן דער פּאָעט מיט גרויסוועלטישן ייִדן־מוט אַ תּוכחה־וואָרט, וואָס ווײַזט אויף ווײַטן און טיפן שורש. דאָ מערקט זיך אָן אַן אייגנשאַפט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טעלערן, ווי פאַר לעיעלעס, גלאַטשטיין און מינקאָוו — אַז דווקא אָט דער אַרט פּאָעטן, מיט זייער טראָציקייט און עקסטראַוואַגאַנץ און מיט זייער איגנאָרירן שטעטל־נאָסטאַלגיע, האָבן אין זייער טיפעניש גיכער געפונען די פאַרבינדונגס־פעדעם צום גרויסוועלטישן און לאַנג־צײַטיקן פון ייִדישע ווערטן, אָנשטאָט ווייכע טוליעניש צו מיליע, מיטן מתיקותדיקן נוסח פון ציגעלע־וויגעלע — האָט מען אין זייער לשון געקאָנט אַרויסהערן די האַרבקייט און דעם פּאַטאָס וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר לשון קודש.

אין חשבון הנפש מיט זײַן אייגענער טראָציקער אינדיווידועלקייט זיגט דער „על דעת הקהל”:

> איך האָב זיך געוואָלט פאַרקאָרקען ווי אַ פלאַש,
> נאָר עס מאָנט דער שטאַם.

דאָ אַנטפּלעקט זיך אויך אַ וויכטיקער ביאָגראַפישער שטריך צום פּאָרטרעט פון יהודה לייב טעלער, דעם עוסק בצרכי ציבור באמונה, וואָס האָט געטראָגן אויף זײַנע אַקסלען דעם עול פון ייִדישער געזעלשאַפטלעכ־קייט.

דער וואָס האָט ייִנגלווײַז געשריבן העברעיִשע סיפּורים אין גײַסט פון

תנ״ך, האָט אויך אויפגעהיטן אין זיך די צינדשטאָפן פון ייִדישן גייַסט, דעם היסטאָרישן אָטעם, מיט דער גאַנצער קאָליזיע פון לייַדן און האָפן, און אויך מיטן מוט צו תוכחה, וואָס שליסט איַין אין סדר התפילות דעם ,,שפוך חמתך" איבער די קעפּ פון די אולטראַ־מאָדערנע הענקער.

אין היסטאָרישע ראַמען זעט ער די פּייַניקער און די געפּייַניקטע פון אונדזער יאָרהונדערט:

ווי אַרויסגעשפּאַנט
פון רויבערדיקע פּאַרבן און בראַנדזענער ראַם —
שלייַדערער פון פלאַם
אונטערן שרייַענדיקן אָדלער פון רוים,
וואַרפער פון שפּיז,
ציִער פון שווערד
אין נאָמען פון קרייץ
און הייליקן גייַסט.
זיג! הייל!

דאָס איז זי, די היסטאָרישע טיראַניי, פון רוימישן אָדלער ביז ,,זיג! הייל!" און דער ייִדן־ייִחוס, מיט גורל פּעדעם — ווי דין געצייכנט! —

אויף בלייכע טרעפּ
אין בלויען דרויסן,
די לופט איז שאַרף,
דער מאַנטל — דין.
איך. ער.
אַהאַספער.

ס׳איז דער איבערשמועס פון צייַטן אין געוועב פון גורל. אָן ,,אייביק ווידערקול אין סאָסנעדיקע אַלפּן", און די בריסקער פּשוטע ייִדן, ביַי די פּעדערן פון צערויבטן בעטגעוואַנט, ווייסן גענוי זייער פּייַניקן ייִחוס: ,,מיר זענען אויך פאַרוואַנדטע מיט יענע / ועמענס בית המיקדש מען האָט פאַרברענט". אין דעם אַלץ דאָמינירט די היסטאָרישע פּאַנאָראַמע און די אינערלעכע טרייַשאַפט:

דאָס בין איך פון דער דינאַסטיע פון הייליקן לאַם.

וואָס דער פּאָעט דערגרייכט אין דער דימענסיע פון עבר, זעצט ער פּאָר מיט זײַן קער און ווענד איבער גרענעצן צו הײַנט־צײַטיקע וועלטײַדן, אין זייער צעשטערטער שלווה בײַם תּחום פון ייִד און וועלט. צו פרויד, אַדלער, שטעקעל, די ווינער מורי־דרך פון פּסיכיאַטריע, ווענדט דער פּסיכאָלאָג טעלער זײַן בליק מיט שטראָפנדיקער באַטראַכטונג, ווי: „צום אייביקן ייִד פון עשׂוס וויגליד, פון ערלס לעגענדע״.

דער ערשטער אונטערפירער צו זיי איז מסתּמא געווען טעלערס באַהאַוונטקייט אין פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט, דער נײַגער אין זײַנע לימודים. אָבער דער צווייטער אונטערפירער — אים דאַרף מען זוכן אין גאַנג און דראַנג פון די אינזייכיקע פּאָעטן, וואָס האָבן אין די צילצייכנס פון זייער פּאָעטישער עקספּאַנסיע אויך אײַנגעשלאָסן טעמאַטישע אויס־ברייטערונג, אײַנגעמונג פון נײַע שטחים, אַז פּאָעזיע זאָל זיך נישט בלויז באַנוגענען מיט „איך בענק און געדענק״, נאָר אויך אַרײַננעמען אַלע דערפאַרונגען פון אונדזער צײַט (לאָמיר געדענקען דעם נאָמען פון בוך: „לידער פון דער צײַט״)..., כּולל: פּאָליטיש געשען, אַרכיטעקטאָנישע דערגרייכונג, און אויך „פּסיכאָאַנאַליז״ — טאַקע ווי דער נאָמען פון דריטן לידערציקל אין דעם בוך. דאָס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט אויספירן אַ פּאָעטישן פּראָגראַם, איז עס דאָך געווען אַן אינזיכיסטישע באַוואָרעניש, אַז אַלץ וואָס איז טעמע פון דרויסן, דאַרף דורכגעפילטרירט ווערן דורכן נײַגער און עקסטאַז פון אייגענעם געפיל און באַוווסטזײַן — און אַזוי איז געווען בײַ טעלערן. ער וואָס האָט זיך געייִחוסט מיט אַהאַספער און מיט דער „דינאַסטיע פון הייליקן לאָם״, אַזש ביז רוים און ביזן חורבן בית המיקדש, האָט דאָ געפּרוווט מיטן מעטאָד פון פּסיכאָ־אַנאַליטישע לאַנצעטן און מיט פּאָעטישן רענטגען זיך דערגרונטעווען צום צעשפּאָל־טענעם וועזן פון וועלטײַדן, וואָס האָבן אַ שפּאָר ביסל פאַרבלאָנדזשעט פון זייער פאָלק און זיך קוים אומגעקוקט צו אים שוין אין אַ זייער שפּעטער גאָר טראַגישער שעה.

אַזוי זעט ער פרוידן, צו זײַנע צוויי און אַכציק יאָר:

בײַ טאָג האָט ער אַרויסגעקוקט פון פענצטער,
געזען די סאַלוטירנדיקע הענט.
דעם האַקנקרייץ. געשמעקט מיט קלוגער נאָז

דאָס אַלטע בייזע בלוט
אין יונגע אַריער־שקצים.

און ס׳איז פֿרוידס זכות, זײַן ייִדישער אויפֿטו, ווי עס זעט עס אַ תּלמיד, דער פּאָעט:

ער האָט, ווי אָדם די חיות, אַלע בייזקייטן גענאָמענט,
געשריבן אַן אייגענעם רש״י
אויף קין־הבל און עקדת יצחק.
— — —
זיגמונד פֿרויד צו צוויי און אַכציק יאָר
קלעטערט פֿון די האַקנקרייצן, חזרט:
המן, ערל, עשׂו, גוי.

פּאָר טעלערן איז עס דער „קויטיקער שטראָם / וואָס האָט זיך אַרויסגעכוואַליעט / ביז גאָלגאָטאַ״ און אַלט־ייִדישער פֿאָלקס־עבר באַגלייט מיט זײַנע ייִחוס־סימנים פֿון אַלע דורות: „מײַן קול שטעלט זיך נביאיש״; „אין די קנייטשן אויף מײַן פּנים / די קליינשריפֿט פֿון רמב״ם, די קלאָרשריפֿט — פֿון אַמסטערדאַמער שלײַפֿער״, ווײַל: ווו איז סוף און ווו בראשית?

די אַלע מאָדערניסטן פֿון „אינזיך״ האָבן דווקא אין זייער פֿאָרויסשפּרונג אַרויסגעוויזן ליבשאַפֿט צו קלאַסיקער פֿון ייִדישן ליד, לעיעלעס — צו מאָריס ראָזענפֿעלד; גלאַטשטיין — צו אברהם רייזען. און סײַ צי טעלער האָט עס דעקלאַרירט צי נישט, קאָן מען זען אין זײַן זוכן שייכות צו די בלעטער פֿון געשיכטע, די השפּעה פֿון אברהם ליעסין, פֿון זײַנע קידוש־השם מאָטיוון, וואָס האָבן אויך אין טעלערן געמורמלט לשון קודש מיטן גײַסט פֿון קינות און פּיוטים אינעם נײַעם נוסח.

נאָר אַזוי קאָנען מיר באַנעמען דאָס „שפֿוך־חמתך״־געפֿיל, וואָס בינדט זיך צונויף מיט דער מבשׂר־געשטאַלט פֿון אליהו הנביא, אויף דער קאַנווע פֿון אַ פּאַגראָמירטן מאַרק:

אין רוישיקן געזעמל אויפֿן מאַרק
בין איך דער אָפּגעשליסענער מבשׂר,
דער וואָס וואַרפֿט דעם ערשטן שטיין

און דער וואָס ווישט דאָס
בלוט פון שטערן.

אַזוי האָט זיך געשיכטע אַרײַנגעמישט אין הײַנט, ווי נאָר די אַלכעמיע פון פּאָעזיע קאָן עס טאָן, ווען דער דיכטער־איך טראָגט אין זײַן איצטיקייט די אַלע פאַרגעסנקייטן פון דער היסטאָרישער סובסטאַנץ. בײַ טעלערן דעם אַקטיוון ייִד, איז עס געווען דער כּסדרדיקער הונגער־דראַנג אויס־צוגעפינען די שפּורן פון שטאַם: „איך זוך אין מיר די שפּורן פון מײַן שטאַם". דערפאַר האָט ער „די גרויליקע פײַערטעג פון אונדזערע טעג" געזען „אין רוים, אין ניו־יאָרק, אין ווענעדיק". אייגנטלעך האָט ער דערמיט געוואָלט פאַרבינדן דעם „איבערגעריסענעם פילם", וואָס האָט אים קיין רו נישט געגעבן, אים אויפגעציטערט צו ליד און אים אַקטי־וויזירט ווי אַ מענטש פון ייִדן־כּלל. דעם „איבערגעריסענעם פילם" האָט ער געוואָלט פאַרבינדן דורך אַנטפּלעקן די שפּורן פון שטאַם, מיט אַלע ווייטיקן און שיינקייטן. צו זיי האָט ער צוגערעכנט די „אַלט־ייִדישע פּרעפּלערײַען פון דער באָבען", „דעם עלטערזיידנס פרומע טעג", און „די פּרעמדלענדישע יאָרן פון טאַטן".

אַ גרויסער היסטאָרישער עול אויף די פּלייצעס. נישט איין מאָל האָט אַזאַ באַלאָדונג געשטערט צום שוועב און פלאַטער און צו דער אָנגענעמקייט פון לײַכטן ליד, וואָס געפינט גיך אַ וועג צו פּעריפעריע און צו רום. אמתע פּאָעטן ווייסן ווי אויסצומײַדן אָט די לײַכטע פּאַסטקע און ווײַטער טראָגן דעם שווערן עול פון פּאָעטישער פּיאָנערישקייט. טעלער האָט געדענקט אָט דעם עיקר און איז געטרײַ געבליבן זײַן באַרוף: „כ'שאַף צו דיר אַ לשון"...

ער האָט עס געוויזן אין סיום־ליד פון בוך „לידער פון אונדזער צײַט" — „צוואַנציק שורות צום שטאַם פון אַ בוים".

שוין די ערשטע שורה באַוואָרנט אונדז פאַר דער פּאַסטאָראַלער רגילות פון באַקאַנטע, צו־באַקאַנטע בוים־שילדערונגען מיט זייער אַנע־מישער הנאהדיקייט. יהודה לייב טעלער שטעלט דעם טראָפּ אויף מי און מאַטער נאָך אַ טאָג פון זונגלי:

שמעקסט מיט שווייס און רוישסט
מיט לעצטן בליאַסק אין צווײַגן.

און אַז פייגל אויפן בוים — נישט קיין שלווה־שירה הערט ער בײַ זיי, נאָר פייגלרייד אין עראָטישן גלי, און זיי נעמען אויך אים אַרײַן אין פויגלשן געזעמל:

אַרום אונדז פייגלרייד. איך ציטער
מיט דער ליידנשאַפט פאַר פּאָרן.
מיר זענען פון איין שטאַם,
מײַנע פינגער גראָבן זיך ווי וואָרצלען
צום קילן פינצטערן טיף.
אויף אונדז ביידן פּלאַצט די קאָרע,
מײַנע הענט גליִען אין דײַן דיך,
כ׳זוך אין דיר דערקענטעניש,
כ׳שאַף צו דיר אַ לשון.

אַן עבודה מיט געטרײַען אויפּטו.

*

זײַן לעצט בוך „לידער פון דער צײַט״, איז דאַטירט 1940. פון דעמאָלט האָט דער דיכטער נישט אײַנגעזאַמלט זײַנע נײַע לידער. אפשר איז די סיבה אין שאָק פון דער תקופה — גורל יידיש נאָכן אומקום פון יידן, און אפשר איז אויך די שולד אין דער איגנאָראַנץ, אין די קליינע דאָזעס פון אָפּשאַצונג און אָנערקענונג וואָס די בעלי סמכא פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק האָבן צו־כּזיתדיק צוגעטיילט אָט דעם ווערטפולן פּאָעט. צו דערמונטערונג האָט טעלער בעיקר זוכה געווען פון זײַנע „אינזיך״־חברים און פון אַנדערע מער אָפענע געמיטער, ווי מלך ראַוויטש, וואָס האָט נאָך פון זײַנע יונגע „כּאַליאַסטרע״־יאָרן געהאַט האַרץ און אויער פאַר שאַפערישע ברוואַזונגען און נײַע מעטאָדן אין דער פּאָעטישער עבודה.

אַזוי אָדער אַנדערש, — די יידישע ליטעראַטור־קריטיק האָט תּמיד אוטערגעהונקען נאָכן אײַלעוודיקן גאַנג פון דער יידישער פּאָעזיע. נישט שטענדיק האָט דאָס צינגל פון איר וואָגשאָל זיך געריכטעט לויטן אמת, אַ סך פאַרזען בשוגג און אויך במזיד.

טעלערס ליד האָט ווײַטער אָפּגעהיט דעם גוטן קערן פון אינטענסי־ווער נײַקייט. אמת נישט מיט קיין גרויסער שפע, אָבער מיט טיפער

איינגעגלייבטקייט אין אייגענעם וועג; מיטן מעטאָד פון זיינע „מיניאַטורן" אַרויסגעבערענגט די שווינדגעפילן פון זיינע פלי־נסיעות, אַזוי בילדעריש גראַווירט:

אַן עראָפּלאַן
קריצט
זיין מאָנאָגראַם
אין שוואַרצן
מירמל
פון דער נאַכט.

ביי די שוועלן פון הימל איז אָט די שילדערונג נאָר געווען די באַזע צו אַנטפּלעקן אין זיך די סתירות פון בן־הדור:

גאָטס גיפטיקער ביס
גליט אויף מיין דיך.
— — —
כ'שווים אין פּיצלער שפּיגל
און קען זיך ניט
דערקענען.

ווי אַ געטריי ווידערקול פון נוסח רילקע, הערן מיר אויך ביי טעלערן אַרויס זיינע איינזאַמקייטן דורכן ליד וועגן אַ שכן פון יענער זייט וואַנט:

מחשבות וואָרקען
ווי אַ שפּילקאַסטן
פון יענער זייט וואַנט.
אַ בלינדע
און גליטשיקע סטעזשקע
איז מיין צום שכן־אויסגעשטרעקטע
האַנט.

די גראַפיש־אָפּטישע שמאָלקייט פון די שורות איןביידע פראַגמענטן איז דאָ אין פולער האַרמאָניע מיט די האַסטיקע באַוועגן אין די שווינדל־הייכן און אויך אַזוי אַדעקוואַט געבוי ווי דער מאַגישער געצי פון האַנט צו האַנט איבער דער וואַנט.

אין זײַנע נסיעות פון לאַנד צו לאַנד האָט טעלער נישט פאַרגעסן זײַן ייִדישן װעלט־חשבון. אין דער שװייץ, װוּ „די קלויסטערס קלינגען / װי עובר בטל / אַריבערן געפילדער" און „װוּ די זעגלען שװימען אויף די ראַנדן פון דער שקיעה" מאָנט ער פאַר זײַנע „טויט־געיאָגטע ברידער": „האָסט זיי נישט געלאָזט די בערג אַריבער". אין בודאַפּעשט זעט ער: „בריקן לויכטן / װי חופּות / איבערן דונײַ" — — „נאָר די לבֿנה שנייט אַש אויפֿן ייִדישן פּערטל". און אין פּראָג, װוּ ער שיקט זײַן „גרוס צו פראַנץ קאַפקאַ": „רבבֿות שטומען אויס דעם אָמן / אויף די יזכּור־װענט פון פּנקס־קלויז" און „דער לעבעדיקער מנין שימלט נאָענט / אין מוזיי / מיט מולכוס פּאָן".

דעם ייִדישן חשבון פירט ער אויך בײַ זיך אין ניו־יאָרק:

װאָלקן־קראַצערס פלאַקערן
װי עבֿודה־זרה,
אַנטקעגן אַ זון
פון אויסגעשײַערט ייִדיש מעש.

אַזאַ פּלאַסטיש דורכגעװייטיקט געמעל, מיט חשיבֿות פון ייִדישן שטאָלץ פון אַ גאָר טיפער יניקה, און אויך מיט נישט װייניק ייִדישן טראַגיזם אין דעם. נאָך שאַרפער קומט עס צום אויסדרוק אין זײַן לידער ציקל „גאָט פון אבֿרהם", (פאַרעפנטלעכט אין „געצעלטן" אונטערן פּסעװדאָנים משה גערשט). דאָ פאַרסכּהכּלט דער פּאָעט סאָציאָלאָגיש־היסטאָריש די ייִדן־שקיעה אויף קאַנווע פון ברוקלין:

יעדע לװיה־עגלה
אַריבער די ברוקלינער בריקן
פאַרװישט די שפּורן פון שורש
— — —
עס פאַלט אין לעצטן שניט
אַ קהילה קדושה
װאָס האָט געבליט
ניט אין לאַנדשאַפט
ניט אין לשון
נאָר אין הילוך, הלבשה און לאָװן.

דער ייִדישער מינאָר־חשבון שרײַט דאָ אויס פאַר גאָט פון אברהם:

הנני, אַ נישטיקער ייִדישער פלעק
אינעם חושך פון גוייִשע בערג.

*

און אָט גאָר אַ חשבון אַן אַנדערער, אַ חשבון פון אייגענע יאָרן. אָט — וויטאַלקייט פון ייִנגשאַפט:

איך שטיי אינעם הויכן קאָרן
פון מײַנע זומעריאָרן,
כ׳שטיי ביז די קני
אין מיטזומער
נאָפּלדיקע פּירות פאַר די פיס
און איך פיבער נאָך אַלץ
מיט יונגלהיץ.

און באַלד אַזוי מינאָריש:

בלויז איך ניט דער בוים,
וועט זיך ניט באַנײַען.

אַמאָל, אַמאָל האָט יהודה לייב טעלער געזונגען זײַנע „צוואַנציק שורות צום שטאַם" — איך ווי דו: „מיר זענען פון איין שטאַם". און איצט די מחיצה: „בלויז איך, ניט דער בוים"...

אַראָפּגעלאָזט האָט זיך דער שאָטן איבער איינעם פון אונדזערע זעלטענע דיכטער, אַ געראָטענער יונגוווקס פאַר ייִדיש אויפן אַמעריקאַנער באָדן, וואָס האָט דעם גלי פון זײַן צײַט דורכגעלײַטערט דורך ייִדיש געמיט, און אין באַריר מיט אַנדערע קולטורן געהיט דעם אייביק־נישט־געחתמעטן חשבון פון ייִד און וועלט.

משה יונגמאַן און זײַנע „ווײַסע טויערן“

...עס ווילט זיך מאַכן אַ שהחיינו אויף די „ווײַסע טויערן“ פון אונדזער יונגן, יונגן אין תוך משה יונגמאַן.

ווען נאָר דאָס בוך אַליין וואָלט דערשינען אין דער לעצטער צײַט, דאָ, אין ישראל, וואָלטן מיר אויך געקאָנט זאָגן מיט שטאָלץ, אַז דאָ, אויף ישראלדיקער ערד, איז ווידער אויפגעגאַנגען עפּעס יונגס און צוזאָגנדיקס, וואָס מאַכט אונדז אַלע רײַכער. אָבער מיר ווילט זיך מאַכן אַ שהחיינו איבער דעם דאָזיקן בוך פּילנדיק דערבײַ אָט די ליכטיקע סובלימאַציע וואָס ייִדיש מאַכט דורך דאָ אין לאַנד, אויפן וועג פון ייִדישן צער צו ייִדישער פרייד.

ייִדיש איז אויסגעהונגערט צו יונגקייט, נישט נאָר אין זין פון עלטער פון מחבר, נאָר אין זין פון שעפערישער יונגקייט. צום באַדויערן פאַרשטייען עס נישט אַ סך מחברים, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער כלומרש־טער סטאַבילער פשטות און אײַנגערעדטער פרימיטיווער פאַלקישקייט, און מאַכן אַזוי אַרום פון נויט אַ טוגנט, זיך באַגנוגנדיק מיט שטאַמפּיקער שפּראַך, בלאַסער טעמע און גראַם־קלאַפּעניש, ווי אַ העמערל אויף בלעך.

יונגקייט אין פּאָעזיע מיינט — דער קעגנזאַץ פון אימפּאָטענץ: קאָנען ליב האָבן, קאָנען טראַכטן, קאָנען זען און אויך אַרויסווײַזן לײַדנ־שאַפט און העזה צו אַ נײַ וואָרט.

אין יונגמאַנס שווונגיקער סטיכיע, אין זײַנע אויפגעהויבענע טויערן וואָס זענען ווײַס נישט פון זיקנה, לאַקט און רופט אַרײַנצוגיין אין זיי און דערזען —

אַז אפילו די שיריים אויף אונדזער טיש
גליִען הײַנט נאָך ווי איידלשטיינער
אפילו די שאָטנס וואָס געבליבן אונדז
נאָכן טאַנץ פון רבייִשע זאַכן

נישטאָ אין דעם קיין ראָמאַנטישע אידעאַליזאַציע פון נעכטן. אַנדערש, דאָס זאָגט עדות, נישט נאָר אויף פּאָעטישן חוש און דבקותדיקע באַציִונג צו דורות, נאָר אויך אויף היסטאָרישן חוש, און אויף רעאַלן פאַרשטאַנד און באַנעם. וואָרעם, זענען דען צופעליק אַזעלכע שורות, וואָס זענען שווין נישט נאָר נוגע דעם עבר, נאָר אויך דעם עתיד:

משיח קומט, ער האָט דאָס פּנים פון מײַן זיידן.

אָדער: —

אין דרויסן שטייט דאָס אייזעלע,
מיטן גאָלדענעם זאָטעלע, וואָס מאַמע האָט אָנגעגרייט

אָט דער דראַנג צו פאַרבינדן צײַטן, און נישט מיט יהושע בן־נון, ווי עס פירן זיך כנענים, נאָר ביז משיחן, דורך זיידן און מאַמען, איז איינס פון די בולטע פאָלקישע און אהבת־ישראלדיקע אָנטפּלעקונגען אין יונגמאַנען — און אַ באַווײַז אויף וויפל די ייִדישע פּאָעטישע שאַפונג בכלל האָט נאָך געגנוג אין זיך שורשדיקע וויטאַמינען פאַר ווײַטערדיקער עכטער שאַפונג.

*

דער יונגער, מאָדערנער יונגמאַן, איז ייִדיש נישט נאָר אין זײַן שפּראַך, נאָר — דער עיקר — אין זײַן באַנעם. פון מענדעלעס פאַנטאַסטישע קבצנים מיט זייערע מסעות; פון שלום עליכמס פאַרכישופטע שנײַדערס און בלאָנדזענדיקע שטערן; און פון פּרצעס „אויב נישט נאָך העכער" — דאָרט ווו דער דלות פײַפט — גייט אָן, דורך אַלע יאָרן, ביז הײַנטיקן טאָג, דער גרעאָטענער זיווג אין תוך און אין מהות פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דער זיווג צווישן שיינקייט און דלות, וואָס זײַן קיצור איז מלך־אביון, אָדער רבי־אָרעמאַן.

אָט די ייִדיש־תוכיקע פאַרעניש פון שיינקייט מיט דלות; אָט דאָס ווינטשפינגערל פון אונדזערע פײַנען, וואָס ווינטשט תמיד ברייטהאַרציק מזל־טוב — איז אפשר דער עיקרדיקער קאָליר און מוזיק פון יונגמאַנס „ווייסע טויערן".

ווי זעט משה יונגמאַן דעם בעל שם טוב?

פון פאַרנט, פון הינטן מיט קינדער באַקלעפּט,
פון קעלט און פון הונגער פּאַר פּאַלעס געשלעפּט.
נאָר מיט קאָפּ אין די הימלען — אַזוי אָטעמט, לעבט
דער בעשט אין אונדז, דער באַהעלפער.

דאָס דינע כּאַלאַטל אין ווינטן אַ זיפּ
און אין בלאָטע די שטיוול — אַ כּליפּ נאָך אַ כּליפּ.
אָבער די זון גליט, ווי שטענדיק, אין אויג און אויף ליפּ.
פון הייליקן בעשט דער באַהעלפער.

קעלט, הונגער — מיט קאָפּ אין די הימלען.
בלאָטע אויף שטיוול און זון אין די אויגן.

דאָס איז יונגמאַנס זעונג און אַזוי מוז זען יִדיש. זי קאָן נישט אַנדערש, ווײַל זי איז געבוירן געוואָרן פון פאָלקס דנאָען און זי איז אויפגעשטיגן מיט זײַן חלום. ווײַל דאָס ווינטשפּינגערל פון דלות און שיינקייט איז דער מיטאָס פון יִדיש; אָט די שורשדיקע יִדישע זעונג איז במילא מענטשנליבנדיק — הומאַניסטיש.

הומאַניזם אין פּאָעזיע מיינט געשטאַלטונג — מענטש! און אָנשפּאַר אויף דער קאָנקרעטער וועלט, ווו אויך גאָט איז מענטש און זאַכן זענען דורכגעלויכטן מיט גאָט און מענטש צוזאַמען. הומאַניזם אין פּאָעזיע מיינט, ווען ווערטער ווערן זאַך און געשטאַלט, צוליב ליבע צו מענטש און צוליב ליבע און אחריות צו וועלט.

לאָמיר זען, וואָס יונגמאַן זאָגט וועגן זײַנע ווערטער:

זענען די ווערטער,
וואָס דו וויקלסט איבער טיר און פענצטער אויס,
אַ רויכנדיקער טאַטע אויף דער שוועל פון נײַעם הויז,
אַ יונגע מאַמע, מיט אַ זייג־קינד אײַנגעטוליעט טיף
אין שויס,
און אַ לבנה־באַק, וואָס שיילט זיך פון אַ גרינעם
בוים אַרויס

אַזוי ווערן די ווערטער געשטאַלטן, און אַזוי ווערט די אָפּגעניצעוועטע לבנה — פון דער אַלטער פּאָעטישער גאַרדעראָבע — אַ וואַרעמע, אַ

נײַע, מיט אַ טעם פון אַ פּני־כּלה — „אַ לבנה־באַק, וואָס שיילט זיך פון אַ גרינעם בוים אַרויס".

אין דור, ווען יעדער קוואַזי־פּאָעטישער טויגעניכטס, וויל צודעקן די חרפּה מיט אַבסטראַקט — איז זייער וויכטיק אָט די ליבשאַפט צו דער קאָנקרעטער וועלט. און פּונקט ווי משיח האָט ביַי יונגמאַנען דאָס פּנים פון זיידן, פּונקט אַזוי איז זיַין לבנה אַ היימישע לאַקאַטאָרין אין דעם גרינעם געפלעכט פון אַ בוים. אָט דער גוטער אינהאַלטלעכער פּאָעטישער רעאַליזם (פּאַרטווישט מיר אים נישט מיט די אַלע גלגולים פון סאָצ.־רעאַליזם און נאַצ.־רעאַליזם ביַי אונדז) — אָט דער פּאָעטישער רעאַליזם, איז זייער בולט סומירט אין צוויי קלאָרע שורות זיינע — איינע:

ווערטער אויפגעקליבענע אין גאַס און אויפגעסיליעטע
אין מיטן וואָך

און — נאָך מער פּאָעטישער — די צווייטע:

אַ פויגל שריַיט, און אָנגעדראָלן ווערט די וועלט
מיט תוך

אָט די פרייד פון ישראלדיקער נײַקייט מאַכן דורך אַלע ייִדישע פּאָעטן, ס'איז דאָס היימגעפיל, צו וועלכע דאָס נע־ונדע פּאַרטרויערטע ייִדיש ציט זיך — בדרך הטבע, ווי אַ בלאָנדזשנדיקער צו אַ היימיש פיַיערל. אָבער וועגן דעם לאָזט זיך עפּעס זאָגן. און אפשר זאָגט עס צום בעסטן אַליין יונגמאַן? —

צי האָב איך ניט געוווּסט דיַין ראַנגלען זיך?
איך האָב געוווּסט!
און אויך דיַין אויסגיין לעבעדיקערהייט
אין ים פון שטויבן.

און אפשר איז עס אַ מוסר־וואָרט פון דיכטער צו זיך אַליין, ווען ער זאָגט עס כמעט אין אַ טאָן פון פאָרוווּרף צו זיך:

נאָר איך האָב גאָלד אַרויסגעדאַווענט פון דיַין יעדן שטיין
לבנהס אויסגעשפּינט מיט סודותדיקן זאַלץ פון דיַינע
ווונדן

בין איך טאַקע אויסן אַט די פראַגע: צי שפּינען מיר נישט אויס צו פיל לבנהדיקייט אַריבער די ווונדן פון אונדזער מענטשנלאַנדשאַפט? צי ווערט נישט צו פיל פאַרזיסט אַט דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען און פילן איצט? צי וועבט זיך נישט אויס אַדאַנק דעם אַ צו פיל איבערגעטריבענער אָפּטימיסטישער יידיש־ציון־נוסח, וואָס איז אַ גילגול פון סאָצ.־רעאַליזם צו נאַצ.־רעאַליזם? דאָס איז נישט דווקא נוגע יונגמאַנען. ס'איז אונדזער אַלעמענס פראַגע: צי דאָס אמתדיק הומאַניסטישע, אין זיין יידישן און אַלמענטשלעכן באַנעם, קליידט יונגמאַן אָן אויף דער קאָנקרעטער ישראל־דיקער מענטשנלאַנדשאַפט, וואָס מיר רופן אין פראַזאַישער שפּראַך מיט אַ וויזיאָנערישן נאָמען: „קיבוץ גלויות״? —

די יידישע געשטאַלטן פון נעכטן און פון מרחקים — און זיי לעבן נאָך אין דיכטער! — איז אַ סימן, אַז זיי זענען פאַראַן: —

נאָר אַלע דאָ: די האַצמאַכס און די בלאָנדזשענדיקע
שטערן
מען דאַרף נאָר צולייגן אָן אויער צו דער וועלט און
הערן

אין פּאָעזיע איז תמיד שיין און תמיד אמת — דער אוניווערסאַלער תוך. און דאָס מיינט: בן־אָדם, וואָס איז תמיד ווייטיק. געפין איך אין יונגמאַנען אַ נאָך נישט אויסקריסטאַליזירטע ראַנגלעניש פאַר זיין קינפטי־קן פּאָעטישן וועג. אַט אַ נייגונג צו קאָלירן פון עקזאָטיק, צו דעם גלאַנץ פון נעמען און צירונג:

און די פּערל און די אויערינגלעך,
און דער דינער גאָלדענער בראַסלעט
פון כרמלה, צי ביאַנקאַ, צי גראַציאַ —
צי זאָל איך שווייגן,
צי זאָל איך ניט מאַכן דערפון אַ ניגון?

אַט דאָס איינהערן זיך, איז דער וועג צו פאַרטיפונג; צו אַ ביסל וויניקער אָפּטימיזם און מער אמת. נישט נאָר צו זען קיבוץ גלויות, נאָר צו זען דעם גלות פון יעדן איינעם באַזונדער. און נישט נאָר צו זען אָרט, שטח, נאָר אויך פילן די זיגזאַגיקע דימענסיעס פון צייט.

אַ סך דינאַמיק פאַרמאָגט אין זיך יונגמאַן. ער איז פול מיט פּאַטעטישן יצר־הרע. ס'זאָל אים צו גנאי נישט זײַן נאָר צו לויב!

איך חלום פון ירושלים
אַלע הימלען — פאַרמעט,
אַלע וואַסערן־טינט
— — —
האַ! און עס פלעגן בלײַען כריזאַנטעמעס
אויך אויף די בלאָע שויבן פון מײַן אײַזלאַנד
אַזוי פיל סטעמפּעניוס נאָך שטעקן קעפּ אַרויס פון טירן.

און וועגן נײַעם יישוב:

שטייען זיי ברייטע און יוסטע, מיט דעבער פאַררוקטע צום הימל,
מיט שילדן רויטע און גרינע צעשפּילטע אין טוי און אין נײַקייט

און ס'איז דאָ בײַ יונגמאַנען אַ נוסח פון פאַרקאָשערן די אַרבל:

איך וועל ווי אַ בריה אַן אויפטוער
וועל איך אָנטרינקען ווידער די לידער
מיט אַ הויכן שטילן פאַר טאָג
— — —
אַרומזשושען כ'וועל מיינע לידער מיט בינען!

דאָס איז נישט נאָר מאַניפעסטאַציע און דעקלאַרירונג, נאָר יונגער שעפערישער טעמפּעראַמענט, פאַרמעסט און, ווי אויבן געזאָגט: פּאַטעטישער יצר־הרע.

קולבאַק האָט אַ מאָל אין זיינע תפילות געבעטן: גאָט, האָב רחמנות אויף די וואָס קינדלען און האָבן קיין יצר הרע נישט". אפשר איז די תפילה אויך אָנגעפּאַסט פאַר די וואָס לעבן פון נעכטיקער פּאַטעטישער ר'ענטע. אויף יונגמאַנען איז די תפילה נישט גילטיק.

מיר גלייבן אים ווען ער זאָגט: „פון טויזנט־צאַליקע רערן וויל איך אײַך הערן אַרויסזינגען! גראָז פון לעבן". און פון די אַלע התחייבותן

וואָס יונגמאַן נעמט אויף זיך, זאָגנדיק איך וועל, איז אפשר דער שענסטער, דאָרט ווו עס פילט זיך צער און רחמים: —

קליינע, אַנטשלאָפענע דערפער ביי נאַכט —
איך וועל אייך איבערציילן מיט ציטערדיקע פינגער,
איך וועל אויף אייך אַרויפוואַרפן מיין מאַנטל,
זאָל אייך זיין וואַרעם,
זאָל אייך זיין ווייך אין מיטן נאַכט...

אין דעם איז דאָ צעריקע זעונג, אין דעם איז דאָ תפילה פאַר דער אָרעמקייט און אין דעם איז אויך דאָ שליחות. דאָס איז דער וועג דורך די ווייסע טויערן צו ייִד־מענטש.

פון „לידער צום אייביקן" ביזן ליד פון ווידוי

...אַ טראַגישער לידער־גאַנג פון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס קוקט אויף צוריק אויף דעם גאַנצן אָפּגעגאַנגענעם וועג זײַנעם פון איהומען דורך עקן וועלט פּאַרשנייטע, פּאַרבלוטיקטע, ביז דער שעה פון מן המצר, פון פילן זיך עלנט, אַליין, ווי נאָר אַ גרויסער דיכטער קאָן פילן. יאָ, און פּחד אַפּריאָרי פאַר יעדן פּסוק אין ייִדיש וואָס רעדט מיט גיוואָ, ווי עס רעדט און דאַרף רעדן פּאָעזיע אויף דער גאַנצער וועלט.

מיר האָבן אין ייִדיש נישט זוכה געווען צו אַ יונגן לייענער וואָס קומט פון שול און אוניווערסיטעט און זוכט, ווי יעדער יונגער לייענער אין דער וועלט, אין דער פּאָעזיע, נישט נאָר תמעוואַטע שיינקייט, נאָר אויך די דראַמאַטישקייט פון מאָדערנעם איבערלעבן.

אונדזערע לייענער מיט די גרייַז־גראָע קעפּ האַלטן נאָך אַלץ, אין זייער גרויסן רוב, ביים פּאָלקסליד, מיטן געשמאַקן טעם פון היימישע מאַרצעפּאַנעס, ביי דער פּשטות וואָס איז גוט, ווייל מ׳דאַרף גאָרנישט קלערן. פאַר וואָס אַרײַנטראַכטן? פּאָעזיע מיינט הארץ! איז געקומען ה. לייוויק און נישט געבליבן ביי טרויער אַליין, אָדער ביי פרייד אַליין, נאָך צוזאַמען מיטן ווידוי־ליד, מיטן קול־דממה־געוויין פון אַ טראַגישן פּאָעט — אַ פאַראַטעטנעם מלך — קומט דער רוף צו אַ שטאַפּל העכער און אַ שפּאַן ווייטער, אַז מיר זאָלן די אבלות נאָך אים אויפהייבן, — צו וואָס? צו יום־טוב.

הילט מיך אײַן אין יומטובדיקייט, ברידער,
זאָל אַרײַנשווימען מײַן טאָג אין אָונטבלוי פון טעג,
ווי עס שווימט אַרײַן אַ שיף, וואָס ביי איר רודער
עפנט פרײַ דער קאַפּיטאַן די סודות פון זיין וועג.

— — —

ניט קיין ענגער פּרוזדור איז פֿאַר מיר די ערד;
אין שפּיטאָל אפילו, צי אונטער די בייזע קנאַלן
פֿון אַ תפיסה־קנוט, צי גאָר אונטערן שאַרף פֿון שווערד
ניט קיין ענגער פּרוזדור נאָר אַ ווונדער פֿון גאָטס זאַלן.

הילט מיך איַין דעריבער אין דער יומטובדיקייט, ברידער
וואָרט ניט ביז די שעה פֿון שטויביקייט וועט שלאָגן.
נעמט אויף איַיער צונג איין וואָרט, איין אות פֿון
מיַינע לידער,
און איך וועל מיַין דאַנק, מיַין אָוונטדאַנק איַיך זאָגן.

אַזוי גייט לייוויק פֿון מן המצר צו הללויה, פֿון אבלות צו יום־טוב. נאָר אַזוי צו קניפּן און פֿאַרפּעדעמען טרויער מיט פֿרייד — און זען אין שפּיטאָלן און אין תפיסות די ווונדער־זאַלן פֿון גאָט — האָט נאָר געקאָנט איינער אַליין אין דער ייִדישער ליטעראַטור — ה. לייוויק. און נישט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אויף אָט דער קאַנווע דאַרף געזען ווערן, ה. לייוויק, — און קאָן נישט אַנדערש דערזען ווערן, — ווי נאָר אויף דעם גרויסן שליאַך, וווּ עס באַוועגן זיך די ערשטע און דרייסטע גיַיסטער פֿון מענטשלעכן מין; וווּ דאָס וואָרט פֿון מענטש גייט אויף, נישט נאָר לשם שיינקונסט, כדי הנאה צו טאָן דעם מענטש, נאָר, דער עיקר, כדי צו הייבן דעם מענטש, אַז ער זאָל האָבן געוווּג מוט זיך צו ראַנגלען פֿאַר זיַינע קריוודעס, מיט גאָט און מיט מענטש, מיט גורל און מיט זיך אַליין.

לייוויקס וואָרט מיינט: מוט פֿון מענטש צו שטעלן געווּי און שאַרף דעם דיאַגנאָז אויפֿן מענטשלעכן מין, אַז מענטש זיַין מיינט: גיין, צווישן גאָט און חיה, דעם וועג פֿון ליַידן און געראַנגל מיט די ליַידן פֿאַר העכערס און וויַיטערס.

אין זיַינס אַ רעדע וועגן קולטור און ליטעראַטור האָט לייוויק געלאָזט הערן: דער עצם זין פֿון קולטור און ליטעראַטור, באַשטייט נישט אין ליַיכטן חנופהדיקן גלעטן די מענטשלעכע נאַטור, נאָר אין טיפֿער קריטיק, אין ברידערלעכער, אינטימער, אָבער מוטיקער, משפּטנדיקער קריטיק; אין מאַכן ליכט־עקסקוריסעס אין די טונקלקייטן פֿון דער מענטשלעכער

נשמה; אין אויפדעקן אירע קאַמפן, אירע תאוות, אירע סתירות — סײַ די אינדיווידועלע, סײַ די סאָציאַלע. דער שריפטשטעלער דאַרף זײַן אי אַנקלאָגער פון לעבן, אי פאַרטיידיקער, אי ריכטער, אי פאַראורטיילער, אי באַפרײַער. ער דאַרף דערקענען דעם סוד פון מענטשלעכן מין; שטעלן געגנוי דעם דיאַגנאָז אויפן מענטשלעכן גורל — און דאָס קאָן מען נאָר ווען מען געדענקט שעקספּירס וואָרט, וואָס עס מיינט פרימאָרגן אויף דער ערד:

פרימאָרגן — נאָך אַן אלמנהס געשריי,
נאָך אַ טאָג אַ פאַריתומטער וויינט,
נאָך אַ טרויער קלאַפּט אָן אין הימל.

פרימאָרגן אין אָנהייב, באַנײַונג, אויפשײַן, אָבער שעקספּיר זאָגט אויך, אַז טאָג איז אַ פאַרזעצונג: נאָך אַן אלמנה־געשריי, נאָך אַ פאַר־יתומטן טאָג און נאָך אַ טענה צום הימל. צי הערן מיר נישט דעם זעלבן דיאַגנאָז אין לייוויקס ליד: „דאָס לעבן איז האַרביק און מאָכיק״?

אַוודאי האָט לייוויקס יסורימדיקער באַנעם פון לעבן צו טאָן מיט זײַן וועג — מיט זיין ביאָגראַפישן דרך פון איהומען דורך סיביר, ביז דענוווער אין קאָלאָראַדאָ — די אלע תפיסות און שפּיטעלער. אָבער דער ביאָגראַפישער יסוד איז נישט די איינציקע מאָס פאַר לייוויקן, וואָס זײַן אַנאַליטישע פילאָזאָפישע מחשבה שטייט תמיד ווי אַ באַוווסטזיניקע היטערין פון זײַן ליד.

ווען לייוויק רעדט וועגן דעם ערשטן פונקט פון זײַן לעבן, זאָגט ער:

נקודה — רופט עס אָן דער פילאָזאָף
און אויך דער דיכטער זאָגט מיט פאַרכט דאָס זעלבע וואָרט.

דיכטער און פילאָזאָף — דאָס איז לייוויקס מדרגה. אַדאַנק דער שותפות פון געדאַנק און געזאַנג האָט לייוויק אַריבערגעטורעמט זײַן ליד אַריבער דער ייִדישער דיכטונג און אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר ייִדיש צום אוניווערסאַלן. נישט תמיד מיט ווירטואָזיטעט, נישט תמיד מיט פאַרכאַפּנ־דיקע מיראַזשן פון שיינעם מעטאַפאָר און ווילקלאַנג, נאָר תמיד מיטן כח פון זײַן מהות וואָס איז דיאַלאָג צווישן ברענענדיקן פינטל ייִד צום יסורימדיקן פינטל מענטש... ווען לייוויק רעדט וועגן אַלטמאָדישן פון

דער וועלט, גייט אים קודם כל אין דערקענען דעם נאַקעטן אמת, אַז די וועלט איז נאָך אַלץ נישט געגאַנגען פאָרויס, און אַז נאָך און נאָך ציט זיך די פּרשה פון מענטשלעכן ווייטיק:

פּאַראַט, אַפּזאָג,
פּאַראַט פון דעם נאָענטסטן,
אָפּזאָג פון דעם געליבטסטן,
מיטן רוקן אַוועקגעדרייט,
מיט גאַל אויף די ליפּן,
און דער שטאַרקער איז נאָך אַלץ דער מאַכטהאָבער
און דער מאַכטהאָבער איז נאָך אַלץ אַ רשע

דאָס איז די זעונג וועגן געגסטערישן אין יעדן מענטש — דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט, דאָס רויבערישע און פּיראַטישע, וואָס איז אַזוי אַלטמאָדיש מימי קדמונים, ביז אונדזערע מאָדערנסטע אַטאָמישע צײַטן.

*

אַ טבע האָבן לידער צו וועלן זײַן גרינג, פליגלדיק, האַרמאָניש און מילד, אָבער לייוויק האָט זיך אָט דעם פּאָעטישן לוקסוס נישט דערלויבט.
זינגט לייוויק:

אַלע געוווינען זיך צו צום נוסח פון מײַן ליד,
אַלע, נאָר ניט איך אַליין.
זע, פון מײַן האַלדז הענגט אַרונטער אַ גזריקער שטיין.
זע, פלוצלינג מיין איך, אַז איך בין אַ שווונגיקער שמיד,
כ׳שמיד אויס פון ווערטער צוויי פליגל און כ׳פלי —
לאָזט זיך גאָר אויס, אַז איך ליג מיט געבראָכענע קני.

ווונדער פאַרכאַפּט מיך, וואָס שווערער און גרעסער דער יאָך,
בענטשונג און לויב צו דער ווונדער־צעשטראַלטער מינוט
— לאָזט זיך גאָר אויס, אַז איך ליג אַ פאַרטונקטער אין בלוט.

אַלע, נאָר ניט איך אַליין. סײַ בײַנאַכט, סײַ בײַטאָג
בעטל איך אויס קוים דעם חסד פון קלאַנג,
בעטל איך אויס די מתנה, וואָס רופט זיך: געזאַנג.

דורך די „לידער צום אייביקן" האָט לייוויק זיך געזעגנט מיט אונדז אַלעמען, מיט די אַלע וועלכע זענען געגאַנגען צענדליקער יאָרן צו זײַן ליד; צו טרינקען פון זײַן ליד דורשט און פײַער. אין די „לידער צום אייביקן" ציטערט יענע דינע, רויטע שנור — פון וויגל ביז טויט, וואָס מאַכט פון געוויינלעכע ווערטער נצחדיקע שטראַלן: — קולות און ווידערקולות פון דער אייביקייט.

אַ לעגענדע בינדט אַרום די לידער זיינע. דאָס מוטיקע פאַרחלומטע ייִנגל פון איהומען רעדט זיך איבער מיטן קראַנקן פאַרשטומטן זקן אויף זײַן תפיסהבעט אין ניו־יאָרק... אַזוי פיל געפאַלנקייט און גרויסקייט צוזאַמען. אַזוי פשוט און טיף קאָן נאָר טענהען צום אייביקן, ווער ס'איז אין זײַן גאַנץ לעבן, אין אַלע זײַנע מעשים און געזאַנגען געווען אייביק — און וועט בלייבן אייביק.

דורכן מהר"ם פון רוטענבערג זאָגט לייוויק:

ס'איז ניט מיין טבע
אַרויפצוצווינגען מײַן געמיט אויף עמעצן.
צו מײַן געמיט דאַרף יעדער צופאַלן אַליין
ווי צו זײַן סאַמע לעצטער ברירה.

אייביק וועט יעדער דערהויבענער מענטש און ייִד מוזן גיין און צופאַלן צו לייוויקס וואָרט, ווײַל דאָרט איז דאָ אַלץ, וואָס בלוטיקט אין אַלע צײַטן, און חלומט דורך אַלע צײַטן.

דאָס געזאַנג לייוויק

ווו נאָר ייִדן זענען — בייגן זיך ייִדישע ווערטער פאַראַבל'ט נאָך זייער געזאַלבטן לייוויק. ער האָט זיי פאַריתומט — נאָך פאַר יציאת הנשמה, מיט זײַן געליימטקייט און פאַרשטומונג.

ווי תהומיק אַזאַ שווייַגן פאַר דעם, וואָס וואָרט מיינט — בריק צום האַרץ פון דער וועלט, שליסל צו איר סוד, קלאַנג און אָפּקלאַנג פון איר אייביק געשען.

ווי גהינומדיק פּייַניק אַזאַ געצווונגענע אַליינקייט — פאַר אַזאַ גרויסן יחיד, וועלכער איז תמיד געשטאַנען בשער הרבים, ווי מאָנער און פרעגער פאַר יעדנס לייַדן, און חלומער פון אַלעמענס גאולה־חלום.

גרויס איז די יתומדיקייט. זי בייגט זיך איבער דער אָפענער מגילת היסורים, וואָס הייבט זיך אָן פון איהומען בייַ די בויט־צערן, בייַ טאַטע־מאַמעס יאָמערן, און וויקלט זיך מיט לייוויקס לעבן און וואַנדער דורך אַלע מיני געפאַנגענשאַפטן — טורמע, סיביר, שפּיטאָל, סאַנאַטאָריום, און עלנטקייטן און ווייטיקן פון זיך און אַרום אין די שוידערן פון אַ גרויליקער תקופה.

זי וויקלט זיך — די מגילת היסורים, מיט אַלע פּייַנוועגן פון דור, און אויף אירע ראַנדן — די גרויסע פּראָגעצייכנס, וואָס לייוויק האָט אויפגעשטעלט פאַר אַלע. אויף אירע לעצטע בלעטער ציטערט לייוויקס תפילה:

ניט לאָז איך זאָל ווערן פאַרלאָשן,
נישט רייץ מיך מיט שטומער אַליינקייט.

*

געחלומט האָט לייוויק פון אַ „לעצטקייט" אַן אַנדערע — אַזאַ וואָס דערגענטערט זיך מיט פּייַערלעכקייט אויף דער ליניע פון פאַרשטאַנד און שיינקייט; אַזאַ מין באַגעגענונג פון טויט און לעבן, ווו דער מוז ווערט אין געלייַטערטקייט ווילן און יענע זייַט שטראַלט אַריין אין דער זייַט מיט תפארת און מיט פרייַהייַטלעכקייט פון זינגענדיקע אָנהייבן:

רוף מיך, לאָק מיך, לעצטקייט —
צינד אָן דייַנע צויבער־פלאַמען
אויף יענער זייט טויער
וואָס רופט זיך סוף —
ווען איך בין נאָך אויף דער זייַט טויער.

גענען מיט דײַן פײַער צו מיר,
שפּרייט אויס דײַנע פליגל
און נעם מיך און טראָג מיך אַריבער
צו דיר — אַריבערן טויער —
צו דײַן געטלעכער פרײַהייט, לעצטקייט.

איך אָן דעם צעשטראַלטן אין־סוף
וואָס וועט מיך אַרויפנעמען אויף זיך
ווי אַ ים אַ צעפלאַטערטע זעגלשיף.
כ׳וועל זיך טראָגן איבער גאָר דיין רחבות,
לעצטקייט;
כ׳וועל זינגען אויפסניי
דאָס געזאַנג פון די אָנהייבן,
לעצטקייט.

ניין, נישט אַזוי איז די „לעצטקייט" געקומען. און דאָך — ווי סודיק פאַטאַל איז די טרעפונג פון לייוויקס טויט מיט זײַן געבוירן — דער זעלבער טאָג און שײַן פון דריטן חנוכה־ליכט. איז עס נישט לייוויקס זעונג וועגן סודיקן קרײַז פון וויגל ביז אייביק?

תמיד האָבן געלויכטן פאָר זײַנע אויגן די ערשטקייטן פון איהומענער היימווינקל, ביי זײַן „יונגע מאַמע־שכינה":

אָט רירט ער אָן ווענט,
ווו עס הענגט נאָך זיין וויגל

און די דאָזיקע דמיון־באַרירונגען פון זײַנע ערשטקייטן האָט לייוויק דערצויגן ביז סופלאָזן עתיד — וויגעלע און ציגעלע ביז אייביק:

זע, אייביק איז אויך דאָך דאָס וויגעלע
אין עלנד פון סופלאָזע שעהען —
פאַרשטיפּט זיך אַליין דאָ דײַן ציגעלע
מיט זיך אין אַ וועלט פון ניטאָען

דער דאָזיקער פּייַערלעך־פּייַניקער אָפּשלוס פון לייוויקס לעבן — וויגל־אייביק — גיט צו נאָך אַ ווונק און צייכן צו דער לעגענדע לייוויק, וואָס האָט שוין לאַנגע יאָרן געזונגען אין פאָלק צוזאַמען מיט די קלאַנגען און אָפּקלאַנגען פון זייַן ליד.

*

די ליבע פון פאָלק צו לייוויקן איז געוואָרן לעגענדע. כבוד און נייַגער האָבן אַרומגענומען לייוויקס שאַפן און דער אַראָמאַט פון זייַן וואָרט איז אויך דערגאַנגען צו די וועלכע האָבן זיך נישט געפילט אַזוי בן־ביתדיק צווישן די ביכערטאָוולען פון לייוויקס יצירה.

נישט אַנדערש — טאַלאַנט פאַרמאָגט דאָס פאָלק צו „פאַרשטיין אויפן ווונק" זייַנע רמזים... זייַנע אייגנקייטן די פאָלקישע. זיי ווערן לרוב געזען דורכזיכטיקער דווקא אין די מיטישע געהילן פון סוד און רמז, איידער אין פשט און דרש. דאָס פאָלק האָט ליב זייַנע אגדהשע סודיקייטן, וואָס ריזלען פלוצים אַרויס — אַזוי ווי ביַי לייוויקן. מיט „ערגעץ ווייַטן" פאַרסודיקטע און מיט מיטישע ווידערדערמאָנונגען פון אַמאָלן פאַרגעסענע. מיט זייַן פּערספּעקטיוויקייט פון מרחקים און צייַטן האָט לייוויק אַליין געגעבן דעם פאָלק אַ שליסל צו לעגענדע.

נישט נאָר די ביאָגראַפישע פּרטים פון לייוויקס לעבן האָבן געשאַפן אַזאַ מאַגישע אַטמאָספער אַרום זיין פּערזענלעכקייט, נאָר דער עיקר — די גרויס־האַריזאָנטיקייט אין זיין שאַפן. פון זיין וואָרט האָט זיך אַרויס־געפאָרעמט די נייַע ייִד־געשטאַלטיקייט, נאָכדעם ווי די איצטיקייט און קליינאָרטיקייט פון היימשטעטל האָט זיך שוין געאַנדערשט אויף די וואָגלוועגן צו ווייַטע לענדער און צו צייַט־רעיונות פון נעכטנס און מאָרגנס...

די „ערגעץ־ווייַטן" פון לייוויקס אָנהייבן און די ברייטע ייִד־פּאַנאָ־ראַמישקייט אין זייַנע לעצטע שאַפונגען (פון נישט געווען אין טרעבלינקע ביז געזען און דערזען ישראל) האָבן אַלע גערעדט מיט פּערספּעקטיוו פון דער גרויס־אומעטומיקער ייִדישקייט.

אַזוי האָבן אויך זייַנע דראַמאַטישע שאַפונגען געשפּאַנט מיט גרויסע שפּאַנען איבער די ווייַטע צייַט־שטחים פון בראשיתדיקן, אָבותדיקן מיטאָס, דורך מיטלאַלטערלעכע געטאָ־שאָטנס, און ביז די טראַגישע ברענפּונקטן פון אונדזער גרוילּיקער תקופה.

און ייִד־מענטש — אין גרויסן אוניווערסאַלן ווײ־חשבון, דאָס אָנ־נעמען זיך פאַרן בן־אדם; די סנגוריה פאַרן סתם־מענטש, צו וועלכע לייוויק איז דערגאַנגען (פון זײַנע גן־עדן־לידער) — זיי אַלע צוזאַמען — די מרחקימדיקייט, די נצחדיקייט און דאָס הומאַניטאַר־מאָנענדיקע — אין פאָלקישן געמיט האָבן זיי אָנגערעגט, צו זען אין לייוויק דעם געזאַלבטן שליח־ציבור פון דער ייִדישער אומעטומיקייט פאַר ייִדישער דויעריוודיקייט מיט ייִדיש הומאַנער תוכיקייט.

*

מיט דער לעגענדע פון פאָלק גייט לייוויק צו זײַן אייביק, און אַרום אים — די חברותא פון איינזאַמע גרויסע, ווי ער האָט זיי אויסגעשטאָל־טיקט בצלמו, מיט פלאַם און שאָטן פון זײַן אייגענעם יסורים־וועג.

ס׳איז אַ מנין געפאַנגענע פון גורל און חלומער פון „געטלעכער פרײַהייט", ווען לייוויק האָט מצרף געווען צו זײַן תפילה און טענה פאַר בן־אדם.

ס׳איז דער געפאַנגענער פון „ערגעץ ווײַט" אויף די פאַרלוירענע וועגן צום „לאַנד דעם פאַרבאָטענעם" — דער ערשטער אָנדייט אויף גואל און שטרויכלער.

ס׳זענען איוב און יצחק און אברהם, בײַ די וואָגשאָלן פון שווערסטן נסיון צווישן יסורים און אמונה.

ס׳איז נתן ניומאַן פון דענווער סאַנאַטאָריום, דער בכור פון לײַדן, אין פלאַטער פון לעצטע רגעס לעבן.

ס׳זענען זײַנע דערהויבענע גורל־ברידער — ווי לייוויק האָט פאַר־ברידערט — היינריך היינע, אין לאַנגיאָריקן געראַנגל מיט זײַנע זיך שליסנדיקע אויגן. ברוך שפינאָזע, וואָס האָט אין זײַן קרענק אויסגע־פירט, אַז „דער טויט אַליין זאָל ווערן אַ ליבשאַפט־אויסשטראַלונג פון גאָטס געדאַנק". דוד עדעלשטאַט, וואָס האָט צוואהדיק אויסגעזונגען די רויטע פאָן פון אַרבעטסמאַן אויף זײַן קבר.

ס׳איז אַבעליאַר דער פאַרקייטיקטער און פאַרפײַניקטער פון שווערס־טער שינאה צוליב זײַן ליבע צו העלואיז.

און צווישן זיי פראַנץ ראָזענצווײַג דער ייִדישער דענקער — אין זײַן געליימטקייט, בײַם שרײַבן מיט איין זיך באַוועגלעכן פינגער זײַן „שטערן פון גאולה" —

דעם מייסטערס אויגן לויכטן אויף מיט טרערן פולע.
וואָס זעען זיי? — דעם ווונדער־שטערן פון גאולה.

זיי אַלע — באַשערטע צו ליַידן און דערהויבונג, פון לייוויקן געשטאַל־טיקט — זיי גייען מיט אים אין קריַיז פון אייביק, צום שטערן פון גאולה.

*

דאָס געזאַנג פון לייוויקס „אָנהייבן" הייבט זיך איצט אָן.

דער ערשטער ניגון־ציטער פון דער „יונגער מאַמע־שכינה" אין איהומען; דאָס נישט איבערגעריסענע געוויסן־געשריי פון סיביר ביז טרעבלינקע; אַלע רחמימדיקע תפילות און טענות פאַר מענטשס ליַידן, און אַלע הימענדיקע שימחהדיקייטן מיטן תחית המתים פון פאָלק אין ישראל — זיי וועלן נישט פאַרלוירן גיין אין די טיפענישן פון פאָלק.

ביז איהומען וועלן פאַלן די שטראַלן פון אייביק. דורות וועלן גיין צום פיַיערברונעם פון לייוויקס וואָרט. דאָרט וועט שיַינען דער שטערן פון גאולה.



אריה שמרי ה. לייוויק א. סוצקעווער

רפאל מאַהלער — היסטאָריקער און נאָוועליסט

דאָס דערשײַנען פון בוך „היסטאָריקער און װעגװײַזער״ איז פאַר־בונדן מיט אַ באַזונדערער שׂמחה, װאָס כ׳האָב אױך געהאַט דעם זכות צו זײַן אַ מיטזאָרגער בײַם דערשײַנען פון אָט דעם בוך — און כ׳גיב דערפאַר צו צום מזל־טובֿ אַ שהחיינו פון אינטימער שׂמחה פון אַ חבר־אַ תּלמיד, און מיט כּבֿוד צו דעם בכבֿודיקן אױפֿטו פון מאַהלערן דעם היסטאָריקער און עסײַיסט.

יאָרן לאַנג האָב איך מיטבאַגלײט און נאָכגעפֿאָלגט די עסײען פון רפאל מאַהלער אין די ייִדישע צײַטשריפֿטן, ליטעראַרישע און װיסנשאַפֿטלעכע, און נאָך אײדער די עסײען זענען געװאָרן אַ בוך, און נאָך אײדער כ׳האָב נאָענט דערקענט מאַהלערן — האָב איך װי אַ לערנער פֿון זײַנע פּסוקים אַרױסגעפֿילט דעם מענטש פֿון מחשבֿה, װאָס זײַן עיקרדיקע אַספּיראַציע איז: צו דערגרונטעװען דעם אמת פֿון געשיכטלעכע פּראָצעסן; נישט נאָר כּדי צו לײזן װיסנשאַפֿטלעכע רעבוסן, נאָר כּדי צו געפֿינען אין געשיכטלעכן נסיון די װעגװײַזערישע פּאַראַלעלן פֿאַר אונדז, די לעבעדיקע און לײַדנדיקע, זיך ראַנגלענדיקע ייִדן, אין אַלמענטשלעכן סדר העולם פֿון אונדזערע טעג, אין צװאַנציקסטן יאָרהונדערט. כ׳האָב תּמיד געפֿילט אין רפאל מאַהלערס געשליפֿן װאָרט אַ הומאַניסטישע עקשנות, צו װעלן זען דאָס פֿעלד פֿון היסטאָריע נישט נאָר װי אַ שפּיל פֿון שטערנדיקע געדאַנקען, נאָר װי אַ גורל פֿון מענטשן, פֿעלקער און קלאַסן, מיט עליות און ירידות, מיט בלוטיקע שטורעכלונגען, מיט שטערן און מעטעאָרן.

אין אײנעם פֿון זײַנע גראָטעסקע, ביטער־שמײכלענדיקע לידער זאָגט יעקבֿ גלאַטשטײן: „כ׳װעל הײַנט גײן דערמאָנען דעם היסטאָריקער בן־שנײַדער, אַז ער האָט הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן טאַטן״... געמײנט האָט ער אַ היסטאָריקער, װאָס נעפּלט ערגעץ אין די פּאַרהױלענישן פֿון דער

געשיכטע, און זעט נישט דעם הײַנטיקן טאָג, אויף אַזוי פּיל, אַז ער געדענקט נישט דעם יאָרצײַט נאָכן אייגענעם טאַטן, דעם שנײַדער. נישט פון דעם אָרט און שטייגער איז אונדזער רפאל מאַהלער. זײַן בוך הייבט זיך אָן מיט אַ זכרון־ווידמונג צו דרײַ דורות ייִדישע היסטאָריקער, וואָס זענען אומגעקומען אין די גזירות ת״ש־תש״ה... ווער נאָך ווי זיי, די ייִדישע היסטאָריקער, וואָס האָבן זייער גאַנץ שעפעריש לעבן געווידמעט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל נישט פאַרגעסן זײַן עבר — ווער נאָך ווי זיי זענען ראוי דערצו, און אויך אונדז מחייב דערצו, אַז מיר זאָלן אין זיי נישט פאַרגעסן? אָט דעם חוב האָט געוויסנהאַפט און אויפן שענסטן אופן דערפילט און אויסגעפירט רפאל מאַהלער מיטן צונויפנעמען אין איין פאַנטעאָן די היסטאָריקער און וועגווייזער פון ייִדישן געדאַנק, אָנהייבנדיק פון רמב״ם, דעם ליכטיקן געדאַנקען־ריז אין די פינצטערנישן פון מיטלאַלטער, ביז דער הייליקער און ליכטיקער געשטאַלט פון עמנואל רינגעלבלום און זײַנע תלמידים און חברים — „יונגע היסטאָריקער״, וואָס האָבן אין די טייוולאָנישע טעג פון אונדזער צײַט, מיט ליבע און טרײַהייט צו מענטש און ייִד, געטאָן אין די שווערסטע באַדינגונגען זייער פליכט, און געפאַלן, און נישט זוכה געווען צו טאָן בשלמות די שליחות פון זייער לעבן.

נישט צופעליק האָט מאַהלער אויסגעקליבן די פאָרעם פון עסיי, בײַם באַלײַכטן דעם גאַנג פון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע. עסיי מיינט די בשותפותדיקע שפּיל פון מחשבה מיט דמיון, אַנאַליטישע באַטראַכטונג צוזאַמען מיט וואַרעמער קינסטלערישער פאַנטאַזיע. דאָס איז בײַ מאַהלערן נישט נאָר אַ פראַגע פון אויסערלעכע פאָרמען, דאָס האָט צו טאָן מיט זײַן באַנעם: ווי אַזוי דער היסטאָריקער דאַרף אַרײַנלײַכטן אין די חשכותן פון פאַרשווונדענעם עבר, כדי צו קאָנען מאָלן וויסנשאַפטלעך־אמתדיק און מענטשלעך־אינטים די פּראָצעסן פון מענטשלעכן קיום און געראַנגל.

אַלע ווייסן מיר, אַז מאַהלער באַזירט זײַן היסטאָרישע מחשבה אויפן מאַרקסיסטישן מעטאָד, אויפן באַראַכאָוויסטישן אַנאַליז. דאָס מיינט אָנרירן די וואָרצלען פון מלחמת הקיום, פון דער גרויסער פראַזע פון לעבן. דערפאַר האָט מאַהלער אַוודאי מיט פולער אײַנשטימיקייט און הסכמה געקאָנט חתמענען אויף דעם רוף פון היסטאָריקער יצחק שיפּער: „צו

גיין זוכן ליכט אין דער געשיכטע פון ייִדישער אַרבעט" און נישט נאָר באַגנוגענען זיך מיט דער „עשירות פון גייסט". שיפּער האָט געמאָנט „די געשיכטע פון יענע הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן אויסגעשפּונען אַ זכר פאַרן עתיד, נישט פון עשירות פון גייסט, נאָר פון זייער מי און האָרעוואַניע". אַוודאי און אַוודאי איז בולט ביי מאַהלערן אָט דער ווילן צו אַנטפּלעקן די טאַט פון די הונדערטער טויזנטער, דאָס וואָס מאַהלער רופט אָן „סאָציאַלע דינאַמיק".

אָבער מאַהלער ווייסט גלײַכצײַטיק, אַז אין דעם אַרבעטסמעטאָד פון היסטאָריקער איז די פּראָזע אַליין צו ווייניק. ווען מאַהלער רעדט וועגן דעם אויפטו פון היסטאָריקער גרעץ — געפינט ער פאַר אים אַן עכט פּאָעטישן לויבטיטל: „דער מײַסטערזינגער פון דער ייִדישער העלדן־עפּאָפּעע"... און רעדנדיק וועגן גרעצן — דעם וואַרעמען געטרײַען פּיאָנער פון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע — זאָגט מאַהלער:

„געשיכטע־שרײַבונג איז נישט בלויז אַן ענין פון וויסנשאַפט, נאָר אויך פון קונסט און פּאָעזיע, און דווקא גרעץ האָט אין זײַן לעבנסווערק אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן פאַראייניקט אַלע מעלות פון אַ געבענטשטן דיכטער: די געניאַלע פעיִקייט פון אַדורכלעבן מענטשלעכע לײַדן און פריידן, די שעפערישע רעקאָנסטרוקטיווע פאַנטאַזיע און די וווּנדערבאַרע מאַלערישע פּלאַסטיק פון סטיל. נאָך לאַנגע, לאַנגע דורות, ווען מען וועט שוין זוכן וויסנשאַפט וועגן ייִדישן עבר אין נײַע מאָנומענטאַלע זאַמלווערק, וועט נאָך אַלץ גרעץ בלײַבן דער האַרצעדיקער וועגווײַזער איבער דער היסטאָרישער עפּאָפּעע פון ייִדישן פאָלק".

אַלזאָ, די געשיכטע־שרײַבונג, אין מאַהלערס באַנעם — איז דער צונויפשפּיל פון האַרטער פּראָזע מיט פּאָעטישער אינטויִציע. נאָר זיי ביידע צוזאַמען מיט הומאַניזם „די פעיִקייט פון אַדורכלעבן מענטשלעכע לײַדן", זענען דער יסוד און די פליגל פון יעדן פאַרמעסט אַרײַנצודרינגען אין בילד פון עבר, אין די פאַרהוילנקייטן פון דער געשיכטע. פון דאַנען, אַז מאַהלערס וועג צום עסיי איז נישט קיין פאַרמעלער נאָר אַ תוכיקער, מאַהלערס עסיי איז טאַקע דער זיווג פון אַנאַליטישער מחשבה מיט פּאָעטישן דמיון.

ווער ס'איז צוגעוווינט דערצו, אַז היסטאָריע מיינט בלויז וויסנשאַפט,

אָביעקטיווע ראַציאָנאַליסטישע וויסנשאַפט, וועט זיך מוזן וווּנדערן מיט בייזקייט און אפשר אויך מיט פאַרדראָס אויף דעם פּאָלעמישן טאָן, ווי ער קומט צום אויסדרוק בײַ מאַהלערן אין זײַן עסיי וועגן יחזקאל קויפמאַן. אָבער ס'געהערט צום יסוד פון מאַהלערס ווערן: דער קריג פאַרן אמת. נישט קיין קאַלט אָביעקטיווער לא איכפת איז מאַהלערס וועג, נאָר דער קריג פאַרן אמת, זײַן הומאַניסטישע עקשנות, און טאַקע צוליבן וועלן זען די היסטאָריע, נישט נאָר ווי רעצעפּטן פון אידעען, נאָר ווי פלייש און אָדערן פון מענטשלעכן זײַן און ווערן, בײַם „אָדורכלעבן מענטשלעכע לײַדן און פריידן״...

דערפאַר איז אַזוי פיל מיט יאָ־זאָגן און פאַרערונג דער עסיי וועגן רמב״ם, וואָס זײַן געדאַנקען־ריזיקייט באַלײַכט דעם וועג פאַרויס פון די חשכותן פון מיטלאַלטער. און דערפאַר איז אַזוי פיל מיט ניין־זאָגן דער עסיי וועגן יחזקאל קויפמאַן, וואָס פאַרבלאָנדזשעט און מאַכט פאַר־בלאָנדזשען פון אונדזער צײַט — צוריק, צוריק, ביז זײַן ייִדישער מיסיע־נאַציאָנאַליזם רירט אַזש אָן די גרענעצן פון נאַצישן באַנעם, לויט די פאַטענטן פון טײַוולאָנישער מיסטיק און פינצטערער מיטאָלאָגיע.

אין מאַהלערן ווינען צוזאַמען בית הלל און בית שמאי. אין שייכות צו גרעצן, צו דובנאָוון, צו צינבערגן, צו זשיטלאָווסקין און אפילו צו באָראָכאָוון זינגט בײַ אים, בײַ מאַהלערן, אַ כבוד און אַ לויב צו זייערע אויפטוען, אָבער גלײַכצײַטיק אַ קריטישער צוגאַנג, אין ליכט פון אונדזער צײַט. מאַהלער פאַרט די מעלות און די גרײַזן מיט רחמים און מיט דין — און דער עיקר מיט ברייטהאַרציקן כבוד פון אַ תלמיד פון אַלע ייִדישע היסטאָריקער, און מיט דער מאָס פון אמת פון זײַן אייגענעם, מאַהלערישן וועג, בײַם זען און באַטראַכטן היסטאָרישע פּראָצעסן און דעם ווערט פון תורות אויף דער נסיון־וואָג פון ייִדישן לעבן, איצט, אין די יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

די תורה פון דער איינמאָליקער מתנה, וואָס איז געשענקט געוואָרן ייִדן, לכתחילה, עס זאָל זיי באַגלייטן גורלדיק ביז אייביק — אָט די תורה פון יחזקאל קויפמאַן, נעגירט מאַהלער — און מיט רעכט, ווײַל זי פאַרשטעלט מיט איר אתה בחרתנודיקייט די אמתע מעלות פון ייִדן, וואָס האָבן זייער גרויסקייט דערוואָרבן, נישט ווי אַ מתנה, פון ווענען ס'איז, נאָר אין לאַנגן וועג פון לײַדן און וואַנדערונג, אין פײַער פון אומקום

און אין גערא̈נגל פא̈ר אויפקום און גאולה. דא̈ס איז אין תוך א̈ קריג פא̈ר דעם כבוד פון ייִד־מענטש, ווײַלכער וויל נישט אז א̈לע זײַנע מעלות זא̈לן פא̈רשריבן ווערן אויף גא̈טס נא̈מען. נישט איינמא̈ליק איז די מתנה וואָס מיר פירן מיט זיך. אונדזערע מעלות און אונדזערע חסרונות מא̈כן דורך ירידות און עליות, רעלא̈טיוו, לויט אונדזער גא̈נג צווישן פעלקער, אין די פיבערן און פא̈רענדערונגען אין דער געשיכטע.

דא̈ס איז זי די העלדן־עפּא̈פּעע פון גרעץ, וואָס הא̈ט צו טא̈ן מיט דער פעיִקייט צו זען און דערזען לײַדן, מעלות וואָס זענען געקניפּט מיט חסרונות. דא̈ס מיינט א̈ן אתה בחרתנו — נישט פון הייליקייט — נא̈ר פון לײַדן. א̈ט דא̈ס איז דער אמת פון דער ייִדישער געשיכטע אין לא̈נגן גא̈נג פון גלות בבל ביז שיבת ציון.

פא̈ר א̈ט דעם אמת רא̈נגלט זיך מא̈הלער.

די הויכע פּרא̈פעסא̈רישע קא̈טעדרעס מיט דעם בא̈נעם פון פא̈רשפּיצטער ייִדישער גײַסטקייט איז א̈וודאי שווער אײַנצוקייַען מא̈הלערס בא̈נעם. פא̈ר זיי, די חכמים ונבונים, איז דער מא̈הלערישער וועג א̈ זײַטוועג און אפשר מחוץ למחנה, די אחד העמיסטישע תורות און קויפמא̈נישע בא̈נע־מונגען זענען פא̈ר זיי א̈ חוק ולא יעבור, אויך איצט, ווען מדינת ישראל פירט צו ממשות, צום פא̈רמעסט מיט נײַע נסיונות און א̈ סך גײַסטיקע אילוזיעס זעען זיך פא̈רקרומט אין שפּיגל פון אונדזער סתירהדיקער ממשות. איך גלייב נישט א̈ז אויף מא̈הלערס בוך וועלן א̈זעלכע פּרא̈פעסא̈רן קא̈נען א̈נשרײַבן א̈דער צושרײַבן זייער הסכמה.

וועגן זיי, די א̈לע וואָס זעען ייִדיש לעבן בלויז דורך היפּערגײַסטיקע ברילן, קא̈ן מען דערציילן, וואָס מען דערציילט וועגן ר׳ יעקב יוסף מפולנאו:

א̈ מתנה הא̈ט ר׳ יעקב יוסף, דער „תולדות יוסף״, בא̈קומען פון בעל שם טוב: א̈ שא̈רפן חוש הראייה — און א̈ טא̈לא̈נט הא̈ט געהא̈ט ר׳ יעקב יוסף צו זען וואָס עס טוט זיך בײַ א̈ מענטש אינעווייניק, און א̈ז ער פלעגט נא̈ר א̈ קוק טא̈ן בײַ וועמען ס׳איז אויפן שטערן, פלעגט ער דורכן שטערן זען א̈לץ וואָס געפינט זיך אינעווייניק. גייט א̈ מא̈ל ר׳ יעקב יוסף אין גא̈ס און א̈קעגן אים גייען צוויי ייִדן, כא̈פּט ער א̈ קוק אויף איינעם און ער זעט דורך יענעמס שטערן — וויי צו די אויגן! — דא̈רט אין קא̈פּ בײַ דעם ייִד איז פול מיט ווײַבער. כא̈פּט ער א̈

קוק אויפן צווייטן יידס שטערן און ער זעט גאָר — אַ נחת צו די אויגן! — ס׳איז דאָרט פול מיט ספרים. זאָגט ער צו זיך: יענער איז אַ פושע ישראל, און דער צווייטער — אַ ייִד, אַ טײַערער דימענט, אַ ייִד אַ צדיק. וואָלט שוין דערמיט די מעשה געווען געענדיקט, איז אָבער ר׳ יעקב יוסף געקומען פאַר נאַכט אין בית המדרש אַרײַן און דערזען, ווי די ביידע ייִדן שטייען איינער בײַם אַנדערן און ביידע דאַוונען מיט דער זעלבער התלהבות. גיט עס ר׳ יעקב יוספן נישט קיין רו, און ער פרעגט בײַ וועמען פון די נכבדי העיר אויף די צוויי ייִדן, ווער זענען זיי, וואָס טוען זיי. ווערט ער געוווּיער, אַז דער ייִד וואָס זײַן קאָפּ איז פול מיט ווײַבער, רחמנא ליצלן, איז אַ ייִד אַ שדכן, און דער וואָס זײַן קאָפּ איז פול מיט ספרים — איז אַ ייִד אַן אײַנבינדער... דערציילט מען, אַז ר׳ יעקב יוסף האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זײַן טעות און איז אַוועק צום בעל שם טוב דערציילן אים וועגן דעם. און דער בעל שם טוב, ווי נאָר ער האָט דאָס דערהערט האָט ער צוגענומען בײַ זײַן תלמיד ר׳ יעקב יוסף דעם באַזונדערן חוש הראייה וואָס ער האָט אים געשאָנקען ווי אַ מתנה.

אַ סך, אַ סך פון אונדזערע פּאַרשפּיצטע גײַסטלײַט וואָלטן געדאַרפט אַוועקגיין צום בעל שם טוב דערציילן זייער טעות, ווי זיי טראַכטן וועגן ייִדן, און זעען נישט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן תורה און קמח, צווישן נאַציאָנאַלע אידעען און דער פּראַזע פון סאָציאַלע גראַנגלען און אין דעם צונויפטרעף מיטן גורל און קולטורן פון פעלקער.

די אַלע פּראָפעסאָרן מיט פּאַטענטן אויף גײַסט — איין מאָל אויף שטענדיק גלײַך פון באַרג סיני — בלײַבן בלינד צו זען און דערזען די בלוטיקע און צאַפּלענדיקע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק.

געגוג צו לייענען אין מאַהלערס געשיכטע פון ייִדן אין דער נײַער צײַט, זײַן שילדערונג ווי ייִדישע נאַטאַבלען קניִען שיפלותדיק אין דער צײַט פון נאַפּאָלעאָנען, אויף דער אסיפה פון ייִדישן סנהדרין אין פּאַריז, כדי צו פילן ווי אונדזער צײַט, מיט דערפאַרונגען פון שואה און וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, מיט דערפאַרונג פון ישראל־אויפקום און מיט שטאָלץ פון הגנה און צה״ל — רעדן דורך מאַהלערן, קעגן דער הכנעה פון פאַר־פרעמדטע ייִדן.

געגוג צו בלעטערן מאַהלערס פאַרשעריש ווערק וועגן חסידות, צו

זען ווי מאַהלער ווייסט אויסצוקלײַבן פון יעדער ייִדישער באַוועגונג — אַזוי חסידות, התנגדות און השכּלה, — די וויטאַמינען, וואָס זענען גוט פאַרן פאָלק הײַנט.

דערפאַר ווייסט מאַהלער אויך אין דעם ווערק „היסטאָריקער און וועגווײַזער" אַזוי גוט צו פלעכטן די גאָלדענע קייט פון רמב"ם, דורך גרעץ, דובנאָוו, באַלאַבאַן, שיפּער; דורך זשיטלאָווסקי און באָראָכאָוו ביז עמנואל רינגעלבלום און די יונגע היסטאָריקער, אין דער טראַגישער הערויִק פון לעצטן רומפּולן קאַפּיטל אין וואַרשעווער געטאָ ווײַל זײַן היסטאָריע איז נישט דער פאַרגליווערטער אײַנמאָליקער „הניתן" נאָר די כסדר באַוועגלעכע געשיכטע פון ייִדישע לײַדן און ייִדישע ווערטן פון נעכטן, הײַנט און מאָרגן.

אויב מאַהלער זעט אין דער געשיכטע־שרײַבונג, ווי אַ בויטוועגדיקן עלעמענט, קונסט און פּאָעזיע — ווילט זיך מיר אויך מאַכן אַ שידוך פון צווייטן צד און זאָגן, אַז אויך קונסט און פּאָעזיע, קאָנען נישט אויסקומען בלויז מיט קליינע פּאָעטישע קאַמערגעפילן. אויך זיי בײַטיקן זיך, ווײַל זיי מוזן אַרײַנבליקן אין מענטשלעכע לײַדן, אין אַ היסטאָרישן אָטעם און אַ היסטאָרישן באַוווסטזײַן.

די ייִדישע פּאָעזיע אין איר גאַנג פון פּרימיטיווער שטעטל־מיליע צו וועלטגורל און צו וועלטמחשבה, האָט פון לאַנג שוין אַרײַנגענומען אין זיך די היסטאָריע פון ייִדן צווישן פעלקער ווי דעם סאַמע פאַרביקסטן און בלוטיקסטן אימאַזש.

משה לייב האַלפּערנס זעונג פון ייִדישן טרויער ווען אירלענדער טאַנצן אויף אַ שיף אין מיטן ים, זײַן זען דעם אויסגעריסענעם וואַנדער ייִד זרחי אין גרויסן טומלענדיקן בבל פון ניו־יאָרק; צי לייוויקס פּאַרמעסט ביז דער גולם־מיסטעריע אין אַלט ייִדישן פּראָג; נאָך פון ליעסינס מאַר־טירער־באַלאַדעס פון ייִדן אויף קידוש השם אין מיטלאַלטער ביז דער ייִנגסטער ייִדישער פּאָעטישער שאַפונג, וואָס האָט פאַרקניפּט די שואה מיט דעם אויפקום פון ישראל — אָט די אַלע אַנטפּלעקונגען זענען עדות, ווי די ייִדישע פּאָעזיע האָט אין זיך אַרײַנגענומען היסטאָריש באַוווסטזײַן ווי אַ פּאָעטישן עלעמענט, און דאָס איז דער שידוך פון דער צווייטער זײַט, וואָס עס ווילט זיך דאָ שליסן מיט מאַהלערן: —

מאַהלערס בוך „היסטאָריקער און וועגווײַזער" איז אַ פּאָעמע פון

יִדישן געדאַנק. אירע העלדן זענען די יִדישע היסטאָריקער, וואָס האָבן אין די באַזונדערע באַדינגונגען פון צעוואָרפענעם יִדישן לעבן, אָן מלוכישע ראַמען, און אָן מלוכישע אַרכיוון, באַשאַפן אַ היסטאָרישע וויסנשאַפט, מיט פאָרשערישן נייַגער און מיט שעפערישער אינטויִציע.

אַ גרויסע און ברייטע פאַרגינערישע ליבשאַפט איז אַרייַנגעטאָן אין מאַהלערס בוך. ווי אַ נאַציאָנאַלער יִיד מייַדט מאַהלער אויס יעדן נאַציאָנאַליזם, און זוכט יעדן שוועל און בריקל וואָס פירט פון געטאָ צו וועלט. ווי אַ סאָציאַליסט איז ער ווייַט פון יעדן קורצזיכטיקן באַנעם, וואָס זעט בראשית אין יאָר 1917 און ער גרונטעוועט אַלץ טיפער און ווייַטער צו ציִען דעם פאָדעם פון עלטסטער יִדישער מחשבה ביז צו די סאַמע יִינגסטע.

און דערפאַר גלייב איך, אַז מאַהלערס בוך קאָן זייַן, ווי ער זאָגט אַליין אין זייַן הקדמה, אַ סטימול צו וועקן היסטאָריש באַוווסטזייַן, אויך צו באַלייַכטן די וועגן פון הייַנט און צו באַרייַכן אונדזער קולטור, דאָ אין לאַנד, און ביַי יִדן אומעטום.

װעגן מאַנגערס בלוי און שײנקײט בײַ ייִדן

(אַ װאָרט בעתן באַקומען דעם מאַנגער־פּרײַז
פּאַרן יאָר תשל״ו — 1976)

— — — איבער אונדז אַלע, מיטן גרויסן קהל צוזאַמען, לײַכט אויף אין דעם אָ מעמד די געשטאַלט פון איציק מאַנגער; איבער אונדז אַלע שײַנט אויף די בלויקײט פון זײַן ליד, װאָס האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון דער לויטערער עכטקייט. זײַן „לאָמיר זשע זינגען" ציטערט נאָך אַלץ װאַרעם, טרערנדיק און מונטערדיק, אויך איצט, װי אין אַריבערזינג איבער אונדזער גרויער און טרויעריקער צײַט. און יעדער װאָס שטייט אין דער קוזשניע פון ייִדישער יצירה, פילט זיך װי אַ געטרײַער געזעלן, װאָס געדענקט און דאַנקט.

פון אים האָבן מיר אײַנגעזאַפּט דעם גלייביקן צוזאָג, אַז „קיין טראָפּן שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן". שיינקייט מיינט נישט נאָר „יופי". שיינקייט בײַ ייִדן פלעכט זיך מיט „תפארת" און מיט „נצח" און „חסד". שיינקייט מיינט אויך גוטס, װאָס איז דער תמצית און באַגער פון ייִדישן װעזן און דער צענטראַלער ליכטפּונקט אויפן דרך־המלך פון דער ייִדישער ליטעראַטור; דער שורש און בת־קול אין אונדזער גילגול הניגון — די האַרציקע מעלאָדיע פון בעל־שמס תפילה, װאָס ציטערט צונויף שיינקייט און רחמים מיטן אוי און מיט דער האָפענונג פון ייִדישער אָרעמקייט.

אָן אמונה אין שיינקייט און אָן האָפענונג אויף גוטס האָט נישט קיין האָפט די שעפערישע מי אין אַזאַ גרויער, אַנטי־פּאָעטישער צײַט. נאָר מיט דער בלויקייט פון אונדזער בראשיתדיקער װיזיע, מיט דער בלויער פאַנטאַס־טיק פון אונדזער ייִדישן אורשפּרינגלעכן געזן קאָן מען נאָך באַזיגן

ספקות, עטפערן מיט „יהי אור" אויף אַלע חשכותן און אָפּהיטן און אויפהיטן דעם נר־תמיד פון קינסטלערישער יצירה, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך דעם מענטשלעכן צושטייער צו מעשי בראשית.

אמונה אין שיינקייט מיינט אמונה אין נצח. ביי פּושקינען הייסט עס: „איבערזינגען די צייט". אין אונדזער צייט מיינט עס: מוט צו אַלטמאָדישקייט; נישט ניתפּעל ווערן פון דער טעכנאָקראַטיע, וואָס האָט נאָר באַוויזן, אין איר גלאָבאַלער העזה, צו דעגראַדירן די לבנה, אָבער מיט גאָרנישט האָט זי ביז איצט באַשיידט די גרויסע און אייביקע רעטע־ניש פון מענטש און וועלט. די אַלע נייַסטע אויטאָמאַטן קאָנען נאָך אַלץ נישט פאַרבייַטן די בערעלעך און ציגעלעך אין דער שפּילערייַ פון קינדער; און יעדער זקן, אין זייַן פּחד און חשבון־הנפש, מוז נאָך אַלץ שפּינען די אילוזיע פון השארת־הנפש, וואָס איז די טרייסט פאַר יעדן בן־אָדם און אויך דער סוד און יסוד פון יעדער שעפערישער ענערגיע ביי יעדן בן־אדם, און אַוודאי און אַוודאי אין דער עבודה פון פּאָעט.

דאָס זענען אַזעלכע אַלטמאָדישקייטן וואָס וועלן תמיד בלייַבן נייַ. דאָס איז אַ זייער אַלטער בלוי, וואָס פליסט און וועט פליסן אין מענטשס אויגן, ווי לאַנג מענטש איז פאַראַן און וועט זייַן, און ווי לאַנג חלומות וועלן שפּראָצן פון יסורים, ווי בלומען ביי דערנער. ס'איז די אימאַנענטע שייכות וואָס קניפּט יסורים צו חלום און חלום צו ליד, און נישט אומזיסט זאָגט דער פּאָעט לאָרקאַ, אַז ליד איז די סומירונג פון שווייַגן און אין יעדן שווייַגן — געשריי.

אָט דער אַלטער בלוי, וואָס זינגט חלומדיק אַרויס פון מענטשלעכע יסורים, איז אויך דער אמונהדיקער עסענץ אין מאַנגערס ראַפינירטן אַלטמאָדיש, וואָס קניפּט זיך מיט דער רחמים־טרער אין שלום־עליכמס שמייכל און שייַנט זיך צונויף מיטן כּישוף־דימענט פון פּרצעס צעפינקלט־קייט אנטקעגן דער „נאַכט אויפן אַלטן מאַרק" — און אין דעם — דער וויטאַמין וואָס נערט די ייִדישע ליטעראַטור ביז הייַנט.

דער בליק צוריק צו דורות אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פון פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" ביז מאַנגערס אַלטע באַלאַדישע גע־שטאַלטן אין געהיל פון בלוי, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די גאַרדעראָבעס פון פּאָעטיש־רוטינירטן לאָמבאַרד; דאָס איז אַ נעאָ־ראָמאַנטיזם אַן עכט־ייִדישער, וואָס האָט געעפנט אַ פענצטער צו דער צוקונפט, דורכן פאַר־

קניפּן אונדזערע צעריסענע רינגען נאָך אַלע טראַגעדיעס פון אונדזער געשיכטע; דאָס איז אַ בלויקייט, וואָס הייבט אָן מיט תּיקון־חצות — כּדי צו ווערן נאָך בלויער מיטן ליכט פון באַגינען...

אָט דערפאַר איז די ייִדישע ליטעראַטור, נאָך אַלע השפּעות פון דער וועלט־ליטעראַטור, דאָך פאַרבליבן אָן עקשן בנוגע דער מאָדע פון ניהיליזם און נישט אויפגענומען אין זיך די אַלע אימפּאָרטירטע טויט־פילאָסאָפיעס, וואָס זענען געוואָרן די הערשנדיקע מאָדע אין זאַטע ליטעראַטור־סאַלאָנען נאָך דער תּקופה פון קרעמאַטאָריעס. צו פיל טויט האָבן מיר געהאַט אין אונדזער געשיכטע, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען דערלויבן דעם לוקסוס פון סנאָבישע פּסעוודאָ־פילאָסאָפישע טויט־מאָדעס, וואָס דעקן זיך צו מיט מאָדערניזם. דער פּאַטאַליסטישער קוק, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף פּאַריזער בריקן און זיך אויסקריסטאַליזירט אין דער פאָרמולע פון סאַרטר, אַז „מיר זענען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין אוניווערס" — אַרײַנגעוואָרפן ווי ממזרים — קאָן נישט אַדורכגיין דעם פילטער פון אונדזער ייִדישער מחשבה, וואָס זעט דעם מענטש, אין זײַן פּאַל און אין זײַן געראנגל, ווי אַ שותּף צו מעשׂי־בראשית; ווי דער וואָס טראָגט אויף זיך דעם רעגן־בויגן פון בראשית ביז והיה באחרית הימים...

און ווען אַ גרויסער פּאָעט און דענקער פון מערב אייראָפּע, ט. ס. עליאָט, לאָזט הערן אין זײַן ליד דעם דורכגרוילנדיקן סך־הכּל, אַז „אַפּריל איז דער ערגסטער פון חדשים" — גיט אין אונדז אַ ציטער פון ווידער־שטאַנד דער חודש ניסן, אונדזער ניסן, מיט „סמדר נותן ריח", מיט טויבן און מילגרוימען, מיט שיר השירים און מעבדות לחרות... און — דאָ, מיט אונדזער אויפגעפריילינגט לאַנד, מיט אונדזער ניסימדיקן גרין אַנטקעגן מידבר — און אונדזער חודש ניסן נעמט זיך אָן פאַרן באַליידיקטן אַפּריל אין נאָמען פון וווקס און בלי און האָפענונג...

יאָ, מיט אמונה, ייִדישע, אַלמענטשלעכע, ביניקה פון די אָבות פון דער ייִדישער ליטעראַטור — און מיט מאַנגער און דורך מאַנגער — ציט אויך דאָס קערנדיקע און זאַנגיקע פון ייִדיש־שעפערישן וואָרט דאָ, אין ישׂראל.

נישט נאָר צער פאַרמאָגט ייִדיש, נאָר אויך טרייסט און דאַנקבאַרקייט צו אונדזער ערד, צו אונדזער לאַנד, וואָס האָט ווידער אַרײַנגעגעבן אין ייִדישן לשון פעלד און זון און שייכות מיטן ייִדישן כּלל, נאָך דעם ווי

מיר האָבן כמעט אַלץ פאַרלוירן אויף אַלע וועגן ווו מיר האָבן געשפּונען די אילוזיע פון אומעטומיקן ייִדישלאַנד און ווו מיר זענען פאַרבליבן מיט דעם אומעט פון קיינעמס לאַנד...

מיר האָבן דאָ, אין מזל פון זון און אויפגאַנג, באַנײַט און געקרעפטיקט דאָס ייִדישע לשון; געוויזן און באַוויזן, אַז מען קאָן נאָך שמייכלען מיט ייִדישן הומאָר אין זײַנע אַלע ניואַנסן, טראָץ דעם טיפן ריס אין ייִדישן לעבנסשטייגער, וואָס איז אַמאָל געווען דער באַלעבנדיקער קוואַל פונעם הומאָר בײַ ייִדן... מיר ווייסן אַלע ווער עס טוט דאָס מיט זײַן יעדן זשעסט און וואָרט...

און אַז ייִדיש האָט זיך צוגעריירט צום איבערזעצן די גרויסע מסכתא פון עגנון — ווי וווּנדערלעך ברודעריש האָט זיך פאַרפלאָכטן דאָס ייִדישע לשון־קודש פון עגנון מיט אונדזער איבערזעצערס מײַסטערהאַפטן לשון־קודשדיקן ייִדיש! דאַרף מען אַ בעסערן באַווײַז פאַר ברידערשאַפט פון אונדזערע לשונות?

און איך וואָלט געזאָגט, אָן גוזמא, אַז דאָס ייִדישע וואָרט פון אונדזער לאַנד איז אויך דער מאַגנעט, וואָס ציט דעם בליק פון דער ייִדישער שאַפונג אומעטום — אַהער, צו אונדזער פּאַנאָראַמע און צו אונדזער געראַנגל און היסטאָרישן אויפטו. אז איך טראַכט פון אַ ייִדישן דיכטער, ווי ער איז זיין איינזאַמקייט בײַ די געפרווירענע בערג פון דער שווײַץ, פּירט זײַן הייסן, געוויסיקן חשבון מיט דער וועלט פאַר אונדזער בלוט און אַש — ווייס איך און בין זיכער, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט „ירושלים בכל אתר ואתר" און מיט דער אויסשטראַלונג צו ווו־נאָר־ייִדן־זענען פון אונדזער ייִדישער יצירה דאָ.

שמואל ניגער — אין דערמאָנונג

איינציקווייז, איינער נאָכן אַנדערן, גייען אַוועק פון אונדז די גרויסע און וואָגיקע שמידער פון יידישן וואָרט. און נישט נאָר דער טרויער נעמט אונדז אַרום, נאָר אויך די שרעק: ווער וועט ממשיך זיין די איידעלע מלאכה פון שוסטער־פּאָעט מאַני־לייב? ווער וועט אַזוי ליידנשאַפטלעך גליען מיט יידישקייט ווי יוסף אָפּאַטאָשו? ווער וועט דאַווענען אַזוי יידיש־פּאָעטיש, מאָדערן־פרום ווי יעקב יצחק סיגאַל? אַזוי אַריינזייען און אַריינפלאַנצן וועלטס שיינקייטן אין אָרעמען יידיש אַריין, ווי ס׳האָט דאָס געטאָן ראובן אייזלאַנד? און ווען און פונוואַנען וועט נאָך קומען צו יידיש אַזאַ לערער און דערציער, אַזאַ זאָרגעוודיקער און האַרציקער פאָטער, ווי ס׳איז געווען צו דער יידישער ליטעראַטור שמואל ניגער?

די ליטעראַטור־פאָרשונג און ליטעראַטור־קריטיק פון שמואל ניגער האָט צוזאַמען מיטן באַגלייטן די יידישע ליטעראַטור אויך אויפגעהויבן זיך אַליין, מיטן כוח פון הויכן ניוואָ און ברייטן קולטור־אָטעם געוואָרן אַליין יצירה, אַן אָרגאַנישער טייל אין דער מאָזאַיק פון יידיש קינסטלע־רישן שאַפן.

ניגער האָט זוכה געווען דערצו, שוין צוליב דעם אַליין, ווייל ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ תקופה פון גרויסן היסטאָרישן געשען, אויסצוקעמפן ביים גרויסן שליאַך פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס, אויך אַ זכות פאַר דעם כלומרשטן „זייטוועג" פון ליטעראַרישן שאַפן.

אין גרויסן רענעסאַנס־פּראָצעס פון יידישן לעבן אין 20־טן יאָרהונ־דערט, האָבן אַלע פאָנענטרעגער פון יידישן לעבן, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום תחום פון ליטעראַטור, געוואָלט זען אין איר אַ פּינקט־לעכע און אַ פּאַראַלעלע מיטגייערין מיט די אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען פון זייער צייט. אויף דעם סמך זענען אויפגעשטאַנען

טעאָריעס וועגן נאַציאָנאַליזירונג און פּראָלעטאַריזירונג פון קינסטלערישן שאַפן. און שפּעטער, ווען אין יידישן לעבן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו באַווײַזן די מידע און אַנטוישע נאָכן געזעלשאַפטלעכן אויפבּרויז, די פאַרבלאָנדזשעטע בעלי־תשובה — האָט מען ווידער געפּרוווט אַרויפ־לייגן אויף דער יידישער ליטעראַטור אַ נײַע מיסיע: צו ווערן די יורשטע פון דער יידישער רעליגיע, די טרעגערין און פּריידיקערין פון עטיש־רעליגיעזע אידייען, באשר בכן: דער תוך פון יידישקייט מיינט עטיק אָנשטאָט שיינקייט.

ניגער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט מיט זײַן גאַנצן מהות און כוח די אַלע דרויסנדיקע עשרת הדברות וואָס מען האָט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף דער יידישער ליטעראַטור. זײַן צוגאַנג איז געווען אַן אימאַנענטער, געפינען דעם זכות פאַר דער ליטעראַטור אין איר עצם זײַן, אין איר אייגענער שליחות.

האָט עס געמיינט קונסט לשם קונסט, אָפּגעריסן און ווײַט פון גע־זעלשאַפטלעכע פּראָצעסן? איז דאָס אויסן געווען ניגער? ניין און ניין! נישט קונסט לשם קונסט. אויך נישט קונסט ווי אַ פונקציע, נאָר קונסט מיט אַן אייגענע שליחות, ווי אַ נויטווענדיקע אַנטפּלעקונג אין דעם פּראָצעס פון יידישן רענעסאַנס.

— „איז מעגלעך — שרײַבט ניגער — אַז אַ פאָלק וואָס צייכנט זיך אויס מיט זײַן גײַסטיקייט זאָל אויסשליסן פון איר דעם טייל וואָס הייסט: קינסטלעריש שאַפן און קינסטלעריש געניסן? קען עס געמאָלט זײַן, אַז נישט געקוקט אויף אַן אַ שיעור פאַקטן פון אַמאָל און איצט, זאָלן מיר בנוגע קינסטלערישן לעבן האַלטן ריכטיק דעם אַנטיסעמיטישן בלבול, אַז בײַ אונדז פעלט דער כח פון שעפערישקייט?"

אָט אין דעם איז עס געגאַנגען ניגערן: אַז אויב בלאָזט שוין דער ווינט פון אויפלעבונג; אויב עס פילט שוין דער יידישער מענטש דעם פרילינג — דאַרף אויך בליִען דער בוים פון ליטעראַטור, לויט זײַן שטייגער, און נאָרמאַל ווי בײַ אַנדערע פעלקער; אַז דער יידישער שרײַבער זאָל זען זײַן אייגענע שליחות: אויפצוהייבן אין יידישן לעבן דעם רעגנבויגן פון קינסטלערישער שיינקייט, און זײַן דערמיט ממילא אַ שותף צום יידישן רענעסאַנס.

צו די וואָס האָבן געוואָלט מאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור אַ

יורשטע פון דער יידישער רעליגיע — זאָגט ניגער: „קונסט און רעליגיע זיינען צוויי שוועסטער מיט שותפותדיקע פאָמעליענשטריכן, אָבער יעדע פון זיי מוז האָבן איר אייגן פנים און איר אייגענעם כאַראַקטער".

און ווען עס רעדט זיך וועגן געזעשאַפטלעכער דינסט פון ליטעראַטור, און די שייכות פון שרײַבער צו זײַן צײַט און צו זײַן פאָלק — קלערט אויף ניגער, אַז די גרעסטע גײַסטער אין יעדער צײַט רעפּרעזענטירן די צוקונפט פון זייער פאָלק, און נישט דעם צײַטגײַסט; אַז פּושקין אין דער צײַט פון צאַרישן רוסלאַנד, און אויך טאָמאַס מאַן אין דער צײַט פון נאַצישן דײַטשלאַנד, האָבן נישט געדינט די עמאָציעס און דאָס צײַטגײַסטיקע פון זייערע פעלקער, נאָר דעם חלום און די שיינקייט, און דערמיט אַריבערגעשפרײַזט זײַער צײַט.

מיט די דאָזיקע בײַשפּילן האָט ניגער געצילט אויפצוהייבן דאָס יידיש קינסטלערישע שאַפן פון סעקונדאַרן אַקטועלן און אַוועקשטעלן עס אויפן דרך המלך מיט אַ שיינקייט און פאַרנעם, וואָס זאָלן אַרויסדרינגען פון קינסטלערס פּערזענלעכקייט, און ווערן רשות הרבים מיטן כח פון גרויס־קינסטלערישער קרעפטיקייט. ווײַל אין יעדער גרויסער יחידישער שאַפונג שפּיגלען זיך ממילא אָפּ די ווערטן וואָס דרעמלען אין פאָלק.

געטרײַ צו זײַן דאָזיקן עיקרדיקן גאַנג — האָט ניגער רעאַגירט אויף אַלע דערשיינונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

בײַ אונדזערע קלאַסיקער האָט ער געזוכט די עמאַנסיפּאַציע פון משכּיליש תכליתדיקן צוגאַנג, און בײַ אַלע „יונגע" למיניהם, צווישן ליטעראַרישע שולן, און דראַנג פון עקספּערימענטן און נײַע פאָרמען — האָט ער געזוכט און בודק געווען בדחילו ורחימו, אויף ווי ווײַט איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן פאַרמעסט, אין דעם דאָזיקן ראַפּטום־אויפגאַנג פון יונגע כוחות, די אחריות און די וואָג פון דורותדיק קינסטלערישן אויסדויער. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַרײַנברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור דעם מידן דעקאַדענס פון האַרבסטיקן לאַנגווײַל, און די גרילצן פון אַן עקסטראַוואַגאַנטן מאָדערניזם. ער האָט געזוכט דעם סאָלידן טעם פון אַ שטילער פאַרוואָרצלטער שאַפונג וואָס זייעט איידלקייט און שיינקייט.

ווען אין דער יידישער קולטורוועלט איז אָנגעגאַנגען, אונטער דעם

דרוק פון די היטלערשע קאַשמאַרן — דער אַנטלויפנדיקער נוסח פון אָפּשליסן זיך אין אייגענעם ייִדישן תחום, מיטן רוקן צו דער וועלט — האָט אין דעם ניגער געזען: „אַ מין מידקייט און אַ פלוצלינגדיקע מורא פאַרן גרויסן אתה בחרתנו, פאַרן שווערן און הייליקן יאָך פון אַ קעמפנדיקער מינאָריטעט".

און אַזוי אויך אין ויכּוח אַרום די טעמאַטישע בלאָנדזשענישן פון שלום אַש. ווײַט פון האַרמידער פון שמד און חרם — האָט ניגער אָפּגעזוכט אין אַשן דעם ליריש־קינסטלערישן וועג זײַנעם פון אידילישן שטעטל, דורכן בעל־שמישן תהילים ייִד ביז די אַפּאָסטאָלן אין אַשס נײַער טעמאַטיק.

אויך אין באַצוג צו דער ארצישראלדיקער ייִדישער שאַפונג — איז גוט געווען צו הערן די מוסר־ווערטער פון שמואל ניגער, וואָס האָט געמאָנט היסטאָרישן אָטעם, נישט צו זײַן — לויט זײַן אויסדרוק — „אַ ליטעראַטור פון דרדקי", אין אַ לאַנד וואָס איז אַלט און אין אַ פאָלק וואָס איז אַלט.

צו אַלע ייִדישע תפוצות, צו יעדן ווינקל פון ייִדישער שאַפונג האָט דערגרייכט דאָס פאָטערלעכע אויג פון שמואל ניגער, פול מיט זאָרג און מיט ליבשאַפט. און איצט שטייען מיר פאַריתומט און אויך דערשראָקן. לאָמיר אַלע, די מײַסטערס און די געזעלן פון ייִדיש, טון זײַן צוואה: אַרויפהייבן אין ייִדישן לעבן דעם רעגנבויגן פון שיינקייט.

מיט פעדים פון איידלקייט און שיינקייט, וואָס ווערן נישט צעריסן אויך אין טיפסטן טרויער — וועט די ייִדישע ליטעראַטור צונויפקניפּן אויף תמיד איר וווקס און אירע דערגרייכונגען מיט דער שעפערישער געשטאַלט פון איר פאָטערלעכן זאָרגער און פאָטערלעכן ליבהאָבער שמואל ניגער.

מיט סיבירער וויַין

(א. סוצקעווער צו זיין ווערן אַ פופציקער)

אַ יובל גייט, אַברהם סוצקעווערס יובל. כ'שטעל זיך פאָר, ווי אַזוי דער ציפער 50 וועט גיין זיגזאַגיק־וואַקלדיק צום דיכטערס טיר, און מיט וויפל מי ער וועט זיך פראַנטעווען, כדי אויסצוזען יונג, אַז דער דיכטער זאָל אים אַרייַנלאָזן אין זייַן פּאָעטישן היכל. כ'בין אַ בעלן צו זען, ווי אַזוי דער יוסטער פופציק וועט מצליח זייַן. סייַדן ער וועט ענדערן זייַן ניכטערע מיושבדיקייט און ער וועט זיך לאָזן אָנשיכּורן פונעם פינקלדיקן סיביר־וויַין, וואָס איך טרינק שוין אַזוי פיל יאָרן מיט אַ „בורא פרי הגפן" פון ישׂראלדיקער נאַטור־שיכּרות.

וויַיסער וויַין פון קינדהייט, פריש, קדמוניש.
נאָנטע נעבטן־ריחות. קאַראַוואַן
זונען און לבנות. אומפאַרגיילער
ציִען זיי דורך מיר — דעם היגן מלך.

מיט אָט דעם וויַיסן „וויַין פון קינדהייט" איז גוט צו קומען אין טאָג פון יובל. ער איז האַפטיק. אַלע וויטאַמינען פון שירה יוירן אין זייַן בלענדיקייט; די ערשטע פינקלעגישן פון וועלטס סוד און שיינקייט; דער ערשטער אויפשוים פון „העלן מוט" פאַר דרייסטקייט און גבורה. און טאָקע בייַ אים, בייַם בעכער וויַיסן וויַין, — סיביר־געזאַנג — יענע גרויסע קאַראַוואַנישע צעוויגטקייט איבער דער צייַט און אירע אויפגעציטערטע מרחקים, אין גרויסוועלט־געזאַנג פון אַברהם סוצקעווער.

זאָל שטיין דער „וויַיסער וויַין" אויפן טיש, אין טאָג פון יובל.

„סיביר", ווי סוצקעווער האָט די פּאָעמע אויסגעפּאַרעמט, בלייַבט

אַ ווינקלשטיין אין זײַן שאַפונג און אַ פעסטער באַווײַז פאַר דער ייִדי־שער פּאָעזיע, ווי ווײַט און דרייסט זי איז דערגאַנגען אין אירע פאַר־מעסטן — אַרײַנצונעמען אין זיך וועלטלאַנדשאַפט.

וועלטלאַנדשאַפט — סײַ שטחדיק, אין „פּאָלג מיך אַ גאַנג״ פון שטעטלשער מיליע ביז טיף־אָטעמדיקייט פון ווײַטע ערגעצן, און סײַ אין זינען פון פּאָעטישע איכותן מיט יונגן גרויסוועלטישן שאַפונג־נוסח.

סוצקעווערס „סיביר״ מיינט קינדהייט, היים, בליק אויף צוריק און על־פּי שׂכל־הישר פון רוטינירטן נאָסטאַלגיע־נוסח האָט דאָ געלויערט (ביים וואָלף וואָס שמעקט צום „פלייש פון דער מוזיק״) יענער „צאַרטער צערטל״ פון פּרימיטיווע צוגעלאָזטקייטן, וואָס האָט שוין נישט איין פּאָעט געשטעלט בדיל־הדל. אָבער סוצקעווער האָט אויסגעמיטן יעדע נאָסטאַלגיע, און די ווערטיקייט פון דער פּאָעמע איז דווקא אין איר האַרט־צעמענטיקן אָוועקשטעל, אין איר סקולפּטאָרישער פעסטקייט, ווו געפילן שוימען נישט, נאָר ברויזן, און דער בליק אויף צוריק האָט אין זיך דעם נײַגעריקן אויסקוק צו מרחקים, וואָס איז דער סימן מובהק פון וועלטלאַנדשאַפטלעכן אין סוצקעווערס דיכטונג.

די סטאַטישע פונדאַמענטן פון געצוימטן מײַסטעריש־בילדערשן וואָרט — די אַלע תּמציתדיקע דעטאַלן פון סוצקעווערס סיביר־זעונג, ווי: „אײַזיק בלאָע וועגן״, „אויסגעשוויגענע קופּאָלן״ — זענען אין גאַנצן אַדעקוואַט פּאַראַלעל צו דער סיבירער פּראָסטיקייט און הויכער אומענדיקער ווײַסקייט פון דער גוטמאָלעריש באַנומענער לאַנדשאַפט.

אין דער קופּאָליקער אויסגעשוויגנקייט הערן זיך אַרויס — טאַקע צוליב דער אויסגעשוויגנקייט הערן זיך נאָך טיפער אַרויס — די אַלע „שנייענקלאַנגען״, טײַבלעכס פּיק־פּיק, וואָרצלענס צײַנגעקריצן, זונענס שפּיזגעשרייען, און דער עיקר — די ערשטע קינדפרעגעניש אויף דער סודיקייט פון אַ ווײַסער וועלט — אירע ווײַטקייטן און גרענעצן.

אַ קינדהייט גייט דאָרט אויף — „בליט אַ וועלט — אַ קינד פון זיבן יאָר״ — שטיל און דין־קלינגענדיק ווי די טריט אויפן אײַזיקן שניי. די אָפּגעהאַקטע קורצקייט אין די שורות איז דער געטרײַער ריטעם פון די שנייטריט:

פעלדער — בלאַנקע, בלענדיקע מעטאַלן —

און אין דער קינדישער אײַנגעהערטקייט:

יעדער שניי איז אַ פֿאַרפֿראָרן גלעקל,
גיב אַ ריר און ס'ענטפֿערט מיט אַ קלונג,
און דער קלונג — אויף טויזנט אַ צעברעקל.

און נאָך מער איז די דאָזיקע דינקייט און קורצקייט אין דער היים־שילדערונג, אין די געוויינטלעכע וווּנדער־רגעס, ווען עס שפּילן סודיק זאַכן און געשעענישן צווישן טאַטע און זון. איינציקע ווערטער וועבן דאָ אויס אַ גאַנצע מיסטעריע:

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד.

נאָר איבער זיי — נאָך מער בקול־דממה־דקה:

אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס'פֿידעלע פֿון וואַנט, און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מײַן קאָפּ.

שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען
איבער שניי לבנהדיק באַגלאָזט.

דאָס פּשוטע זאַכוואָרט „זילבערלעך" ווערט דאָ דער סאַמע פֿאַרביקס־טער תּמצית פֿון אַ מוזיקאַלישער סיטואַציע אין דער וויברירנדיקער לופֿט צווישן טאַטן דעם בעל־מנגן און דעם קינד, וואָס וואַקסט אין דער שניי־לבנה־גלאָזיקייט צום לויטערן זילבער פֿון זײַן מאָרגנדיקן פּאָעט־באַרוף. דער טאַטע זעט עס נאָך נישט:

טאַטע זעט ניט, אַז פֿון העלער הויט
ווער איך פֿון אַ יינגל — אַ לאַווינע,
וועמען ליכט און וווּנדער האָט געבויט.

דער צוזאַמענגאַנג פֿון פּלאַסטישער נאַטור־זאַכיקייט, דמיונדיקער חלום־פֿאַרביקייט און וואַכער דענקענדיקער געדאַנקלעכקייט — וואָס איז

אַזוי אייגן פאַרן גאַנצן נוסח־סוצקעווער — זעט זיך אַרויס וואָרצלדיק, מהותיק אין אַ קליינער שילדערונג בײַם משפּחה־טיש פון סיבירער „ליכטיק טונקעלן, פאַרשנייטן כוטער״:

וויַיס ווי די לבנה איז דער טאַטע,
שטילקייט פונעם שניי אויף זײַנע הענט.
ער צעשנײַדט דאָס שוואַרצע ברויט מיט בלאַנקן,
רחמימדיקן מעסער. ס׳פּנים בלויט.
און מיט נײַ צעשניטענע געדאַנקען
טונק איך אינעם זאַלץ דעם טאַטנס ברויט.

אַלץ אייניקט זיך דאָ: נאַטור־זעונג פּערזאָניפיצירטע — שניישטילקייט אויף הענט; זאַכיקייט — רחמים־שפּיל פון ברויט און מעסער; שפּירעוודי־קע געדאַנקלעכקייט בײַם טונקען ברויט אין זאַלץ — טאַטנס ברויט.

דאָס גיין מיט ליד אויף ראַנד פון זאַכן — איז אַ פּשטות, וואָס איז גאָר נישט אַזוי פּשוט.

טאַלאַנט צו באַגײַסטערונג פאַר זאַכן, חוש פאַר פּלאַסטישע עלעמענטן — געהערט נישט צו די געוויינלעכקייטן און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן פון דער יידיש־שירה. אפשר אַ גלגולדיקער רעזולטאַט פון „לא תעשה לך פסל״, און זיכער צוליב אונדזער גורל־געשאַנק — וואָגל־וואַנדער און דאָס פעלן פון יניקה און באַהעפטונג צו נאַטור און שורש.

דערפאַר איז פּנים חדשות — די עצם נטיה צו אײַנגעהערטקייט, ווי:

שטיל. אין אונדזער טויבנשלאַק אַ טײַבל
פּיקט זיך פון אַן אייעלע, פּיק־פּיק.

אָדער:

די וואָרצלען פונעם וואַלד
קריצן מיט די ציין אין טיפע גרונטן.

און דאָס נאָכקוקן חיה־טריט, נישט נאָר אין שרעק, נאָר אויך מיט נײַגער צו שיינקייט:

די סימנים־לאַפּעס וואָס אַ חיה
האָט פאַרזייט ווי רויזן אינעם שניי —

ס'איז סוצקעווערס געפינס און געווינס אַט די וואַכע הער־און־זעעוודי־קע חושימדיקייט פאַר נאַטור און זאַכן (כמעט אַ „גוייִשער" נס אין יִדיש). זיי האָבן שוין געפינקלט און געשאַרכט אין זייַנע „ווונדערוועלדער" און „צויבער־שליטנס" בעת זיין סיבירער אָנהייב און זענען שפּעטער אין זייַן אויפגערייַפטן „וואַלדיקס" געוואָרן דער:

אַלץ איז ווערדיק פאַר מייַן אויגס געוואָגל,
אַלץ איז חשוב, טייַער פאַר מייַן סטראָף:

ווי אין יעקבס חלום — לייטער איבער שטיין, מלאָכים אויפן לייטער — די דאַנקפּולע אָפּצאָלונג פון נאַטור און זאַכן צום פּאָעט, ווען ער דערגייט דעם סוד פון זייער זייַן, דעם ווונדער אין דער ממשות. דאָס זייַן ווערט ווערן, און דער דומם פון נאַטור און זאַכן ווערט פאַרוואַנדלט אין אויס־שטראַלונג פון פּאָעטישער סובלימירונג.

אַזאַ חלומדיקע שטייַגונג פון רויער ממשות צו העכערע ספערן, איז דער בעסטער שׂכר פאַרן פּאָעט, וואָס „אַלץ איז ווערדיק" פאַר זייַן אויגס געוואָגל.

שוין איינע פון סוצקעווערס סיביר־זעונגען זאָגט עדות אויף אַזאַ לייטערשטייַגונג, כאָטש אויף איר שפּיץ גייען נישט אַרום קיין מלאָכים, נאָר — אָטעמס:

פונעם הונט, געשפּאַנט אין שליטן, פּראַלט
לעבעדיקער דאַמף. דער דאַמף באַגעגנט
שטייַגנדיק אַ קוימענרויך וואָס העלט
און אַ מענטשן־אָטעם פון דער געגנט —
ביז אין לופט בלייַבט הענגען אַ געצעלט.

ווי אויף טרעפּ, און אַלץ אויסגעאיידלטער, שטייַגט דאָס דאָזיקע סובלימירטע לופטבילד פון הונטדאַמף, קוימענרויך, ביז מענטשן־אָטעם.

און גלייַך נאָך דעם, אין האַריזאָנטיקן לופטקוק, נאָך העכער, קומט דאָס געדאַנקלעכע פון אומרויִקן קינד־פרעגער: „זאָג, ווו ענדיקט זיך די וועלט, אָ, טאַטע?"

אַזוי הייבט זיך עס אָן פון סאַמע נאָענט, פון ממשות „אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט", דורך גייַסטיק שטייַגנדיקע סובלימירונגען פון לופט־

שפּילנדיקע דמיונות, ביז זיי פֿאַראַנקערן אין דיאַלאָגישן צווישן טאָטע־זון — פֿראַגן און ענטפֿערס; זוכעניש און סודיקער אַריַינבליק אין וועלטס פֿאַרהוילנקייט. אָבער אַלץ — אין דער קאָנקרעטער ראַמיקייט פֿון פֿאַר־שנייטן כוטער, און וועלט־רחבותן פֿאַרסודיקטע, וועלכע רירן אָן די היים־ממשות — די טירן און פֿענצטער.

אויף דער פֿראַגע: „ווו ענדיקט זיך די וועלט" וויַיזט אָן דער טאַטע:
„הינטער יענער כאַטע, / אויפֿן באַרגשפּיץ, ווו די זון פֿאַרגייט?"

און סאַראַ סך־הכל פֿון דאָזיקן פֿרעג און ענטפֿער! — מיט סאַראַ נייַגער, זשעדנעקייט און פּאָעטישער טעמפּעראַמענטפֿולקייט:

אַניאָגן די שקיעה! און איך לויף
אויבן, דורך אַ זילבערנעץ פֿון טרערן,
ווו די וועלט זיך ענדיקט, באַרג אַרויף.
בייַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען,
ס'זאָל ניט זייַן מייַן בענקעניש אומזיסט.
אַלע יאָרן, ביז־מיר, יאָר־מיליאָנען,
צאַפּלען פֿון די שנייען: זייַ באַגריסט.

אַזאַ פּאָעטישע לייַדנשאַפֿטלעכקייט אָנצורירן דעם סוד פֿון וועלט־עקסיסטענץ, און ממשותדיק — „הינטער יענער כאַטע"! אַזוי פֿאַנטעזיסטיש־מאַגיש איז די שורה „בייַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען" — אַזעלכע אויגן האָבן אַרויסגעפֿינקלט פֿון די בלאָע איַיזיקייטן און שנייען פֿון אַלע „יאָרן ביז־מיר, יאָר מיליאָנען". און אַזוי הימניק־עקסטאַטיש איז דער אַרויסזינג צו חדוות־החיים פֿון „זייַ באַגריסט" אינעם צאַפּלען פֿון די שנייען.

דער „זייַ באַגריסט" פֿון שנייען, אַרויסגעהערט אין דער קאָסמישער ליכטיקייט פֿון דער סיבירער לאַנדשאַפֿט — וואָרצלדיקער האַפֿט און קראַפֿט איז ער פֿאַר דעם גאַנצן דרך החיים און דרך היצירה פֿון אַברהם סוצקעווער.

נישט נאָר מיט דערמאָנונג שליסט זיך די פּאָעמע „סיביר" נאָר אויך מיט מאָנונג:

זאָלן אָט די קלאַנגען, זאָל די מאָנונג,
בלייַבן איבער מיר אַ מאָנומענט.

אין אַלע גבורה־שורות פון אַברהם סוצקעווער — אויסגעזוונגען אין מאוויִמדיקן אומבײַט פון דער צײַט אויף גאָר אַנדערע וועגן און פעלדער — וועלן מיר אויך דערקענען די ערשטע גבורה־זעונגען בײַם אירטיש:

איצט דערלאַנגט אַ פלאַטער פול מיט גבורה
לעבן פלאַם אַ בראַנדזענע געשטאַלט.

אָן שום ספק, אַז דער סיבירער „צפון־שטערן" איז געוואָרן ליכט און וווּנדער פאַר יאָרן, און כּוח החיים אין אַלע נסיונות:

ווען מײַן לעבן צאַנקט ווי אַ לאַמטער,
בייג איך מײַן געזאַנג צו אײַך אַריבער,
עפּן זיבן אויערן און — הער.

דער „העלער מוט" וואָס האָט סוצקעווערן געשטאַרקט אין זײַנע ערשטע נײַפאַרעמדיקע געזאַנגען — אוודאי און אוודאי איז עס נישט געווען בלויז קאַפּריזנע העזה פון יונגער מאָדערנקייט — ווי עס פּירט זיך בײַ לײַטן מיט יעדן העזהדיקן אַרויפשפּאַר פון יונגע שעפערישע כּוחות. ס'איז דער העלער מוט פון זײַנע ערשטע פרישנאַטוריקע יניקות. מיט זייער געזונטער העלקייט האָט סוצקעווער אויסגעשטאַלטיקט אויף דער טרויער־פּאַנאָראַמע בײַ „די טויערן פון געטאָ" זײַן מוטיקן חזיון פון „אַ האָרדע בלויאויגיקע יונגען".

די אַרבל פאַרקאַשערט, און פעסט די ידים:
— מיר ווילן דאָס פאָלק פון זײַן געטאָ באַפרײַען.

נישט צופעליק באַווײַזט זיך אין ליד „אַ נאַכט מיט שפּינאָזע", ווי אַן עדות צום בונד פון ליד און געדאַנק — די ווײַסע בעריאָזע: „אַ ווײַסע בעריאָזע קלאַפּט אָן אײנעם פענצטער". דאָס זענען אַלץ די שפּורן פון „העל־סיבירישן געזאַנג".

אויך „וואַלדיקס" — וואָס זעט הײַנט אויס ווי אַ נס, ווי אַ ווײַטער זוניקער אינדזל אויף יענער זײַט פון אַ שטורמישער צײַט — איז געקומען ווי אַ הונגער צו באַגײַסטער נאַטור־קרעפטיקייט, דווקא ווען אַלע ביימער האָבן געזאָגט בלעטערפאַל און דער שטורעם איז געהאַנגען אין דער

לופט. ס׳איז געווען אין גורלדיקן אינסטינקט פון פּאָעט צו גיין אין וואַלד נאָראַטש — אָפּזוכן די לעצטע זוניקייטן, איידער זיי פאַרשווינדן, און וואַלד נאַראַטש ווערט דער פּאַטאַלער מקום־מיקלט פאַר די נישט־דערשאָכטענע אַנטלויפערס פון די געטאָס און לאַגערן.

און אויב עס גייט אין דערקענען דעם שורש אין שפּעטערדיקע שאַ־פונגען — איז דער בעסטער עדות די „אָדע צו דער טויב״.

די טויב — אַ מאָל האָבן מיר זי געהערט ערשט אַנטפּלעקט, ביים אָנהייב פון דער סיביר־פּאָעמע — אין דעם אויספּיקן פון אַן אייעלע, און דערנאָך, ביים סוף פון דער סיביר־פּאָעמע, ביי דעם לעצטן אָפּשייד פון טאַטן, אין לויף נאָכן שליטן מיטן אָרון. אַריבער דעם אָפּגרונטיקן קבר —

נאָר מיין טויב איז דעמאָלט גראָד פאַרפלויגן,
אָוונטזון באַקריינט מיט ווייסן גאָלד,
און אַרויף צום לעבן מיך געצויגן.

זי איז ווידער געקומען אויף דער ישׂראלדיקער ערד:

פינגערשע נעסטן פון יִינגל דערוואָרעמען זי און זיי קושן.
וואָרקען מיט זוניקן אָטעם אויף ס׳נייַ אירע שנייִיקע פּליושן.

און ווידער נישט נאָר לשם דערמאָנונג, נאָר העל־מוט פאַרן עתיד:

— כ׳וועל מיינע פליגל דיר אָנטאָן, אַרויסצִיִען וועל איך די נעגל,
אָנבלאָזן וועט זיך מיט פריַיהייט אַ ווייסער געדאַנק ווי אַ זעגל.
ביסט ניט ביים טויט אין אַרענדע, די טעג וועלן קרייזן
און קרייזן,
אייביק איז בלויז די לעגענדע און זי וועט אַ שמייכל באַווייזן.

נישט צופעליק טרעפן מיר דאָ ווידער די שנייען־לאַווינע, די ווייסע בעריאָזע. אונטער אַ בוים לעבן ים־סוף דערקלינגען די כוואַליעס דעם דיכטערס אָדע. אָבער דאָ ביז אַהער ציט די ווייסע לאַנדשאַפט, און די

פרייד מיטן דערקענטן טײַבעלע: — „טײַבעלע, ביסטו די זעלבע, די פליגל ניט גראָ, איז דאָס מעגלעך?״

ווערט אויך די מסקנא פאַר נײַע פריידיק שעפערישע העלקייטן: — „בויען און בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!״

דאָס איז זי — די ערשט אָנגעטרויטע זינגיקע לעבנס־עשירות, דער „זײַ באַגריסט״, אַרויסגעהערט אין די רחבותדיקע ליכטפעלדער פון דער באַלעבנדיקער פּאָעט־לעגענדע „סיביר״.

נײַע מילגרוימיקע ווײַנען פון ישׂראל־ערד, מיט טעמים פון סוצקעווערס ישׂראל־געזאַנג, שטעלן זיך אַליין — על דעת המקום והקהל — אויפן טיש פון סוצקעווערס יובל־שׂימחה. זאָל צווישן זיי אויבן־אָן זיך פילן שטאָלץ דער בכור, דער ווײַסער סיביר־ווײַן, און פון שניילאַנד ביז זונלאַנד זאָל זיך הערן העלמוטיק: זײַ באַגריסט!

אברהם סוצקעווער און זײַן העל ליד

אין יעדער צעטומעלטער צײַט, שטייט אויפסניי צום משפט די דיכטונג, די ליריק, — אָט דער איידלסטער צווײַג פון קינסטלערישן שאַפן — צי איז זי באַרעכטיקט און צי האָט זי נאָך אַ זכות אין דעם גרויסן יאַריד.

און מיט יעדן אמתן דיכטער, וואָס איז ראוי צו דעם דאָזיקן נאָמען, ווערט אויפסנײַ געהייליקט דער זכות פון פּאָעטישן וואָרט, און ס'ווערט אויפסנײַ באַפעסטיקט דער בונד צווישן וואָרט און וועלט, מיט אַ שטאַרקן שטראָם פון יונגקייט און פאַרליבטקייט אין אַלע זאַכן און אין אַלע וועזנס וואָס הייסן צוזאַמען וועלט.

אַזאַ יונגער שטראָם האָט אַ יאָג געטאָן אין דער אַלט־פאַרגליווערטער שטרײַמלדיקער וועלט דורכן האַרץ פון ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, ווען אָט דער דאָזיקער רבי־פּאָעט האָט דערזען דעם באַרג אויף וועלכן עס שטייט אַ שטיין, אַ שטיין פון וועלכן עס גייט אַ קוואַל, און רבי נחמן האָט געלאָזט הערן אַז איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ, און אַז אויך די גאַנצע וועלט, די זאַך פון אַלע זאַכן, האָט אויך אַ האַרץ.

אַזאַ יונגער שטראָם האָט ווידער אַ יאָג געטאָן אין האַרץ פון י. ל. פּרץ וואָס האָט געהונגערט צו ניגון, און אין האַרץ פון ח. נ. ביאַליק, ווען ער האָט אויסגערופן: אצא לשדה לשמוע את דברי אדני, און ווען ער האָט אויסגעדאַוונט זײַן גרויסן מענטש־גלויביקן פּסוק יהי חלקי עמכם ענוי עולם. ווידער איז דער טראָפּ געפאַלן אויף וועלט.

און אַזאַ יונגן שטראָם האָבן מיר ווידער דערהערט אין דעם שורש־דיקן ריזלען, אין דעם ערדיש־באַסאָוון קול פון משה קולבאַק, און ווידער איז דער טראָפּ געפאַלן אויף וועלט —

וועלט,
אין טויזנט פּנימער פאַרשטעלט,
איך גיי צו דיר אויף טויזנט וועגן.
וווּהין? איך ווייס ניט ווו.
איך וויל אײַנגאַנצן דיך פאַר מײַנעטוועגן.
איך בין דו!

און נאָך אַ מאָל האָב איך דערהערט דעם דאָזיקן שטראָם אין סוצ־קעווערס בלאָנדן באַגינען:

קוק זיך אײַן צו דעם געבורט פון וועלטן.
גראָזן פלאַפּלען, וואָרצלען לאַכן, הימלען העלן,
ביימער זענען שטומע וויאָלאָנטשעלן.

און אַ בראשיתדיקע העלקייט:

ווײַט דורך די נאַבט־האָריזאָנטן
דערזע איך, עס וואַקסט, עפּעס העלט.
אין מאָרגנרויט נעמען זיך אָנטאָן
אַ וואַלד, אַ מדינה, אַ וועלט.

און ווידער פאַלט דער טראָפּ אויפן בונד מיט דער וועלט.
אַזאַ העלקייט אין ליד! פונוואַנען און ווען?

ס'איז אַזוי שפּעט געווען אויף דער יִדישער גאַס, פאַר דעם גרויסן שטורעם פון דער שואה. דער שטורעם איז געהאָנגען אין דער לופט. די

גאַנצע ייִדישע דיכטונג אין פּוילן איז שוין ווײַט געווען, זייער ווײַט פון איר פּרילינג, פון אירע כאַליאַסטרעס און פון אירע באַגײַסטערונגען. ס'איז אייגנטלעך געווען אַ שעה פון שירײַם. פון איין זײַט — אַן אימפּרעסיאָניסטישע מידקייט מיט אַ שעטנז פון אַ פּאַרשפּעטיקטער פאַלקסטימלעכקייט, און פון דער צווייטער זײַט — אַ זוכן אָנהאַלט און אינהאַלט, אין רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, וואָס האָבן נעבעך געקלימפּערט ווי בלעך; אָדער אַ פאַרבלאָנדזשעניש אין פּסעוודאָ־רעליגיעזע שטימונגען, וואָס זענען מער געווען אַ רעזולטאַט פון פאַרלוירנקייט ווי פון גלויבן, און בכלל איז די קליאַטשע געפאָרן צוריק, פון וועלט צו שטעטל, ווי מען וואָלט געוואָלט כאַפּן נאָך אַ בליק, אַ לעצטן בליק, איידער דער שטורעם ווישט אַלץ אָפּ.

אין דער דאָזיקער שעה איז אויפגעשטאַנען יונג־ווילנע, און דער ייִנגסטער פון זיי, לויט זײַן פּאָעטישער מעטריקע אַבֿרהם סוצקעווער, און גלײַך האָבן מיר דערהערט נײַע באַגײַסטערונג, אמתע גלויביקייט, — אַ פּאַנטעיִסטישע. אַ האַרץ וואָס דופקט מיט די זאַכן, און מיט דער זאַך פון אַלע זאַכן, וואָס הייסט וועלט.

ווי אַלע פון יונג־ווילנע האָט אַבֿרהם סוצקעווער אַרויסגעוויזן זײַן טיפע שפּירעוודיקייט צו דער שטורעמדיקער צײַט, און זײַנע ערשטע לידער הייבן זיך אָן מיט אַ שאַרפער זעונג:

גיט קיין פּאַווע איז דײַן דור, אָ, ברודער,
נאָר זונפאַרגאַנג אויף שטורעמהאָריזאָנט.
קוק זיך אײַן, די וואָלקנס רונד־אַרום,
דאָס זענען די אילוזיעס פול מיט גרויל,
וואָס שאַרן זיך ווי זעלנער אויפן פראָנט.

און דווקא אין זעלבן ליד, אַנטקעגן שטורעם־האָריזאָנט, האָט סוצקעווער זיך באַשווירן:

זאָל אויפגיין איבער דיר די קרוין פון לעבן,
די פאַרביקייט פון רעגנבויגן־שײַן.
צערײַס די נאַכט
וואָס פלעכט פאַר דיר אַ תּליהשטריק
פון שטערן,

און פילנדיק זײַן באַרוף „ווי די ערשטע ליכטיקייט" רופט אויס סוצקעווער ווי אַ באַפעל צו זיך אַליין:

לערן זיך בײַ ביימער העלן מוט.
בויג זיך ניט פאַר יעדן ליליפּוט.

האָט ער זיך געלערנט, ווי מיר זעען, בײַ די ביימער העלן מוט און ס'איז אים באַשערט געווען צו ווערן דער זייער פון קערנער פון גבורה, דער בויער פון דער בטחונדיקער פעסטונג אין פאַרבלוטיקטן יידישן ליד; צו זײַן דער העלסטער און מוטיקסטער יידישער זינגער אין דער שווערס־טער שעה.

פון זײַן ערשטן אײַנבייגן זיך צו די קוואַלן פון דער וועלט, פון זײַנע ערשטע בלאָנד־באַגיניקע טריט, האָט סוצקעווער געצויגן זײַן אינערלעכע חיונה, זײַן פּאָעטישן מוט און זײַן מענטשלעכן געדולד, צו דערזען אין דער פּאַרע פון אַ בערגל מיסט דאָס הויכע און דאָס שיינע; צו דערפילן אין צעשניטענע מוראַשקעס אונטערן רידל, די ראַיִעניש פון לעבן, און נאָך צו געפינען דאָס פּאַרגאַזטע וואָרט חבר אין געפּרוירענעם וואַלד אַנטקעגן אַ האָרדע וועלף. און אַלץ צוליב דער שבועה:

זאָל אויפגיין איבער דיר די קרוין פון לעבן!

און — „צערײַס די נאַכט, / לערן זיך בײַ ביימער העלן מוט".

אַ זעונג, אַ טראַגישע און אַ שיינע, האָט סוצקעווער געזען אין זײַנע „טויערן פון געטאָ" נאָך אין יאָר 1937. אַ שנײַדיק בילד פון שׂריפה און גזר:

עס האָט אַ לאַנגע פײַערדיקע האַנט
די טויערן פון געטאָ אויפגעריסן

און גלײַך די זעונג פון יונגקייט, פון חלום און מרידה. סוצקעווער זעט:

דורך גילדענעם שטויב — ווי אַ טײַכל צעקלונגען
מאַרשירט זיך אַ האָרדע בלוויאוויגיקע יונגען,
די אַרבל פאַרקאַשערט און פעסט די ידים,
— מיר ווילן דאָס פאָלק פון זײַן געטאָ באַפרײַען.

זענען מיר געגנוג ניכטער און וועלטלעך כדי נישט צו מאַכן פון אַ פּאָעט אַ נביא, אָבער מיר גלייבן אַז אין די שפּירעוודיקע חושים פון אַן אמתן פּאָעט גייט אַרום זײַן גורל, אַרײַנגעפּלאָכטן אינעם גורל פון דור. און אין די היעראָגליפן פון פּאָעזיע, פּײַערט אויך דאָס כתב פון דער היסטאָריע. אויב דער פּובליציסט איז עוסק אין לקט, זייעט די ליריק מיט דעם כח פון אינטויציע. און סוצקעווערס געזאַנג איז דער בעסטער עדות פאַר דעם.



אברהם סוצקעווער　　משה גורין　　חיים גראַדע　　אריה שמרי

פון ערשטן ליד סוצקעווערס לייען איך אַרויס די היעראָגליפן פון זײַן שפּעטערדיקן גורלדיקן גאַנג, וואָס האָט אים באַשערט דעם העלן מוט, צו זײַן אונדזער העלסטער זינגער אין דער שווערסטער שעה. און זײַן העלקייט און זײַן מוט געהערט אַהער, און זײַן ליד האָט זיך אויך דאָ אין לאַנד פאַרוואָרצלט ווי אַ בוים אין געבלי.

ווידער האָט זיך אָנגעצונדן דער האָריזאָנט, און די פאַרבן פון סיני

האָבן געדעדט צו סוצקעווערס האַרץ מיט העלקייט און מיט מוט. זײַן „אָדע צו דער טויב" הייבט סוצקעווער אָן מיט דער געשטאַלט פון מלאך, וואָס באַווײַזט זיך איין מאָל אין דער קינדהייט, און זײַן ניגון ווערט נאָך שפּילן שטענדיק.

*

צוריק מיט 20 יאָר האָב איך געלייענט די ערשטע באַגיניקע לידער פון אברהם סוצקעווער אין דער באַגיניקער לופט פון ארץ־ישראלדיקן דאָרף. די דאָזיקע באַגיניקייט פון אַלטן ווילנע אַרויס, אָט דער דאָזיקער „ווינט וואָס גיט אַ ריס פאַרן טשוב"; אָט די דאָזיקע האַריזאָנטיקייט וואָס וויל געבן אַ שפּרונג „ווי אַ ראַקעטע אין אָפענעם לעבן אַרײַן" האָט צו מיר גערעדט פון דאָרט מיט דעם בראשית־געפיל פון ישראלדיקער ערד. ווײַל דער וועג פון סוצקעווערן האָט געפירט אַהער מיט רמ"ח און שס"ה פון אַ פולבלוטיק ישראלדיק געזאַנג.

ריקודה פּאָטאַש, די זינגערין פון ירושלים

נאַלמתי דומיה:
טו מיר צווויסן, באַשעפער,
דעם סוף און די לענג פון מײַנע טעג,
וועל איך וויסן אויפצוהערן מײַן ליד.

אַזוי האָט ריקודה געבעטן אין „רעקוויעם" נאָך איר ברודער, אין איר „צווייַגל תהילים", און די ימי־ספירה אין ירושלים האָבן אויסגעציילט דעם סוף און לענג פון אירע טעג, נאָר דאָס ליד, ריקודהס ליד, האָט זיך ערשט ווי אָנגעהויבן, און געוואָרן אַרײַנגעהערט אין ירושלים.

קיין הספדים אויף איר קבר האָט מען נישט געהערט, לויטן מינהג פון ימי־ספירה; שטיל־שאַ האָט דער הר־מנוחות אַרײַנגענומען איר גוף; אַ ברעטל איז אויפן פריש־פאַרדעקטן קבר אַוועקגעשטעלט געוואָרן אײַלעוודיק, ווי אַ מחיצה צווישן געוועזן און נישטאָ. דער מלאך של שיכחה האָט צוגעאײַלט די מלוים — אַהיימצוגיין און אוים!... נאָר באַלד האָט זיך דערהערט ריקודהס ליד. ייִדישע פּאָעטן האָבן עס געלאָזט הערן בײַם פרישן קבר אַקעגן די בערג פון ירושלים — אַ קדיש נאָך ריקודה בת חנה, די זינגערין פון ירושלים; שורות — יום־טובדיקע און ווײַסלעך־גראָע ווי די שטיינער פון ירושלים, דין־צעציטערטע ווי די ברושים און נאָדלביימער פון ירושלים, און קלאָרדורכזיכטיקע ווי די באַרגיקע לופט פון ירושלים.

צווישן געוועזן, נישטאָ און אַקעגן אוים האָט זיך אַרײַנגעשטעלט מיט מאָנונג אויף דויערהאַפטיקייט ריקודהס ליד, צו דער פאַרווונדערונג פון אַ סך. געשטוינט האָבן ריקודהס שכנים פון רחוב רמב"ן אין רחביה און אַלע די וואָס האָבן זי נאָר געקענט פון צווישן די פּאַליצעס קונסט־ביכער פון בצלאל: דאָס איז זי, די שטיל־שווײַגיקע, אַלייניק־זײַטיקע ריקודה.

ערשט איצט איז אַנטפּלעקט געוואָרן איר סוד: אַ ייִדישע פּאָעטין!... דער עניוותדיקער זײַטוועג פון צענדליקער יאָרן האָט ערשט איצט אָנגע־רירט די ברייטן און הייכן פון ירושלים; די רויטלענדיקע זון אויף די בערג, האָט ווי נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם אָוונט און די שאָטנס פון פאַרגעסעניש; און נישט נאָר ריקודה, נאָר אַלע האָבן איצט געקאָנט הערן:

אין מײַנע ירושלימער בערג יהודה
גייט אַרום דער יונגער ווינט, — — —
ער לויפט איבער די בערג יהודה;
רופט מיט אַ קול פון זילבער:
קום מיט! קום מיט, ריקודה!

אַזוי איז געזאַלבט געוואָרן ריקודה מיט די טרערן פון אבלות, וואָס זענען געפאַלן אויף די שטיין־גרודעס פון איר פרישן קבר.

*

מיטן קו־היחוד פון ייִדיש־ליד, מיטן מאָטיוו פון עלנט און וואַנדער; מיט נישט־אויסגעלייזטע צערן נאָך יוגנטלעכן אָפּשייד און מיט קיל־ווײַני־קע שווײַגנדיקע איינזאַמקייטן פון רײַפן עלטער, האָט ריקודה זיך תפילה־דיק געצויגן צו דער לאַנדשאַפט און צו דער עדה פון ירושלים: געזוכט אויף פּנימער התגלות פון פרײַנדשאַפט; אין ליכט — ליבשאַפט, און אין יעדן שטיין אויף די בערג — יסוד פאַר היים און תיקון פאַר פאַרלוירע־נער היימישקייט.

אין אירע ערשטע לידער, אויף דער ערד פון פוילן, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט זי געמאָלן די „ליידיקע קעסטעלעך גליק", דעם אומעט און אומרו פון וואַליזעס און פון „לאַנגע שוואַרצע צוגן". זי האָט אין זיי געזען דעם גיך־שווינדיקן פאַרשווינד פון די שיינקייטן; זייער אָפּגאַנג האָט זי געזען אין „שטילע אָוונטיקע שעהן אום ווינטער", און אירע לידער האָט זי געזען ווי אַן אומפאַרשטענדלעכן פאַרביקן כישוף־חזיון ווי אַ סור־ראַלע זעונג פון אַ פאַרשווינדנדיקער רגע: „אַ שטילער גלעט אויף אַ קינאָ־בילד, ווען מענטשן ליבן זיך אויפן לײַוונט־עקראַן" און ווי אַ לעצט־פאַרבליבענע שיינקייט: „דאָס אומפאַרשטענדלעכע ליד האָט איר אין די אויערן געזשומט ווי אַ פאַרבליבענע פליג אום ווינטער".

די דין־עלעגישע טרויערן פון אַפּשייד נאָך יונגע פרילינגען און זו־מערס, האָט זי געבערענגט אויף די „לאַנגע שוואַרצע צוגן" ביז די טויערן פון ירושלים, און זיך קיין מאָל פון זיי נישט אָפּגעשיידט; זיי זענען פאַרבליבן אין סוד פון איר גאָר קורצער און נישט אַרויסאַנטוויקלטער שורה; ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר דער פולזאַגיקייט פון שווערער און רייפער עלטער. אירע קורצע שורות מיט דינע פאַרביקע ווונקען אין זיך, האָבן איר גענוגנט צו געבן אויסדרוק אירע עלעגישקייטן און זענען פאַר איר געווען און געבליבן דאָס אַדעקוואַטע כתב פאַר איר ערשטן זינגיק־יוגנטלעכן אויפציטער אין אירע פאַרטרויערטע ווייַטענישן, וואָס זי האָט פאַרנעסטיקט אין ירושלים. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער פאַר־טושונג פון איר ערשט־פּאָעטישן כתב...

אויך אין „קדרון טאָל" האָט זי געהערט די רייד פון אַפּשייד:

די לעצטע מאַלינעס ריידן מיט בלוטיקע בלעטער,
ריידן אַ טרויער מיט האַרבסטיקן וויַין.

אָבער מער פאַר די „בלוטיקע בלעטער" און „האַרבסטיקן וויַין" האָט זי זיך באַמיט אויפצוהיטן אין איר ליד די לייַכט־ראָמאַנטישע אָפּשייַנען פון די פאַרלוירענע שיינקייטן מיט איידל־ריטמען פון די גאָר קורצע שורות:

דער קערשן־בוים
האָט געקערשנט
מיט אַ דינעם, איידעלן
וויַסן צוויט

און דעם צוויט האָט זי געזען אויף זיך:

דער צוויט האָט זיך אַרומגעשיט
איבערן גאָרטן,
דערנאָך האָט דער ווינט
אַרויפגעוואָרפן דעם צוויט
אויף מייַנע האָר...

און דאָס אַלץ האָט זי געדענקט און ווידער צעצוויטיקט אין די „טייַכן־אַלייען פון זכרון־לאַבירינטן". זי האָט אין דעם געזען איינס פון די

פּאָעטישע מיצוות און אויך אַ מקור־חיים פאַר אריכת ימים אין איר פּאָע־טישן שאַפן — ביז די שפּעטע יאָרן פון רײַפע איינזאַמקייטן.

צוזאַמען מיט דער נסיונדיק־צײַטיקער דערקענונג, אַז —

מײַנע טירן שטייען אָפן און ברייט,
ווײַל די איינזאַמקייט קומט און גייט.

איז אויך געוואַקסן די פּאָעטישע טרײַקייט אָפּצוהיטן און אויפהיטן די —

שאָטנס פון כלים און זאַכן,
אויך זיי האָבן דאָס וויינען און לאַכן,
זיי לעבן אין מײַן קעניגרײַך
פון דער שיינער איינזאַמקייט

אָדער אונטער אַן אַנדערן סינאָנימישן צייכן: „דאָס גאָלדענע ליכט פון איינזאַמקייטן".

מיט די אַלע פּאָעטיש־נאָסטאַלגישע דעטאַלן האָט זי געוואָלט אַרי־בערליכטן אירע דערקענטע איינזאַמקייטן. אַלע יוגנטלעכע חנען און יונג־פרוילעכע ציטערן האָט זי געמאָלן דין־פּאָעטיש ווי אַ „רויטן מאָן־קאָפּ אין דער ווײַסער שעמענדיקער קאָנוואַליע"; ווי אַ „גזשאָנדע גרינע אַרבעס וואָס האָט געהאָלדזט די רויטע ריבן", און ווי אַרבעס־שויטן, וואָס האָבן „געהאַט קעצישע דראַפּקעס, געקראַצט מיר די סטאָפּעס". די יונגע אַנקו־רים־שוואָלבן פון ירושלים האָבן איר דערמאָנט אין דער שפּיל פון „קאָמער־קאָמער־טיר". און געדענקט האָט זי אין יעדן קינדיש־יוגנטלעכן פּרט: אין „גאַווער־שערצל, וואָס האָסט געגאַווערט אויף צו קריגן ציין"; דאָס „אויסגעשוירענע זוילעכל פון דײַן פוס, ווען דו ביסט אַלט געווען אַ יאָר"; און אין די „פּאַר בלאָנדע הערעלעך די ערשטע, וואָס זענען אויסגעוואַקסן ווי אויף אַ ניי פעלד קאַרגע גרעזלעך"...

זי האָט די אַלע זאַכעלעך און זאַכן פון אירע „זכרון־לאַבירינטן" אַוועקגעשטעלט ווי פאַרביקע געוויקסן און ווי אַ שאַרפן רייצנדיקן קאָנט־ראַסט אויף דער גראָער קאָנווע פון אירע שאַרף־שפּירעוודיקע איינזאַמקייטן, בײַ אירע אָפענע טירן ווו „די איינזאַמקייט קומט און גייט". און איר ליד, האָט אַזוי אַרום באַקומען די טיף פון אַ טאָפּלשפּיל. אַ מאָל האָט

זי עס געזען: „אַ האַרפע פון שווײַגן הענגט אויף מײַן וואַנט", און צומאָל ווי „שטראַלן, שטראַלן", וואָס רײַסן זיך דורך די אָפענע טירן פון איינזאַמקייט. און אַזויאַרום האָט ריקודה באַהאַפטן דעם „מן המצר" פון מלך דוד מיט זײַנע כישוף־סטרונעס אין בלויען נאַכטווינט פון איבער ירושלים, ביז די „אויצאָווער וועלדער" אין העט־ווײַט פון פרי־יונגט־לעכע אַמאָלן.

*

און איר תפילה האָט זי געטראָגן צו דער וואָר פון ירושלים. איר ליד „זכרונות" הייבט זי אָן מיט אַ שאַרפן צוריקבליק צו אַ געוואַלדריס:

אַ לאַדזשער וואַקזאַל,
דײַנע שפּילצײַגן ווײנען,
דײַן בעטל לויפט נאָך,
בעט זיך:
נעם מיך מיט —

און דאָס ליד גיט פלוצעם אַ תפילהדיקן שרײַ:

נעם אַרונטער מיך
אונטער דײַנע פליגל,
ירושלים!

ווי אַ כלה־באַגער האָט זי געחלומט איר צונויפבונד מיט די ייִדן פון כלערליי שבטים אין ירושלים, און וואָס זי האָט נישט געקאָנט אין די ראַמען פון אירע קורץ־שורהדיקע לידער, האָט זי געפּרווט ווי סובלימירטע עדות־זאָגעכצן אַרויסרעדן אין אירע מאָלערישע געשטאַלטערישע רעפּאָר־טאַזשן און דערציילונגען וועגן די שכונות און געסלעך פון ירושלים. און די העלדן פון די אַלע שילדערונגען אירע זענען געקרוינט און געזאַלבט געוואָרן אין זייער אָרעמקייט — יעדער איינער ווי אַ חתן־בראשית, מיט פײַגן און מילגרוימען פון די אויבסט־שטעלן אויפן ירושלימער מאַרק, און מיט שיר־השירימדיקע עפּלווײַנען, וואָס האָבן געריזלט אין ריקודהס בענקשאַפטן און באַגערן.

מיט אַ פרום געמיט פון אַ שׂרה בת טובים, געירשנט אין בלוטן, און מיט דעם פײַערלעך־עקסטאַטישן ציגנד פון דער גרויסער און געהיימער

עליזאַ לאַסקער שילער, די אומבאַקאַנטסטע און געזאַלבטסטע פון ירושלים, ווען זי האָט אַזוי געליבט און געשאַצט — האָט ריקודה געבעטן אויף דעם נס פון פאַרוואָרצלונג און צובונד אין און צו דער עדה ייִדן פון ירושלים.

דאָ האָט זי געזען דעם היסטאָרישן חזיון:

דער מלך שאול
אין אַ צעבראָכענער קרוין
הייבט זיך אויף פון אַ שטיין,
קוקט דיך אָן

און דאָס מלכות ירושלים אין סאַמער איצטיקייט:

דער סופר מיט דער גענדזענער פּען
שרייבט, שרייבט מגילת ישראל

און אויף דער לוויה פון איר ברודער האָט זי איר רעקוויעם געפלאָכטן מיט אַ „צווייגל תהילים", און מיט אַ „ברוך דיין" געווענדט צו ירושלים:

מיין ברודער איז שוין
צוגעדעקט מיט דער ערד
פון ירושלים

די פאַרבליבענע שיך נאָך איר מאַמען האָט זי געהערט ווי זיי

גייען מיטן וועג צום הר־הזיתים,
צו די מתים

וועגן איר אכציק־יאָריקן פאָטער האָט זי געזונגען:

דער פאַרביקער דעקטוך פון אָוונט
לאָזט זיך אַראָפּ אויף ירושלימער בערג,
איך לייג אַריין די יונגע לבנה
אין דיין אתרוגים־קעסטעלע.

בעת אַלע אירע טרויערן האָבן געפירט קיין ירושלים.

די עלעגיעס נאָך פאַרלוירענע יוגנט־שיינקייטן האָבן אויפגעהויבן איבער זיך אַ מער ערנסטן און פילווערטיקערן מאָטיוו — אבלות. די

„מאמעס שיך", אירע שיך פון אַלע טעג, וואָס זענען פאַרבליבן „אין קאַסטן אַ פאַרמעג" זענען געוואָרן באַלאַדיש־באַוועגלעך אין דער וויזועלער זעונג פון דער פאַריתומטער טאָכטער. און אין דער „אַדע צו מײַן טאַטנס אַכציק יאָר" האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצוזען דער אינערלעך־דראַמאַטישער געראַנגל פון טאָכטער פּאָעטין מיט פאָטער־בעל־תורה:

אין ווייס, דו גלויבסט נישט
אין מײַן יידיש ליד,
דײַן ליד איז שיר השירים

און כדי צו האַפטיקן דאָס ליד אין איר פּאָעטישן זעלבסטגעפיל, האָט זי ווידער נאָר געזען איין אָנלען: ירושלים, אין אַרײַנוווקס צווישן אַלטע טרויערן און אייביקע חלומות:

אין ירושלימער שטיינערנעם אין־סוף
בלאָנדזשעט מײַן טרויער,
זוכט אַ באַהעלטעניש

און אַ ווונק אויף געהאָפטן עתיד פון זיניקער פּאָעטישער תכלית־דיקייט:

צו אַ נייעם שטראַל וואָס ווערט געבוירן
און ליגט אין וויקעלעך
פון גרינע צעדער־בלעטער

אַ זעונג, דורכויס ירושלימדיק, פון יידיש־פּאָעטישן טרויער אַרויסגע־וואַקסן, נאָכן אינערלעכן פאַרהער צווישן טאָכטער־פּאָעטין און טאַטע־בעל־תורה.

דעם אָנלען פאַר אַלע עלנטן האָט זי געזוכט אין כסדרדיקער באַהעפ־טונג מיטן שורש פון לאַנד. אַזוי דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן איר עקסטאַטיש געזאַנג צו די קופּערנע אורקראַפטן אונטערן „מולד פון תמוז"; דאָס זוכן „די קולות פון אונטער־ערדישער צוים"; דאָס „קופּערנע גרין" און דעם „גאָט וואָס הייסט תמוז" און אַלע אירע טויבן האָט זי געלאָזט פליִען איבער תמוז מיט אַ נוסח פון „אל מלך עליון":

כ׳האָב אויסגעבעטלט
אַ טויבן־פלאַטער
תמנע !
כ׳וויל אַ תפילה וואָרקען
תמנע !
אַלטע קופּערנע וועלטן
רוישן אין מיר
תמנע !

אָט די קורץ־שורהדיקייט איז איבערצייַגנדיק. זי איז דער שאַרפער קלאַנג אויפן קופּער און דער הייסער דרינגנדיקער ווילן צו קומען צו תוך און שורש.

ריקודה האָט אויך אויף דעם וועג געפּרוווט זינגען „כנענער דיכטונג" און „בבלישע געטער" און גוט, וואָס איר ייִדישער אבלות־מאָטיוו האָט דורכגעריסן די אַלט־סקולפּטורישע פאַרפרוירנקייט:

זייער מאַמע־גאָט האָט זיי געבוירן
פון בראָנדז און גראַניט.
זייערע פּנימער האָבן ניט קיין שמייכל,
קיין געוויין.
מייַן גאָט
איז געוויקלט אין רצועות
פון ייִדישער פּייַן — — —

און ווייַל זי האָט געוווסט אָט דעם דאָזיקן המבדיל, האָט איר אַבלות־דיקייט זי געפירט צו אהבה, צו אינערלעך־דבקותדיקער באַהעפטונג מיטן ציבור ייִדן פון ירושלים, און ס׳איז געוועזן די תפילה פון אַלע אירע תפילות:

איך וואָלט וועלן אויפצייִען אויף אַ שנירל דייַנע תפילות
און גיין מיט זיי איבער די גאַסן,
אַזוי ווי ירושלימער ייִדן־קורדן,
וואָס צווישן זייערע פינגער
מיט בורשטינען ציילן זיי די ספירה...

*

...און אין די ספירה־טעג האָט מען זי געבּרענגט צום הר־המנוחות מיט אַן אויסגעמאָגערט געביין, וואָס האָט אין זיך צונויפגעפּרעסט אַלע אירע בענקשאַפטן און באַגערן.

„נאלמתי דומיה" האָט געזאָגט איר „צווייגל תהילים", נאָר איר ליד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין דער רויטלענדיקער זון פון פרילינגדיקן אָוונט, און אַלע האָבן געהערט ווי עס רופט „דער יונגער ווינט":

„קום מיט, קום מיט, ריקודה!"

ריקודהס לידער רופן צו זיך און צו איר געשטאַלט. זיי זענען געוועז איינס מיט זייער יידישער צאַרטקייט און יונג־פרוילעכער דינקייט. און עדי עד — איר נאָמען צווישן די היילן און איבער די הייכן פון אייביק־ירושלים.

ריקודה, די דערציילערין פון ירושלים

דער באַנד דערציילונגען „אין געסלעך פון ירושלים" איז די ערשטע פּראָזע־זאַמלונג פון דער דיכטערין ריקודה פּאָטאַש; אַ טייל פון איר ווערטיקער שעפערישער ירושה, איר פיל־זשאַנערדיקע יצירה אין משך פון צענדליקער יאָרן.

דרייסיק יאָר האָט ריקודה פּאָטאַש געלעבט אין ירושלים, און איר געזאַנג ווי אויבן דערמאָנט, זאָגט עדות, ווי נאָענט און געטריי זי האָט פאַראייגנט איר לעבן און איר יידיש וואָרט מיטן געשטיין און מיטן ליכט אין יעדן ווינקל פון ירושלים. מיט אַלט־יידיש ענייוותדיקער פרומקייט און מיט מאָדערנער שאַרף־פילנדיקער דינקייט האָט איר ליד אויסגעטראָטן דעם וועג פון דלת־אמותדיקער איינזאַמקייט צו די רומפולע בשׂורהדיקע פּייזאַזשן פון דער אַלט־נייַער ירושלים. אין זיי האָט זי געפונען איר טרויער און טרייסט.

איר ליריש ציטערנדיק ליד האָט זיך אַלץ מער באַרייַכערט מיט דער זאַפטיקער ממשות און מיט דעם דראַמאַטישן טיפּאַזש פון דער ירושלימער יידן־עדה; איר געמעל פון ירושלים האָט זיך אַלץ מער פאַרטיפט מיט אַ יידישער דימענסיע.

איר געהער זאָגט איר: „אַלע בוכאַרישע, אַלע ספרדישע, אַלע אַשכּ־

נזישע — תּפילהן אַ תּפילה" — און מיט אַן אויסגעבריייטערטן בליק, וואָס זייער מקור איז יחיד־טרויער געלייַטערט אין ייִדן־ליבשאַפט, זינגט זי אויס איר באַגער.

מיט אָט דעם באַגער און ווילן — צו געשטאַלטן זיי אַלע, דעם פּילקאָלירנדיקן כּולל ייִדן פון גאָר דער וועלט, האָט די דיכטערין ריקודה פּאָטאַש געפונען דעם וועג צו פּראָזע, צום סיפּור המעשׂה וועגן ירושלים של מטה.

אין גאַנג צו פּראָזע, צו דער לאַבאָראַטאָריע פון איר דערציילונג, האָט די מקורותדיקע דיכטערין ריקודה פּאָטאַש מיטגענומען, ווי גוטע באַגלייטער און ווי גוטע קינסטלערישע אינסטרומענטן, די געבענטשטע אייגנשאַפטן פון איר געזאַנג: די ציטערדיק־פאַרביקע מאָלערישקייט, מיט וועלכע זי גיט תּמיד אַ פאַרנעמיקן האָריזאָנט די שמאָל־געסלדיקע גראָע אָרעמקייטן, און — די דינע מוזיקאַלישע אינטימקייט, דורך וועלכע זי קניפּט אָן האָרץ־שמועסנדיקן קאָנטאַקט מיט אירע לייַדנדיק־חלומדיקע און יוצא־דופנדיקע העלדן. דער פּאָעטישער שורש פון איר דערציילונג באַשאַפט אָט די שטימונגספולע האַלבקייטן און טאָפּלקייטן אַרום די אַלע שטאַמלענדיק־באַרעדעוודיקע ייִדן, וואָס טראָגן אויף זיך צער השכינה — דאָ, צווישן די גרינוואַרגן און אויבסטן אויף די מאַרקגעשטעלן פון שוק מחנה יהודה... אַלע זעען זיי אויס אין זייער פאַרשוויגענער נישט־דער־קענטקייט ווי פּרינצן פון אומגליק, זין און אייניקלעך פון אַ פאַרלוירן מלכות, וואָס דערמאָנען זיך ווידער זייער ייִחוס אין באַריר פון ייִד מיט ייִד צווישן די געסלעך פון ירושלים.

די מרכּבה — די קאָטש פון משה מאָנטעפיאָרע, וואָס ווערט דאָ, אין ירושלימער הויף, אַוועקגעשטעלט אַ פאַרלאָזטע און וואַרט אויף אַ „מיתה בשתיקה", און דערלעבט דורך אַלע מלחמות פון גוג־ומגוג אַ ייִדישע מדינה, בעת אַ פייַגנבוים וואַקסט אַרויס פון איר שטויביקער פאַרלאָזטקייט און הילט זי איין אין „אַ טלית פון בלעטער" — ווערט בייַ ריקודה פּאָטאַש אַרומגעהילט אויף אַ באַשיידענעם אופן מיט לעגענדאַרער פאָלקסטימלעכ־קייט וואָס וואַקסט אויס צו נאַציאָנאַלער סימבאָליק. און אַזוי ווי די אָרעמקייט און ווי געסלעך פון ירושלים, פאַרפלאָכטן איינס אין צווייטן, עפענען אַן אויסוועג צו גאַסן און הימלען — אַזוי פירן אירע שילדערונגען

וועגן „ווײַסע זאַקן" צו העכערער סובלימירטקייט. די ווײַסע זאַקן וואָס נעמי שטריקט פאַר שמאין, איז שמאי גרייט צו שענקען וועמען אַנדערש: „כ'וועל אַ באַרוועסער דעמאָלט גיין און וועל זאָגן: — הנה הם הגרביים, אדוני מלך המשיח"... און נישט צופעליק פלעכט זיך אַרײַן אין דער פּאַנאָראַמע פון ירושלים די שלום אַשישע געשטאַלט פון בטחון־פאַר־קויפער. דער ייִד, דער בטחון־פאַרקויפער לאָזט הערן אין מחנה יהודה — די „מלוכה פון גאַסן און געסלעך": „דיר גיב איך אַ קליין ביסעלע בטחון, ווײַל אין דעם קליינעם ביסעלע איז דאָ פון דער גאַנצער וועלט דאָס גרויסע גלייבן אין דער גוטסקייט פון מענטש".

אַזוי האָט ריקודה פּאָטאַש פאַרוואַנדלט קליין אין גרויס, די אָרעמקייט של מטה אין דעם חלום של מעלה, און אַלץ פאַרוועבט מיט איין ליבשאַפט פון ירושלים שבלב...

ס'איז דער לירישער ציטער אין דער עפּישער שילדערונג, דער אייגנ־אַרטיקער נוסח פון ריקודה פּאָטאַשס דערציילונגען. ער האָט זײַן באַרעכטיקונג און אַנהאַלט אין די טראַכטנדיק־שווײַגנדיקע אָרעמקייטן פון ירושלימער געסלעך, צווישן די שטעלן און אויף די שוועלן, ווו ייִדן זענען נאָך נישט גענוג צונויפגערעדט און די צערן זענען נאָך נישט גענוג אויסגערעדט; ס'איז אַ שווײַגן פון שבעים לשונות מיט צער — — און טאַקע דערפאַר אָט די אַלע ווינקענישן און לירישע נישט־דערזאָגעכצן מיט וועלכע ריקודה פּאָטאַש פאַרהאַלט דעם עפּישן פלוס פון איר סיפּור המעשׂה, בײַם שילדערן די אַלע תּמימים און משיח־חלומער ,די קלאָגערקעס און אַלמנות, די פײַפנדיקע עלנטע מאַרק־יונגען, די פאַרבלאָנדזשעטע קינסטלער־נשמה ביי אַ פאַלאַפל־פאַרקויפער, און די אַלע מיט די פאַר־לוירענע ליבעס און פאַרלוירענע געדאַנקען... אין קאַראַהאַד פון צער טרעפן זיי זיך אַלע בײַנאַנד מיט דעם יונגן שבט פון קעמפער און פאַרוווּנדעטע אין די קאַמפן פון אַלט־שטאָט און אויף די וועגן פון חברון. ס'איז איין לײַד־מגילה פון אַן עדה ייִדן פון אַלע וועלטעקן — און אַלע געליטענע חלומען און בעטן אַ ישועה... די דיכטערין־דערציילערין ריקודה פּאָטאַש הייבט אויף איר תּפילה פאַר זיי אַלעמען, ווי איינע צווישן זיי, אין די געסלעך פון ירושלים...

*

צו דער דריטער יאָרצייט נאָך ריקודה פּאָטאַש ז״ל דערשייַנט דער באַנד דערציילונגען אירע „אין געסלעך פון ירושלים״. ס׳איז דאָס צוואַנציקסטע יאָר צו דער אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל. ס׳איז אויך דאָס יאָר ווען ירושלים שיינט ווידער אַ גאַנצע, מיט גאַסן און געסלעך, וואָס פירן צום כּותל מיט טריט פון באַלעבונג...

זאָל אין גרויסן ליכט אויך לייַכטן דער נר־תּמיד פאַר ריקודה פּאָטאַש, די זינגערין און דערציילערין פון ירושלים.



בעז   ברוך אורן   אריה שמרי

יעקב פיכמאַן און דער פּרייז אויף זײַן נאָמען

די זכיה פון באַהעפטן מײַן שאַפן מיטן נאָמען פון יעקב פיכמאַן, ציטערט אויף אין מיר, ווי אַ פלוצלינג־דערמאָנטער האַרציקער ניגון; עס דערמאָנט מיר אַ טרעפונג מיט יעקב פיכמאַן מיט 45 יאָר צוריק, צווישן די געצעלטן פון קיבוץ השומר־הצעיר אין בנימינה. איך בין נאָך דעמלט נישט געווען פאַרזינדיקט מיט דער פען, אפילו נישט געחלומט צו זײַן און ווערן אַ דיכטער בײַ ייִדן.

יעקב פיכמאַן איז געקומען זען ערשטע עולים פון דער פינפטער עליה, און איך, אין גוטן מעמד פון אַ פאַרליבטן לייענער, האָב זיך צונויפגערעדט מיט יעקב פיכמאַן, אים אויך באַגלייט אויפן שפּאַציר איבער די זאַמדיקע גאַסן פון בנימינה און אויף די סטעזשקעס צווישן די גערטנער און פעלדער, בײַם אָנהייב פון הר הכרמל, קעגן דער זומפּיקער קאַבאַראַ, און אַקעגן יונגע ווײַנשטאָקן. צווישן ריחות פון מיענטע און יאַסמין, און בײַם שאָרך פון זײַנע פאַרטראַכטע ווערטער, האָב איך אויך געהערט דעם ניגון פון זײַן ליד, און אויך געזען די לאַנדשאַפט פון זײַן ליד, וואָס איז תפילה זכה און קול דממה דקה; נאַטור, וועלט און מענטשלעכע דערהויבנקייט.

מיך האָט תמיד געפאַנגען די עלעגישע און בשורה־דערוואַרטנדיקע שטילקייט אין יעקב פיכמאַנס שאַפן; אַזוי אין ליד, וואָס איז פול געווען מיט ברכה אויף טוי פון פרימאָרגן, און אַזוי אויך אין זײַן ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט געזוכט דורך קינסטלערישער אַנטפּלעקונג דעם שליסל צו געטלעכן טוי אין מענטשלעכן האַרץ.

אין דער הויך־טאָניקער העברעיִשער פּאָעזיע, וואָס זעט אויס פון נס ביאַליק ביז סערת שלאָנסקי, פון פרעות קישיניעוו ביז ימי פרעות ומהפכה באוקריינע, ווי צוויי שפּיצן בערג אין שטורעם־ווינט, מיט נביאישער

תוכחה צי מיט ניי־צייטיקן עקספרעסיוון אויסגעשריי — זעט אויס דאָס שטילע וואָרט פון יעקב פיכמאַן, ווי אַ וואָדי צווישן די צוויי באַשטורעמטע בערג, אַ גראָזיק־בלימלדיקער וואָדי, ווו די פּאָזיע געפינט אויף אַ ווײַל איר זיכערן אַדרעס, איר שטילע נחלה.

אין איין ליד פון זײַנע יידישע לידער שילדערט פיכמאַן די ברכה פון אַ וואָדי אין מיט פון דער שטיינערדיקער און דאָרנדיקער לאַנדשאַפט:

באַזוימט מיט דערנער קוקט אַרויס אַ שטיינערדיקער וואָדי
אַ לעבעדיקער אָדער אינעם אומעט פון דעם לאַנד.
דאָס איז דער נחל שורק צווישן שטעגלעך נע־ונדע —

און פון די דאָרנדיקע אומעטן — זײַן דערפרייענדיקע זעונג:

און מיט אַ מאָל: אַ פײַכטע גרינקייט, לויטער ווי באַגינען
דער טאָג צעוועבט זיך איבער זאַנגען, דופטיקע יאַסמינען.

מיטן דאָזיקן דערפרייענדיקן געפיל האָב איך אויך געזען יעקב פיכמאַנען אין יענעם פרימאָרגן, מיט 45 יאָר צוריק. דאָס האָט געהערט צו זײַן פּאָעטישן כאַראַקטער: דאָס וואָרטן אויף דער געבענטשטער שעה פון פײַכטער גרינקייט פון גאָטס טל און פון מענטשלעכן חסד. דאָס איז אייגנטלעך די אַנטפּלעקונג פון שורשדיקער פּאָזיטיווקייט, פון טאַלאַנט צו באַהעפטונג מיט אדמת ארץ ישראל. די שורשדיקע ערדישע בעסאַראַבער יידישקייט איז דאָ אַוודאי געווען אַ געטרײַער מעדיום צו אַרײַנוואַקסן אין דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט און צו פּאָעטישן אויפנעם פון דער ישראלדיקער נאַטור.

געטהע זאָגט, אַז וועגן נאַטור ווי אַ טעמע, דאַרף מען נישט שרײַבן, נאָר אויב זי לעבט אין דיר, זינגט זי אין דיר במילא. פיכמאַנס נאַטור־געזאַנג איז ער אַליין, און דאָס פעלדיש־רחבותדיק געמיט פון אַט דעם שבט יידן, צו וועלכן ער האָט געהערט מיט לײַב און לעבן און געזאַנג.

אין גאַרבנטוי דאָס ליד פון מאָרגן רייצט מיך
און ווי אַ גרינער בוים דער נײַער טאָג פאַרפלייצט מיך
מײַן שוימענדיקן בעבער הייב איך אים אַקעגן.

און אַזוי איז ער אויך אַנטקעגנגעגאַנגען אין זײַן פּראָזע, די בײַ וועלכע ער האָט געפונען דעם גאַרבנטוי און דעם שורש פון ליבשאַפט.

אין זײַן ליטעראַטור־קריטיק איז נישט צו געפינען די גאַליקייט פון רוטיניִרטע רעצענזענטן, נאָר דעם שוימענדיקן בעכער וואָס ער טראָגט אַקעגן מיט באַגײַסטערונג יעדער דערהויבענער און דערהייבנדיקער יצירה.

אַט דער העברעיִשער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער האָט אויך געשריבן ייִדישע לידער. איינער פון די אונטערפירערס און בענטשערס פון „די גאָלדענע קייט" איז געווען יעקב פיכמאַן. זײַנע לידער האָט ער באַצייכנט מיטן קעפּל „פון מײַן ייִדישן לידערהעפט". אייגנטלעך איז ער פול געווען מיט ייִדישן לידער־באַהעפט; ער איז געווען טיף באַהאָפטן מיטן איכות פון ייִדישער יצירה, מיטן מידת הרחמים, וואָס אָטעמט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פון אירע גרונטלייגערס ביז די ייִנגסטע הײַנט צו טאָג.

אין ערשטן נומער „די גאָלדענע קייט" דערשינען מיטן אָנשטיין פון מדינת ישראל, אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם סוצקעווער, זאָגט פיכמאַן אין זיינס אַ מאמר לכבוד דער גאָלדענער קייט: „אפילו תפילות זענען אויף אַזוי פיל געווען העברעיִש, אויף וויפל זיי זענען געווען ייִדיש אָנגעװאָרעמט, ייִדיש באַהאַרצט"... און ווײַל איך האַלט, אַז אין די ליטעראַטורן פון ייִדיש און עברית זענען פאַראַן וואָרצלען און צווײַגן וואָס רירן זיך אָן — דערלויב איר זיך צו זאָגן, אַז ס'איז גאָרנישט ווײַט, און אפשר זייער נאָענט, פון פּאָעט פיכמאַן צו דער שטרעמונג פון די „יונגע" אין דער ייִדישער פּאָעזיע: פון מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד, און ראַבאָי, און אפרים אויערבאַך, וואָס האָבן געזוכט אַ סגולה פאַרן ליד, אין אינטימער היימישקייט, אין וואַרעמער ערדישקייט און אין פאָלקישער קוועליקייט.

לאַנגע יאָרן האָט זיך געפירט אַ שאַפערישע פרײַנדשאַפט, צווישן יעקב פיכמאַן און שמואל ניגער; זיי האָבן אין זיך קעגנזייטיק ליב געהאַט דאָס הויך־גײַסטיקע, וואָס היט אָפּ דעם „ואהבת לרעך כמוך" אין באַצוג צו יעדער יצירה, אויף וויפל זי איז עכט און ווערטפול.

אין זיי ביידע, אין שמואל ניגער און אין יעקב פיכמאַן, זענען ביידע ליטעראַטורן געווען איינס, און דאָס האָט געוואַרעמט און געהיטן זייער פרײַנדשאַפט לאַנגע, לאַנגע יאָרן. אַ פרײַנדשאַפט פון צוויי שאַפערישע מײַסטערס, וואָס קאָן זײַן און דאַרף זײַן לדוגמא פאַר ביידע ליטעראַטורן ביז הײַנט, ווען אונדזער גאַנץ פאָלק, דאָ און אומעטום געפינט זיך אין רינג

פון באַלאַגערונג, און יעדער אויפטו אויפן גײַסטיקן געביט איז אויך אַ טייל פון אונדזער פיזישער פעסטונג.

*

צווישן די חורבות פון ירושלים, „די רויזיק־ווונדיקע מויערן״, ווי ס׳האָט זיי געזען יעקב פיכמאַן, האָט ער אויך געלאָזט הערן זײַן רוף צו זיך אַליין:

און מיט געזאַנג גיי, האַרץ, פאַרבײַ, דעם טאָל פון טויטע.

אפשר מער ווי תמיד איז איצט נייטיק, אַז קיין געזאַנג זאָל נישט שטיל ווערן בײַ די טאָלן פון טויטע; און דער נאָמען פון יעקב פיכמאַן, זאָל מיט זײַן געזאַנג שײַנען און באַלײַכטן — לדורות.



ש. שנהוד, י. זרובבל, ה. לייוויק, ח. ראַווינאַ, ב. פרימער, א. שמרי

נאַטור און געשטאַלטיקייט ביי רחל קאָרן

(צו דער דיכטערינס באַזוך אין לאַנד)

אין דער ווידערטרעפונג מיט רחל קאָרן דאָ, באַווירא דארץ־ישׂראל און ביי אָט די בייטן, ווו יידיש געזאַנג רירט אָן ערדיש־לאַנדישע ממשות, — טרעפן זיך ממילא, פאַראײנגט, ערדישע ניגונים, און רחל קאָרנישע לידער, מיטן זכות פון זייער דויערהאַפטיקער שורשדיקייט, שטעלן זיך אַוועק דאָ, ווו „עס ווערט די שטילקייט צייטיק פאַר נייער מתּן־שירה".

טאָפּל נס — אין דעם פּאָעטישן נס פון יידיש — איז רחל קאָרנס ערדישער ניגון; ער איז צו להכעיס, קאַפּויער אונדזער לאַנדלאָזיקייט און ערד־פאַרפרעמדונג אין דער סלאַווישער לאַנדשאַפט. און לאָמיר איר ערדיש־קרעפטיקע פּאָעזיע ניט זען בלויז ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אויף דער ביאָגראַפישער קאַנווע פון רחל קאָרנס דאָרפסהיים, נאָר, און דער עיקר, ווי דאָס געווינס און געפינס פון איר פּיל־און פול־חושימדיקער פּאָעטישער עקספּאַנסיווקייט — דער כּוח צו דעראָבערן נייעם שטח פאַר אונדזער פּאָעטיש וואָרט.

די וועלט פון פעלד, וואַלד און סאַד, דער היימבאָדן פון רחל קאָרנס ליד, האָט זיך באַלד אָנגעזען — אויב ניט העכער, אַ סך העכער פון בנעימותדיקער נאַטור־מאָלעריי. אין פּאַסטאָראַל־אַקוואַרעלישע צייכענונגען וואָלט מען אַוודאי געבליבן שטיין ביי אַזאַ זעונג ווי:

די פּאַסטעכס שאָף
אַ וואַסערפאַל,
וואָס גיסט זיך
נאָך דעם פּאַסטעכס פייפל
איבער דעם שטייניקן באַרג,

אָבער רחל קאָרנס דורכגעאָדערטע נאַטור־באַנעמונג און אירע שאַרפֿע צײַטשפּירונגען, פֿול מיט פֿאַרויסגעפֿיל פֿון געוויטערן, האָט דאָס זעלבע ליד געפֿירט פֿון מעלאַדישן פּרעליוד צו דעם שאַטנדיק־אימהדיקן אויפֿן פֿאַסטעכס פּנים:

דעם פֿאַסטעכס פּנים
ברוין און שאַרף,
געוויטער־נאָענט
און מענטשנפֿרעמד,
אַ ציפּערבלאַט פֿאַר ווינט און זון,
וואָס נעמט די שעה אַראָפּ פֿון הימל.

און אַזוי האָט אויך רחל קאָרן געזען און אונדז געוויזן איר מיט פּרוכט־צעוויגטן סאָד — ווי ער בײַט זײַן מראה אין טיפֿנאַכטיקייט, צוזאַמען מיט מענטשלעכער באַזאָרגטקייט. אָנגעהויבן מיט דער מאָלעריש־פּאָעטיש דיגער זעונג פֿון אַ שטעג אין סאָד, ווי אַזוי דער סאָד צעטיילט זײַנע צוויי העלפֿטן: „מיט אַ שרינט אין מיטן פֿון אַ געלער סטעזשקע", און באַלד איז דאָס בילד אויסגעוואַקסן: „טאָג־טעגלעך גלעטן אויס דעם שרינט / רויטע, שוואַרצע קאַמען פֿון נישט געציילטע פֿיס", — מענטשלעכע טריט, אויף שטעגן אין דאָרפֿישן ייִשובֿ, וואָס פֿירן צווישן די שוועלן פֿון סענדער צו מאָטיען, מיט דער גאַנצער טרעוואָגע פֿון שכנותדיקע הענער און הינער און מיט דער באַזאָרגטקייט „ס'עט זײַן אַ ביטער יאָר"; און פֿון אַלעם — אַ נײַער בליק אויפֿן זעלבן סאָד, בײַם אײַנהערן זיך אין די האָרעפּאַשנע ייִשובֿניקעס, און ווי דער פּרוכטיקער סאָד ווערט גאָר טונקעלער וואַלד:

עס טרינקען אויס די ליפּן פֿון דער פֿינצטערקייט
אַלע סטעזשקעס ווײַסע,
און ס'איז דער סאָד בײַ נאַכט, ווי אַלטער טונקעלער וואַלד,
בלויז די שלעפּעריקע עפּל פֿאַלן צו דער ערד, ווי שטערן
און שנײַדן אויס פֿאַר אויערן אָפּענע דעם וועג.

דאָס מיינט, נישט נאָר אײַנהערן זיך אין דער טיפער נאַטורשפּיל און אירע פאַרוואַנדלונגען, נאָר אויך אין די טיפע קאָסמישע שײַכותן פון פּאַנאָראַמעס און זייערע באַוווינערס — נאַטור אין שײַכות מיט בן־אדם. און אַזוי זענען אַלע אירע פּערסאָנאַזשן אַדורכגענומען אין זייערע פאַר־דאַגהטע מחשבות מיט יעדן ציטער פון גראָז און אָטעם פון בעל־חי. אַזוי זעט רחל קאָרן דעם „דאָרפסמאַן״:

ווען דאַוונט דען, מ׳שטיינס געזאָגט, דער דאָרפסמאַן,
ווי אַ ייִד?
עס גייען אויף דער פּאַשע פון די האַלב־צעפליקטע
האַלבע סידורלער
מחשבות ווי די הונגעריקע קי,

אָט די ייִדישלעכע באַזאָרגטקייט אויף דער שיינקייט פון דער נאַטור־קאַנווע, הייבט זיך אָן ביי רחל קאָרן מיט אירע ערשטע יתום־געפילן אין דער דאָרפישער היימישקייט. דעמאָלט ווען:

ס׳זענען קליינע בלעטעלער געפאַלן,
ווי שניי צעשמעקטער, פּרילינגדיקער
אויף מײַן פּאָטערס קאַלטן שטערן.

דעמאָלט, ווען זי האָט ניט געוווּסט:

אַז ס׳האָט זײַן שלאַנקע ,יונגע האַנט
געשריבן די צוואָה

און אויך פון דער צײַט פון דער „טאָכטערס תּפיסה־טעג״, ווען די מאַמע איז מער נישט צוגעגאַנגען צום פענצטער, „אַז איך זאָל נישט מוזן זען פון שטוב אַרויס די בליענדיקעביימער״ — ווי עס דערציילט עס רחל קאָרן אין דער הקדמה צו איר בוך היים און היימלאָזיקייט. די שנייבלעטלעך אויפן פּאָטערס קאַלטן שטערן און דאָס בפיוונדיקע אויס־באַהאַלטן זיך פון דער מאַמען פאַר בליענדיקע ביימער, כדי נישט צו געניסן פון שיינקייט אין טעג פון דער טאָכטערס תּפיסהוּוען — זענען אפשר דער שליסל צו אָט די פּאָעטישע חומרות און פאַרדאַגהטקייטן, וואָס שאָטענען אַזוי אין רחל קאָרנס נאַטור־פּאַנאָראַמע.

דאָס איז אַ נאַטור פול מיט נאַטורוויי און מיט שווערקייט פון ערב־געשען, מיט דער וויי־יוירונג פון קנאָספּן פאַר דעם אויפפלאַץ; דער שטורעם קוקט אַרויס דורך די געדיכטענישן פון דער לאַנדשאַפט, נאָך איידער דער בליץ קעמט אַדורך די וואָרצלען און קרוינען אויף די היימישע סטעזשקעס — און היים ווערט היימלאָזיקייט...

די עפּישע געזונטקייט אין איר ליד האָט דערפאַר נישט די ראָזעווע באַקן פון פאַרראָמאַנטישער אַלט־פויערישקייט, נאָר אַן אַ שיעור קאָרבן און קנייטשן, און אויך אַ פחדימדיקער ציטער, וואָס לאָזט זיך פילן אונטער דער שיינקייט, ווי דער אויפריר־סימן פון אַ קראָט און ווי די טריט פון אַ חיה אין שניי...

אין צענטער פון איר לאַנדשאַפט — בן־אדם; און אין וואַן־גאָגישע מאָלערייַען שלאָגט אַן די פאַרבנוועלט פון רחל קאָרן. פון אַלע רייַכע פעלד־רחבותן ציט זיך תמיד איר אויג צוריק, צימצומדיק בכוונה, צו די ד׳ אמות פון באַצערטן מענטשלעכן גורל, צו די „קאַרטאָפל־עסערס"...

די פאַרשטאָט־הייַזלעך, אויף די וועגן צווישן שטאָט און דאָרף, פאַר־לירן באַלד, אין דער רחל קאָרנשער שילדערונג, זייער שטאָמפּעדיקע דאַטשע־שלווהדיקייט און ווערן געוויזן ווי פאַרמיטלערינס צווישן שטאָט און דאָרף, ווי „בייַכיק נידעריקע זיצערקעס פון מאַרק". און די זיצערקעס פון מאַרק — נישט נאָר אויף טשיקאַווע, נאָר אין קריגערשן ערנסט פון זייער אַמפּערניש און דינגעניש. אַזוי פּלאַסטיש זעט זיי רחל קאָרן, טאַקע ווי די צעפילדערטע בעלי־חי אין זייערע הענט:

> און זייערע צינגלעך שפּרינגען איינס צום צווייטן,
> ווי קאַמף־צעהיצטע, בלוט־צעפלאַמטע הענער.

אַז מען קאָן אַזוי אַ אַרייַנפלעכטן שטיקער סאָציאָלאָגיע און פרקים שטייגער אין ליד — מעג מען! דאָס מיינט: עפּיש־מאָלערישע באַזע, כדי אויסצודריקן טיפע לירישע ברוויזונגען פון מענטשלעכן פייַן און קינסטלע־רישן מיטלייד; דאָס מיינט: ניי־צייַטיקער חוש פון איידל־דעטאַלירטער פּאָעזיע.

די ייִדישע פּאָעזיע האָט אַ סך געגאָסן פון אָט דעם בילדערשן אויס־וועב און מאָלערישער מאָסיווקייט, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט „רויזן־רויטע שטראַלן דין" נאָר אין זשעדנעקייט צו סקולפּטורעלער און

פערזאָניפיצירטער נאַטור־בילדלעכקייט זיך דערשלאָגן צו דער ברייט־פאַנאָראַמעדיקער זעונג, די „שאָטן־ליַילעכער פון ערשטער מאָרגן־גראָקייט" און צו „דעם טיפן סוד פון נאַכט" אין דער מאָרגן־דעמערונג פון סאָד; צווישן נאַכט און טאָג — דאָס דראַמאַטישע אין ליכט־געראַנגל, געזען דורך טיפע מענטשלעכע פריזמעס.

דעם פרימאָרגן זעט רחל קאָרן טאָפּל, אין נאַכטיקן אָפּשייד:

וי ס'וואָלט אַ מאַמע דריקן צו דער ברוסט דאָס
גוססדיקע קינד
און זיך בײַם טויט געבעטן:
נאָך צוויי מינוט, נאָך איין מינוט — אַ רגע...

און דעם טאָגיקן אָנקום — אין בשׂורהדיקן פּאַרנעם:

די גראָע פעדער־פעכערס רויך אויף דעכער שטרויענע
פון כאַטעס
גיבן שוין צו וויסן דעם בלאָען, פרילינגדיקן טאָג,
אַז ס'האָט די צײַט פאַראַקערט נאָך איין נאַכט
און גייט אַרויס אַנטקעגן זון מיט אירע אַקער־אײַזנס
אויף ברייטע פעלדער פון דעם נײַעם טאָג.

אַ געאייניקטע טאָפּל־זעונג פון אָפּשיידווי און בשׂורהדיקן אויפגאַנג. און כּדאַי אונטערצושטרײַכן, וויפל דאָרפישע זעערישקייט איז דאָ אין אָט דער רויך־שילדערונג איבער די שטרויענע דעכער פון כאַטעס: „די גראָע פעדער־פעכערס רויך" מישן דאָ מאָלעריש צונויף די קרײַזלען רויך מיט פליגלשע שוועבערײַען. און דאָס ווערט געטאָן אַזוי כּלאחר־יד, ממילא־דיק, וואָס מוז דערמאָנען אין יענעם זאָג פון געטהען, אַז וועגן נאַטור שרײַבט ער נישט, נאָר ווײַל ער האָט זי אין זיך ממילא, איז זי דאָ און קומט צום אויסדרוק ווי נאָר ער דאַרף און נייטיקט זיך אין איר. אָט אַזעלכע קליינע מאָלערישע דעטאַלן זענען דער בעסטער שפּיגל פאַר אמת־דיקער נאַטור־וואָרצלדיקייט.

לויט ליטעראַרישער רוטינע אַליין קאָן מען דאָס געשען פון ערב־און נאָך־רעגן נאָר זען ווי אַ לײַכטע שפּיל פון וואָלקן און רעגן־בויגן, אָבער בײַ רחל קאָרן ווערט עס באַלד בשותּפותדיקע פעלד־און מענטש־

געשטאַלטונג, מיט דאגות און מיט הומאָר. ווי זשע זעט אויס ווען פעלדער וואַרטן ערב רעגן ?:

ווי די פאַרזעסענע מיידלעך שטייען איבערצײַטיק פולע לאַנעס
און וואַרטן אויף די זינגענדיקע מחותּנים
וואָס זענען אַלץ נאָך נישט געקומען,
אויפגעהאַלטן מיט די שלאַבאַנעס פון כמאַרנע רעגנטעג.

און די פאַרכמאַרעטע הימלען זעען אויס ווי איינע
וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אויף בלאָען, יונגן קאָפּ
אַ גראָע עלטער־באָבע־קופּקע
און האַלט די זון אונטער דעם ברייטן פאַרטעך פון די כמאַרעס.

ייִדיש־כלה־באָבישער הילוך אין דער נאַטור־פּאַנאָראַמע.

געשווירענע אַנטיאימאַזשיניסטן וואָלטן אפשר אויף דעם אַליין געלאָזט הערן זייערע ספקות, געפּרוווט אָפּפרעגן דעם ווערט פון שטייגערשן געמעל אין פאַרגלײַך מיט רײַפן, סומירטן זאָג־נוסח אין לשון פּאָעזיע. אָבער אַז מען זעט אין זעלבן ליד, אין דער זעלבער פאַר־רעגן־שפּיל די געניטע פּאָעטיש־קינסטלערישע אָבסערוואַציע: ווי אַזוי עס זעט אויס אין גאַנצן פעלד־שטח, וואָס עס טוט זיך אין פויערשן בידע־פאַרמעגן מיט די קלענסטע אַרבעט־געצײַגן — און וואָן־גאָגיש געזען — דורך דער גריזאָטע פון הונגער:

אין קאַמער הענגען קאָסעס בלישטשענדיק און גרייט,
און סערפּן שאַרפן אָן די קליינע מײַזן־ציינדלעך
מיט דער בענקשאַפט צו דער ערשטער זשמעניע תּבואה

און אַז מען הערט אויך די פאַרדאַגהטקייט פון קינדער:

די קינדער, וואָס פילן שוין דעם טעם פון טוכלע ברויט,
און פרעגן שטיל פאַרדאגהט:
„נאָך אַלץ נישטאָ ?"
„נישטאָ !"

זעט מען קלאָר דעם חוש הנאַטור מיטן חוש האָדם צוזאַמען, און מען דערפילט אין אָט דער עפּישער מאַסיווקייט און מענטש־וועלט־שײַכותדיקייט יענעם מיסטישן גורל־ציטער וואָס עס פילט אַ פּויער בעת דער ממשות פון זייען אין פעלד ערב רעגן, ווען דער בליץ זאָגט אָן וואָס אַ גאַנצער אוניווערס האָט באַשטימט פאַר אָט דעם בינטל קערנער וואָס דער זייער פּרעסט צונויף אין זײַן דלאָניע. און אָט דער מיסטישער ציטער פון האָרעפּאַשנע נאַטורן, אין דער ממשות פון מי און מאַטער, איז דאָך אויך דער ציטער אין גרונטאָוונעם וועלטגעפיל פון פּאָעטישער מי.

אָט די שײַכותן פון קאָסמישן נאַטור־געשעען מיט קליינע זאַכן פון מענטשלעכע האַנדלונגען ליגן אויפן גרויסן שליאַך פון פּאָעטישן שאַפן. זיי זעען זיך אַרויס זייער בולט, למשל, אין די ברייט־פּאָעמישע טעקסטן פון אַדאַם מיצקעוויטשעס פּאַן טאַדעוש: די פאַרשפּעטיקונג פון אַ זונאויפ־גאַנג, צוליב גאָטס אַ קאַפּריז, רירט אָן ממילא די טיפן פון מענטשלעכן געמיט; האָט פאַרשפּעטיקט דער זונאויפגאַנג — האָבן פאַרשפּעטיקט צו פּאַשע אין פעלד סײַ שאָף און סײַ פּאַסטעך, און אַלץ אין דאָרף, — איז שוין ממילא אומרויִק די געליבטע בײַם פענצטער, און דער צער איז שוין מער ווי אַלע מאָל... אַזעלכע קאָסמישע שײַכותן צווישן נאַטור און מענטש אין רחל קאָרנס פּאַנאָראַמעס גיבן צו אַ טיף־דימענסיע צו איר ליד און פון זיי הייבט זיך אַרויס דער עיקר מיט וועלכן זי האָט באַרײַכערט אונדזער פּאָעזיע.

די ייִדישע פּאָעזיע, ביז זי איז אַרויס בעל־כּרחו פון ייִדיש־שטעטל־דיקייט, האָט אין איר נאַטור־בילד קוים געזען די תּפֿילהדיקע בעריאָזקע־לעך, וואָס עס האָט אַזוי שיין און עלעגיש־ווייטיקדיק אָפּגעזונגען דוד איינהאָרן. אויך די שיינע לידבלומען פון לייב נײַדוס האָבן נישט געוויזן אויף קיין טיף־ערדישער יניקה. ערשט משה קולבאַק האָט אונדז איבער־ראַשט מיט זײַן וועלט און וואַלד־שיכּרות, מיט אויפגעריסענע שפּונטן פון ביימערישע סמאָלעס און מיט שורשדיקע קאָבילניקער שטאַמייִדן. און מאַרקיש פון וואָלין און בער האָראָוויץ פון די קאַרפּאַטן־בערג — און דערנאָך יונג־ווילנעאַנער — האָבן אונדז געברענגט ניגונדיקע רחבותן און מוטן פון טאָלן, בערג און וואַלדיקייט. צו אָט דער פּאָעטיש יאָדערדיקער משפּחה געהערט רחל קאָרן, וואָס האָט דעם ערדיש פּאַנאָראַמעדיקן ניגון אויך דורכגעאָדערט מיט פאַרדאַגהטער מענטשלעכער געשטאַלטונג. די

חיוּתדיקע שורשדיקייט פון איר שאַפן האָט מיט אַ סך באַרייַכערט אונדזער ליד, און פאַר רחל קאָרן אַליין איז עס געווען דער גרינער זאַפט פון סם־החיים אויף די ווייַטע וועגן פון היים צו היימלאָזקייט; ביז צו דער שעה, דאָ, „פאַר נייַער מתּן־שירה"...

אויך אין די ווייַטע פאַרוואָרפנקייטן האָט איר אימאַנענטע שורש־דיקייט אויסגעלייזט דעם יידיש־פּאָעטישן צער פון לייַכט־רוטינירטן „מייַן פאָלק"־קינה־נוסח. אַ סך מער האָבן זיך די פאָלק־שייַכותן, יידישע פאַר־וואָרצלטקייטן, אַנטפּלעקט אין אינטימען באַדויער און באַוויין אויף נאָענטע ברמ"ח ובשס"ה — און משפּחה איז דאָך זאַלץ פון דער ערד און יסוד פון פאָלק...

איר יידישע פאַרוואָרצלטקייט האָט רחל קאָרן נאָך געהיט אין זיך פון אירע ערשטע דאָרפסהיים־לידער; פון יעדן באַריר מיט דער סלאַווי־שער לאַנדשאַפט האָט אַרויסגעזוגען איר יידיש־שטאַמיקייט. מען קאָן עס צום בעסטן אַרויסזען פון איר ליד „ווינטער". עס הייבט זיך אָן מיט דער פּלאַסטישער שילדערונג — בייַנאַנד מיט מענטשלעכע מידות, ווי דער ווינטער פאַרשעמט זיך „מיט זייַנע גראָבע שטיוול", און באַלד ווערט ער גאָר ווי אַ שפעדיקער באַלעבאָס, וואָס פאַרשפרייט זייַן גאַנץ ווינטערדיק האָב און גוטס:

גערברענגט זייַן בעטגעוואַנט פון ווייַסן, ווייכן פוך,
געדעקט מיט קלאָרע טישטעכער די פעלדער.

און מיט דער זאָווערוכע — מיסטעריעז אומהיימלעך:

האָט ער זיך רייַטנדיק אַרויפגעזעצט אַ פויער אויף
דער פלייצע,
געלאָזט פון אים זיך טראָגן אין דעם נאָענטן וואַלד
און אים געהאָלפן גנבענען דאָס האָלץ,
נאָר דאַן דעם קעלט־פאַרשטאַרטן פויער אין די ציין
געבלאָזן,
אַזוי רחמנותדיק זיך צוגעבויגן צו זייַן פאַזוכע, דער
דאַרער,
ביז ס'איז דאָס פויערל קוים לעבעדיק פון אים אַנטלאָפן.

אָבער ערשט דאָ ווינטערט זיך דער ווינטער אויס וואָרעם, אייגן, און רירט אַזש אָן אליהו הנביא:

א ביסל שפּעטער מיט דער נאַכט צו גלײַך
באַגלייט אַ ייִד,
וואָס גייט מיט קויבערס און מיט זעקלעך
איבער די טרוויעריקע, שניי־פּאַרזייעטע דערפער.
עקשנותדיק אַרײַנגעקוקט אין ייִדנס פאַרטרערטע אויגן
אונטער דעם גרויסן, שוואַרצן פוטערהיטל,
און דווקא אין דעם דאָרפסגייער געוואָלט דערקענען
אליהו הנביאן.

אַזאַ סלאַווישע ווינטערדיקייט מיט הונגער פון דאָרע פּאַזוכעס און מיט שוואַרצע פוטער־היטלען פון אליהו־הנבישע ייִדישע דאָרפסגייערס האָט רחל קאָרן מיטגעפירט אין איר וואָרט־אוצר ביז „דעם לעצטן דאַך פון וועלט, די בערג פון פּאַמיר". און אַזוי אַלע פרילינגס און זומערס.

אין 1939, בעת דער שטורעם האָט באַרירט איר היים, און זי האָט דערזען וואָס זי האָט אַ מאָל ניט געוווסט, אַז זי איז דאָ „געקומען בלויז צו גאַסטן אויף פּופּצן, צוואַנציק דורות" — האָט זי גענומען אויף איר וועג, ווי געטרײַע באַגלייטערס, די „סאָסנעס שלאַנקע דרײַ לעבן דער נײַער שטוב", זיי

וואָס האָבן דאַן אַרײַנגערוישט אין מײַן נשמה
זייער בענקשאַפט און טרויער מיט דעם גרינעם סכך.

און אויסגערופן האָט זי פאַר זיי ווי פאַר עדות:

אָ, ערד, אַז איך וועל מוזן גיין פון דיר אין גלות,
וועט דורכלויפן אַ ריס דורך דײַן און מײַן אַיעדן גליד,
און ס׳וועלן בלוטיקן צו גלײַך, אָ, ערד, מײַן הייס־
געליבטע ערד,
דו און איך און מײַן ליד.

די דרײַ סאָסנעס פון ווײַטן היים־האָריזאָנט זענען נישט נאָר געוואָרן עדות און מיטבאַטייליקטע אין בונד פון „בלוטיקן צו גלײַך", נאָר אויך

דער מוסטער פאַר ערדישער מונטערקייט — סאָסנעדיקער קשה־עורפדי־קייט:

נאָר ס׳וויל נישט שטאַרבן דער סאָסנעבוים —
נישטאָ קיין וואַסער, טרינקט ער לופט,
נישטאָ קיין ערד, איז זייגט ער טוי,
ער שנײַדט דעם ווינט, בלאָען רוים
מיט טונקעלע בײַטשן פון די וואָרצלען,
און צווישן שטיינער, איבער תהום,
עס וועט נישט שטאַרבן
דער סאָסנעבוים.

און נאָכגעגאַנגען זענען, פון דער שמאָלער סטעזשקע, פון לעבן די דרײַ קשה־עורפדיקע סאָסנעס, די אויגן פון פאָטער, אויף אַהיימוועגס פון שבת־דאַווענען, מיט ייִדיש־עקשנותדיקער בטחונדיקייט, אַזוי ערדיש זאַפטיק געמאָלן:

עס האָבן דײַנע קלוגע, גראָע אויגן
נישט צולאָזן געוואָלט די אָנונג פון טויט,
און ווי בינען די פעלדער כוואַליקע געזויגן,
וואָס האָבן געשמעקט דורך גרינקייט מיט ברויט.

אַזש ביז „לעצטן דאַך פון דער וועלט, די בערג פון פאַמיר", אין ווינטיקייט פון נע־ונד, האָט געסטײַעט אָט דער סוגעסטיווער כּוח פון ערדישער אײַנגעוואָרצלטקייט און ערדיש־משפּחהדיקער אײַנגעגלידערטקייט, כּדי צו געפינען האַפט אין שטורעם:

ווען כ׳בין איינזאַם און הפקר ווי אַ סאָסנע אין ווינט,
טרינק איך ווי דו אַמאָל דעם ברוינעם טיי,
דעם ביטער־זיסן טעם פון דײַנע ווערטער, פאָטער,
אַיעדן טאָג אויף ס׳נײַ,
אַז כ׳זאָל נאָר קאָנען אויפהאַלטן אין זיך דאָס ביסל גלויבן
אַ טאָג, אַ חודש, צוויי.

ס'זענען אַלץ די זעלבע פּאַטעראויגן און די זעלבע שטאָלצע סאָסנעס, וואָס מיטגעגאַנגען אויף די וועגן פון „דער נע־ונדניצע אָן קלייד, אָן שיך און לאַנד" און אויך געגעבן קראַפט איר וואָרט צו נײַע שיינקייטן און צו נײַע פון טרויער דערהויבענע נאַטור־זעונגען, פּנים־אל־פּנים מיט קאַנאַדער בערג, אין צוק פון מעווישע פּנימער, וואָס אויך זיי טראָגן וואַנדערפּײַן און וועלטעלנט אויף זייערע פליגל.

ס'איז נאָך אַלץ דער וועג „פון יענער זײַט ליד" ווו „אַ סאָד איז פאַראַן" און ווו „עס שטייען דרײַ סאָסנעס און שווײַגן זיך אויס"; „פון יענער זײַט ליד קאָן מײַן מאַמע אַרויס". — אומצעשיידעוודיקייט פון דער גאַלעריע נאַטור און געשטאַלטן — אַט דער פּאָעטישער בעל־כּרחו, דער בעסטער עדות פון מקורותדיקייט און עכטקייט.

און וואָס מער די לידער פון רחל קאָרן ווערן געטרײַ איר פּראָזאַיִשן זאָג און צוזאָג: „מײַנע לידער זענען דער המשך פון איר פּרי פאַרשניטן לעבן":

איך ווייס שוין, אַז פון אַלע רײַזעס צו דעם גליק
דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו ערשטער קינדערטרער.

און וואָס מער זיי אַנטפּלעקן שטאַמיקע געטרײַשאַפט צו דער היים, צו דער סטעזשקע, צו די סאָסנעס און צו דער „שטילער שעה" וואָס האָט „אַרײַנגעפלאָנצט אין מיר דאָס וונדערלעכסטע וואָרט" — אַלץ מער הייבט אויף דער געלײַטערטער טרויער דאָס גרויסזעערישע ליד וואָס סומירט אויף וועלט־פּאַנאָראַמע דעם גאַנצן וואַנדערוועג מיט אַלע נסיונות. רחל קאָרן ווייסט עס אַליין:

דורך דער קאַרגשאַפט פון גורל,
וואָס האָט גענומען די מאָס פאַר מײַן גליק
מיט קמצנישער האַנט,
בין איך געוואָרן אויפגעריכט
מיטן גרויסן עשירות פון לייד.

דאָס איז די „עשירות פון לייד" געזען אין „אינדיאַנער זומער אין קאַנאַדער בערג"; דער צער פון אומקום קליידט זיך דאָ אָן מאַיעסטעטיש, פאַנטאַזיִסטיש אויף „בוים אין אַרעאָל פון גלי" מיט פאַרבן פון שטאָלצער

פיַערלעכקייט „איידער ער פלאַמט אַליין אַריַין זיך אינעם טויט". דאָס איז גרויסע וועלטזעונג מיט ייִדישער קינאה דורכגעשלאָגן:

אַזוי גרייט זיך צום טויט נאָר דער, וואָס לאָזט נאָך זיך ירושה
אַן ערד מיט אוצרות פול, מיט ברייטע, רחבותדיקע פליינען,
און ווייסט, אַז קיינער פון די יורשים וועט נישט זיצן שבעה,
און קיינער וועט נישט האָבן צייַט נאָך אים צו וויינען.

אַלט־ייִדישע אָריענטאַלישקייט ווערט אויך אַריַינגעוועבט אין האַרי־זאָנטאַלן נאַטורבילד פון „פאַלמעס בייַם ים". אַזוי טוען די פאַלמעס:

זיי פלעכטן־צו און פלעכטן־אויף די לאַנגע, שווערע צעפּ,
ס'ווערט גליַענדער די בענקשאַפט מיט איעדער שעה —
פאַרשפּילן זיי זיך מיט אַ מעשה וועגן אַ גרויסן מלך,
וואָס האָט געגומען פאַר אַ וויַיב די טונקעלע מלכּה שבא.

און פון „שיינקייט אייג'נער און פון אָוונט־טרויער" — די פלאַמינ־גאָס. טראָגן זיי נישט אין זייער פאַרגליווערטער סטאַטועדיקייט דעם — נישט אין דעם פאַל בפירוש אָנגערופענעם — ייִדישן טרויער?

זיי שטייען. ווי די פּרינצן פון אַ קיניגרייַך באַזיגטן,
איַינגערעמט אין גלות פון טייַך, דעם זילבערדיקן
זיי שטייען, ווי פּרינצן פון אַ קיניגרייך באַזיגטן,
די אויסטערלישע פייגל פון אַ וויַיטן, פרעמדן לאַנד —
אַזוי געשטאַנען זענען מיר אַ מאָל ביַי בבלס טייַכן,
און ס'האָט געוויינט אויף האַרף די אויסגעשטרעקטע האַנט.

און אָט די „עשירות פון לייד" ברענגט אויך, נאָך דעם טרויער און צאָרן „פון יענער זייַט ליד" ביז איצטער, דעם מאָטיוו פון חסד אין ערשטן באַריר מיט נייַע און אַלט־נייַע היימישקייטן, אויף אָנהייב־וועגן „ווי פון תּנ"ך אַרויס".

אין ראָזלער־גרינע קנייטשן פון די בערג גלילער
האָב איך איצט דערזען אויף ס'נײַ מײַן מאַמעס
חופּה־קלייד,
בײַם רמב"מס קבר אויפגעגאַנגען איז מײַן
פאָטערס שטימע
דורך שטילקייט פון פאַרנאַכט בײַם ראַנד פון טאָג
פאַרזייט.

און מיט מיסטישער אַנגעלאָדנקייט זעט רחל קאָרן די תּחיית המתים־
זעונג פון אונדזערע לאַנדיש־געשיכטלעכע לופטן — אווירא דארץ־ישׂראל:

די שטילקייט איז געוואָרן פול און מעוברת
מיט טויט — און ס'דאַכט, עס האָט זיך אויסגעשפּאַנט
אַ מיטה, ווי דער הימל גרויס, און ס'שפּאַרט די
מיטה אונטער,

האַלט זיך אין דער לופטן כּביכולס האַנט.

אויך כּביכול איז דאָ אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין דער גאַנצער רחל
קאָרנשער געשטאַלטן־פּאַנאָראַמע מיט די ערדישע קענצייכנס פון עול
און אונטערשפּאַרונג. אַזוי קען זי אים אַוודאי נאָך פון יענער דאָרפסהיים־
סטעזשקע בײַ די דרײַ סאָסנעס. פון יענער סטעזשקע, איבער אַלע וואַנדערס
און היימלאָזיקייטן, צייכנט זיך אָן דער וועג:

צום ערשטן, יונגן גראָז, וואָס וועט מיט גרינער שווערד
שפּאַלטן איר רויטע, רויע, נאַקעטיקע ערד,
ווי ס'שנײַדט זיך אין מײַן האַרץ אַרײַן דער אָנהייב
פון אַ ליד.

און לאָמיר זײַן מחולק מיט דער פּאָעטין, לטובת איר ליד, און אין
דעם פאַל פון איר ניין זאָגן יאָ — אַז עס שמעקט נאָך יאָ פון איר ליד
„מיט ווילדמאָן און באַרווינעק". אויך נאָך דעם ווי אויף זיי „איז אויס־

געברענט אַ נומער״... און אין פולער פּאָעטישער קרעפטיקייט מיט נאַטור און מענטשן־סוד באַטרעט רחל קאָרן אונדזער ערד דאָ מיט איר „עשירות פון לייד״ — „פּאַר נייַער מתּן־שירה״.



הנשיא הרביעי לישראל, פּראָפ׳ א. קציר, ראש עירית תל־אביב ש. להט, א. שמרי

אין דראַנג צום גרויסן וואָרט

(וועגן יעקב צבי שאַרגעל און זײַן בוך „זוניקע שוועלן")

דער באַגער צו ליכטיקייט איז תּמיד געווען די אַקס און באַוועג־כּוח אין יעקב צבי שאַרגעלס שאַפן, און דאָך לאָזן זיך אויסטיילן די פֿאַרשיידנקייטן און אַנדערשדיקייטן אינעם ליכט־געוועב פֿון „אין בלויען ליכט" ביז די „זוניקע שוועלן".

אַ מאָל איז עס געווען אַ „מיר", אַ התלהבות פֿון לשון־רבים; אַן אידעיִשע ברויזונג, וואָס האָט זיך געבונטעוועט אין נאָמען פֿון אמת אַקעגן שיינקייט; וועלט־פֿליכט און צײַט־עול האָבן זיך געראַנגלט מיטן לשון־היחיד און אויך נישט איין מאָל געוואָרן שטער און קלעם בײַם ערשטן אויפֿשפּראָץ פֿון פּאָעטישן וואָרט. שאַרגעל אַליין האָט עס אויפֿגעקלאָרט אין זײַן חשבון מיט זיך און מיט זײַן וואָרט:

מײַן האַרץ — נאָך נישט באַפֿרײַט איז פֿון קלעמען,
דאָס גרויסע וואָרט איך האָב נאָך נישט געפֿונען.
כאָטש דאָס ליכט רינט אַריבער אַלע ברעמען,
כאָטש דער טאָג קומט אין טויזנט זונען.

(„ווײ און גלויבן", 1959)

נישט דער לשון־הרבימדיקער „אַלע ברעמען" און נישט די פּילצאָליקע „טויזנט זונען" האָבן דעם דיכטער געגעבן דעם שווונגפּונקט צום „גרויסן וואָרט". ס'האָט געוואָרט ווו אַנדערש, אינו נראה בײַ זיך אַליין, אין קול דממה דקה, ווו „דער הימל הייבט זיך העכער" ווען „דער סוד פֿאַרשליסט אַלע רייד", און ווו נישט „טויזנט זונען", נאָר איין שטראַל —:

אַ שטראַל ציט אַרויף אויפן מאַסט
אַ גרוס דעם באַגין.

(„זוניקע שוועלן", 1968)

*

שאַרגעלס פּאָעטישער אָנהייב האָט זײַן „אלה תּולדות" אין דער פּרשה פון ייִדישס בראשית אין ישׂראל, אין די אַלע חבֿלי לידה פון ייִדיש־פּאָעטישן וואָרט.

די ייִדיש־פּאָעטישע שאַפונגען פון יענער צײַט (אין די צוואַנציקער און אָנהייב דרײַסיקער יאָרן) האָבן זיך נאָך אַלע געפּאַרביקט מיט די בלאָקייטן פון ארץ־ישׂראלדיקער עקזאָטיק, זיך געניגונט מיט וויגעניש און קלינגעניש פון קעמלען. ס'איז געווען די ערשטע דבֿקות אין באַגע־געניש מיטן פּרימיטיוו פון אָריענטאַלע פּאַנאָראַמעס, ווו עס גילדט אויף די זאַמדן און עס בלאָט פון הימל. געווען אין דעם חן און מתיקות, דער טעם פון ערבֿ און איידער, אָבער נישט קיין צוזאָג פּאַר ווּקס און דער־גרייכונג. ערשט שפּעטער האָט אינעם בלאָ און גאָלד פון אָריענטאַלישער שלײַערדיקייט אויך אָנגעהויבן אַרײַנצושאָטענען אַן אַנדערע, מער טונקעלע פּאַרביקייט, וואָס אויך זי איז נאָר געווען אַ שטאָפּל אין קלעטער. איך בין אויסן דעם ברויט־נויט־מאָטיוו, וואָס איז אין דער אמתן — אויב ס'איז שוין לטובֿת ייִדיש געקומען די צײַט צו אַ ניכטערנער באַטראַכטונג — נאָר געווען אַ גילגול פון ווײַטע פּראָלעטקולטישע מאָדולירונגען, וואָס האָבן זיך געפּרוווט אײַנגלידערן, בעל־כּרחו, אין דעם קלימאַט, אין די באַזונדערע געשיכטלעכע פּאָרמירונגען און אין דעם אייגנאַרטיקן טיפּאַזש, וואָס האָט פּאַרענדערט מידבר צו דאָרף און שטאָט. דאָס איז געווען אַן אימפּאָרט, וואָס האָט נישט געקאָנט אויפצײַטיקן נײַ־צײַטיק מיט פּאַרב און קלאַנג אין דער נײַער הוויה פון לאַנדישן הי, אויך אַפילו ווען עלנט און הונגער איז אַרומגעגאַנגען אין לאַנד, האָט ייִדיש דעמאָלט נישט געקאָנט געפינען דאָס לשון פון האַרבסט־טראָפּנס וואָס טריפן אויפן גע־צעלט, ווי ס'האָט עס אויפגעזונגען אין העברעיִשן ליד **אברהם שלאָנסקי**, מיטן טעם פון פּײַן און הייליקייט אויף די פעלדער פון עמק.

בײַם עפענען שאַרגעלס ערשטלינג־בוך „אין בלויען ליכט" (לרובֿ לידער פון די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, דערשינען 1937) קאָנען מיר גע־

פינעו די אַלע שריט און שפּורן פון אָט די חבלי לידה. אויך ביַי אים איז נאָך דער אָריענטאַלישער מאָטיוו אַ שושבין צו דער פאַרקנסונג פון ייִדישן וואָרט מיט דער ישׂראלדיקער אַווירא; די פאַרבן פון דער נאַכט: „זילבערנאַכט”, אָדער: „טוט די נאַכט זיך אָן אין בלוי”; בעדוויִנישע פרויען־רייצן פאַרמישט מיט תּנ״כישע גלוסטעניש, קעמלען ציִען, סטאַדעס שאָף אַרום ברונעם. און אַלץ צו איר, די אָריענטאַלישע יפת־תואר:

פּיַיפט אַ פּיַיפל ביַים זון פאַרגיין:
האַ־האַ, דו ביסט שיין! האַ־האַ, דו ביסט שיין!

נישט אין דעם האָט געזירט דער צוזאָגנדיקער קערן פאַר אַ קוואַלי־טאַטיוון פּאָעטישן ייִדיש. ערשט מיטן דערפילן די אימה פון מידבר, אין קאָנטראַסט צו דעם ערנסטן גרין אויף ייִדישע פעלדער; ערשט אין דערזען די וויי־שאַטנס פון יחיד אין דער זוניקער דראַמע פון כּלל, מיט לשון־יחיד פון מענטשלעכן גורל אין היסטאָרישן געשען — האָט אויך די ייִדישע פּאָעזיע דאָ געעפנט אַ וועג צו אויפשטייג.

דעריבער זעט זיך אַרויס און דעריבער דאַרף מען אָנווייַזן אויף די אַנדערש־פאַרביקייט, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט אַנטפּלעקט אין שאַר־געלס לידער פון איבער די פּרימיטיווע גאָלדן און בלאָען:

„קופּער־רויט טראָגט אָן אַ פאַרנאַכט אויף גאָלד צעגליטן ימיקן זוים” דער האַרמאָנישער פּרימיטיוו הייבט זיך אָן צו ווייַזן מענטשלעכער, סתּירותדיקער, אויך אימהדיקער:

זאַמדן, זאַמדן, זאַמדיקער שליאַך
שלינגען דיַינע טריט, דיַין שלאָף, דיַין וואָך,
חמסינען, סאַמומען, קרייצן דיַין וועג.

אָט די שילדערונג פון מידבר און וואַנדלערישע טריט, איז שוין זייער וויַיט געווען פון לייַכט־לופטיקער עקזאָטיק, און נישט עפּעס אַנדערש, נאָר די חלוצישע עלנט־געפילן צונויפגעפּאָרט מיט די איינזאַמקייטן פון אַ ייִדישן פּאָעט, האָבן דעמאָלט שוין געפונען אָט די וואַנדלערישע געשטאַלט אויפן זאַמדיקן שליאַך, מיט אַ באַהאַלטענער טרער אין דער פראַגע: „ווער באַגלייט דיַינע וואָגלענדיקע טעג?”. ס'איז נאָר געווען אַן עפּיזאָד אין שאַרגעלס שאַפן, ווען אויך ער האָט געפּרווט אָנקליידן דעם בויט־

און־ברויט־מאָטיוו אויף הי, אויף אַראַבישער אָרעמקייט, אויף פעלאַכן און פעלאַכקעס, נאָר־וואָס־געזעענע אָבער נישט דערזעענע. אין די קרייַזן פון יִדיש־ישראלדיקן־שאַפן האָט דעמאָלט געפּרוּווט אָנגיין אַ מין ציון־סאָצ.־רעאַליזם, וואָס זייַן לשון אין דעם פאַל איז געווען אַ סאָציאַל־סטאַטיסטישער:

ס׳וואַקסט אייַער דלות אין אויסגייענדיקן דאָרף,
ווי ס׳וואַקסט דער מס, דער מעשׂר אָן צאָל

אָדער:

די לעצטע ציג האָט צוגענומען דער עפענדי פאַרן חוב

דאָס זענען אַלץ געווען פאַרשפּעטיקטע פּראָלעטקולטישע נוסחאות, אָן סובלימירטער פּאָעטישער בילדלעכקייט און אָן הומאָנער, אינטימער זעונג. נישט אַנדערש איז אויך געווען דער נסיון צו ווייַזן די נאָר־וואָס אַנטשטאַנענע יִדישע שטאָט, ווי: „אַ מיידל פאַרלויפט מיט פרישע צייַטונגען דעם וועג", ווי: „אויטאָס לויפן אָן ווי אויף פאַראַדן". דאָס זענען אַלץ געווען פּראָטאָקאָלירונגען, סאָציאָלאָגישע אמתן, וואָס האָבן אַרויפגעוואָרפן „קלעמען" אויף די שיינקייטן פון שאַפעריש־דמיונדיקן „ליגן", וואָס איז תּמיד דער תּנאי פאַרן אמת פון „גרויסן וואָרט".

אָבער שוין דעמאָלט לאָזן זיך הערן ביַי שאַרגלען די עכטע מענטשלעכע טענער מיט פרומע יִדישע מורמלערייַען, וואָס האָבן זיך בקול דממה דקה אַרייַנגעזונגען „אין בלויען ליכט", כּדי ווען ס׳איז, לויטן געבאָט פון פּאָעטישער באַשערטקייט, זיך דערזינגען צו דער בלאָ־ליכטיקייט אינעווייניק, אין אינטימען קער און ווענד צו די „זוניקע שוועלן".

אַזאַ איז דאָס ליד „ווען דער מאַנדל האָט געבליט". די ווייַסקייט פון מאַנדל געפינט דאָרט איר פאַרגלייַך אין דער ווייַסקייט פון חרמון. די ליכטיקייט פון דער זון — מיט באַשיידנקייט פון „בלייַך און קאַרג" און מיט דעם צימצום פון אַן איינציקן שטראַל וואָס האָט „אינעם טאָל זיך צעשפּילט".

אַזוי האָט אויך שאַרגעל, אין ליד „אויפגעשייַנט" דערזען דעם טאָג, אַ סך רייַכער ווי די איַינגעוויגטע מיזרח־בלאָען, אין אַ ליכט וואָס איז דורכגענומען מיט חומש־אַסאָציאַציע פון עקדה־בילד בימי אברהם אבינו:

און דו ביסט אַנגעלאָפּן שטראַליק, ווי אַ ווידער
מיט הערנער־ליכט — אַ פֿײַערדיק געשטאַלט.

און אויך אַזוי היימישלעך, פּרום, ייִדיש־מעסיק, האָט די ישׂראלדיק־חלוצישע אָרעמקייט, מיט איר קדושה־געפֿיל צו ברויט, ווײַל: „מוציא לחם מן הארץ", אויך געפֿונען איר שטיל־הימניקן אויסדרוק אין דעם אופֿן פֿון זײַן זען „יעדער טאָג":

מײַן יעדער טאָג איז אַ רויער ערב יום־טוב.
— — —
מײַן יעדער טאָג איז אַ שטומער ערב־שימחה.

פֿון אָט די דין־געוועבטע און פּרום־מורמלענדיקע לידער פֿירט דער וועג צו די „זוניקע שוועלן", צו דער רײַפֿער אײַנגעהאַלטנקייט אויפֿן וועג צום „גרויסן וואָרט", און טאַקע מיט אָט דער נײַער לידערזאַמלונג „זוניקע שוועלן" האָט יעקב צבי שאַרגעל, — מיט און טראָץ זײַן טרײַקייט צו די אײַנגעפֿונדעוועטע עיקרים און מאָטיוון פֿון זײַן ישׂראלדיק געזאַנג במשך יאָרצענדליקער, — אַ ווײַטן שפּרײַז געטאָן און באַוויזן זײַן ליד מיט אַנטפּלעקונג פֿון פּאַרטיפֿטער אייגנקייט און מיט באַרײַכונג פֿון אויסדרוק, וואָס זאָגט צו נײַע שטחים און פֿאַרמאָסטענע טריט.

*

נישט די „טויזנט זונען", נאָר דער אייניציקער שטראַל, וואָס שיידט אָפּ טאָג פֿון נאַכט און ווײַזט אָן אין דער זעלבער צײַט אויף דער דער־וואַכנדיקער ערד און אויפֿן ליד־געבורט אין זינגערס האַרץ:

אַ שטראַל ציט אַרויף אויפֿן מאַסט
אַ גרוס דעם באַגין
און אַ זיסקייט, איר לאַסט —
טראָגט די ניגונדיקע בין.

ס'איז אַ קוים־קוימיקע, דינע זעונג, וואָס הייבט אַרויס פֿון זיך דאָס פֿאַרנעמיק האַריזאָנטאַלע. ס'איז די שפּיל פֿון שטראַל און מאַסט, וווהין עס וועבט זיך אַרײַן דאָס הומאַנע, דער מענטשלעכער „גרוס" צום טאָג וואָס הייבט זיך אָן מיט חסד פֿון הימלען און מיט מי פֿון בן־אָדם. ס'איז

די זיסקייט און לאַסט אין איינעם, וואָס עס טראָגט די „ניגונדיקע בין״. ס׳איז אַנטפּלעקונג פון דער וועלט־הוויה, צוזאַמען מיט זיך אַליין. די סתּירות צווישן שיינקייט און אמת ווערן דעמאָלט בטל ומבוטל, ווײַל אויך דאָס ליד איז אַ טייל פון דער וועלט־הוויה, און:

לערן בײַ די לידער
וואָס עס זינגט דער באַשאַף

ליד און באַשאַף, ליד אין באַשאַף — זייביידע אַנטפּלעקן זיך צום דיכטער אין פרי־מאָרגן — זײַן שעה. מיט איר האָט זיך שאַרגעל פאַר־קנסט פון די ערשטע אָנהייב־טריט פון זײַן ליד און נישט פאַראַן אין דעם קיין צופאַל. יעדער פּאָעט האָט זײַן שעה. פאַר וועמען דער בין־השמשות און די זון אָפּוועגס איז אַ מעדיום צו אַנטפּלעקן די אבדות פון יוגנט און קינדהייט; פאַר וועמען האַלבנאַכטיק לבנה־ליכט איז נאָך אַלץ אַ דויערנדיק בת־קול פאַר פאַרשפּעטיקטע סערענאַדעס, מעג זײַן אין דור פון פלי צום הימל און סטריפּטיז אויף דער ערד; און ווער עס האַלט זיך אויך אָן, נישט אַוועק צו רירן פון די קאַלענדאַרן און ווײַזערס, כּדי דאָס וואָרט זאָל גיין פּינקטלעך פּאַראַלעל, רעפּאָרטאַזשיק נאָענט, מיטן סאַמע לעצטן — — — שאַרגעלס אויסוואַל האָט צו טאָן מיט דער שעה וואָס האָט באַלויכטן דאָ די ערשטע טריט זײַנע אין מזל פון דערוואַכונג. דאָס איז די אמתע פאַרב פון זײַן אינעווייניקסטער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך דורכגעשטאַרליקט פון „אין בלויען ליכט״, דורך „ווי און גלויבן״ צו זײַנע איצטיקע אינטים־ליכטיקע לידער.

דאָס איז אַ דערגיין דורך געראַנגל, אין דראַנג צום גרויסן וואָרט; לאַנגע חבלה לידה פאַר מזלדיקער באַשערטקייט. שלעכט איז מיט דעם קינסטלער וואָס איז נאָר איין מאָל געקושט געוואָרן פון זײַן מלאך, אָן ראַנגלענישן מיט אים, ווי יעקב אויף זײַן וועג. און נישט נאָר מיט אַ מלאך דאַרף מען אין גאַנג פון יצירה זיך ראַנגלען, כּדי צו דערגיין צו נצחון. אין יעדער יצירה קומט תּמיד דער נצחון נאָר נאָכן זיג איבער זיך אַליין. די שפּורן פון אַזאַ געראַנגל און די באַלוינונג דערפאַר, קאָן מען געפינען אין אַ סך, אַ סך לידער פון י. צ. שאַרגעלס נײַער זאַמלונג.

מײַן צעשטורעמט האַרץ, אין פרײַע טענער, שטילע,
זינגט אַ לויב צו אַלץ וואָס איז פאַראַנען.

די פײַנען פון דער וועלט אײַלן זיך איצט נישט צו מיט בונטאַרישע קעגנס:

טויען פון עלנטע טערעבינטן
טריפן אַרײַן אין דײַן שווײַגן — — —

און אָן אַ שמץ פון יענעם פּרימיטיוון ברויט־נויט גראַם, ווייסט איצט שאַרגעל, אַז:

נישט נאָר ברויט —
בעט מײַן תּפילה עס זאָל געראָטן

אין רעגיסטער פון שאַרגעלס פּײַן־זעונג זענען איצט די בענקשאַפטן וואָס לייגן זיך ווי שאָטנס, מיט שטומע באַגערן, מיט נישט־אויסריידעכצן אין וואָרט און אין בריוו פון מענטש צו מענטש, מיט שמייכלען, מיט קאָלירן און ריחות — אָט די אַלע פאַרבאָרגענע עמאָציעס פון דורכלוי־פיקע רגעס אויף זײַטוועגן, וואָס זיי זענען וועלט און אייביקייט, אויב מען קאָן זיי דערזען און דערהערן. דאָס זענען יענע וווּנדערלעכע קליי־ניקייטן, וואָס פון וועגן זיי האָט רילקע געלערנט יונגע פּאָעטן דעם געבורטסוועג פון וואָרט; ווי צו פילן אין קליינע פּאַסירונגען קאָסמישן געשען: ווי אין שאָטן־ציטער פון אַ גלאָז ווידער פילן דער מאַמעס האַנט בײַם דערלאַנגען אַ גלאָז טיי; ווי צוקאַפּנס בײַ אַ גוסס באַנעמען דאָס תּוכיקע פון ליד; ווי אין קלאַפּ פון אַ שכן אויף יענער זײַט וואַנט — הערן די תּפילה פון מענטש צו מענטש אין דער גרויסער תּפיסה; וועלט. אָט דאָס מיינט הומאַניזם אין ליד.

אויך דער ייִדישער באַנעם אין י. צ. שאַרגעלס ליד האָט זיך באַרײַכערט מיט צימצומדיקן אויסדרוק, מיט דער הילף פון היסטאָרישער אַסאָציִאַציע און ייִדיש־שטײַגערישן אידיאָם, וואָס ביידע קאָנען ריידן צו זיך אויף דו אין דעם אַלט־נײַ אויפגייענדיקן לאַנד.

זי, די ווײַטע ייִדישקייט „מודה אני'ט מיט אים צו דער פרי", און גלײַכצײַטיק זעט ער אין דער לאַנדיקער פּאַנאָראַמע: „צוויי גייערס מיט איין שטעקן טרויבן" — דער גאַנג פון מרגלים נאָך דער פרשה פון יציאת מצרים. און אויף עדולם שפּרייט זיך אויס „דאָס געשאָכטענע שווײַגן פון ווידער", ווי בײַ דער עקדה. די אַסאָציִאַציעס און אידיאָמען

וועבן זיך אַרײַן נאַטירלעך אין דעם איצט און דאָ, אין יש פון יִישובים, מענטשן און געוויקסן. זײ באַפרײַען אויך די דאָ־און־איצטן פון די טרוקענע רעאַליע־שטאַנצן און גיבן זײ צו אַ טיפערע דימענסיע.

אַזוי און נישט אַנדערש דאַרף זיך פעדעמען דאָס ליד וואָס וויל זײַן אי אמת אי שײן — מיט צײַט און איבערצײַט, מיט יש און דאַכטעניש, מיט וווּנדער פון פשוטע זאַכן און מיט שטרעקן די הענט צו פאַרהוילענע ש״י עולמות.

גוט ווען מען קאָן זאָגן צו דער מילגרוים־פּרוכט: „תרי״ג טײלן טראָגסטו אין זיך״. אַזוי קאָן נאָר זאָגן אַ יִידישער פּאָעט בײַ זײַן בוים אין לאַנד פון מתּן תּורה, בײַם זען און דערזען סיני־און סנה־פאַרבן אין דער פלאַמיקער קאָליריקײט פון מילגרוימס יאָדערן. גוט וואָס יעקב צבי שאַרגעל האָט אויך נישט פאַרגעסן דעם „קופּעררויט״, זײַן זכות־הבכורה־דיקע פאַרב אין דעם בלאָ פון זײַנע ערשטע לידער. איצט לײַכט דער קופּער־רויט אין אַ פאַרנאַכט פון חסד. דער וואָגלער אויף זאַמדן, בײַ וועמען ער האָט אַ מאָל געפרעגט: „ווער באַגלײט דײַנע וואָגלענדיקע טעג?״, קומט איצט אָן נאָך אַלע עלנטן און יִדיש־אײנזאַמקײטן, מיט ערב־יום־טובדיקער שׂימחה פון דערגרײכן און באַלד געפינען:

כ׳בין דאָ, מײַן אָרעם־בוים, כ׳בין דאָ
אין אַ שעה אַ ליאַדע — — —

דאָס איז יש פון צײַט און אָרט, טרעפונג פון מענטש און פלאַנץ „אין אַ שעה אַ ליאַדע״ מיט ערב־יום־טוב־חסד פון זוניקער התגלות, מיט מזל־ברכה פון אויסגעראַנגלטער באַשערטקײט.

און אַלץ דערפאַר, ווײַל יעקב צבי שאַרגעל האָט אין ראַנגלעניש מיט זײַן מלאך אויסגעפונען דעם סוד פון פּאָעטישן וואָרט, ווי ער זאָגט עס:

דאָס בילד ליגט טיפער פונעם טײַך
און קוקט פון דאָרטן אַרויף צו דעם ממש

דאָס איז נישט נאָר נוגע דעם עבר און די געשטאַלטיקײט פון דער שטוב־מיליע, אַזוי איז אויך דאָס וועלט־בילד בכלל. די דערקענונג פון טיפערן בילד איז אויך דער שליסל צום טיפערן וואָרט, וואָס מאַכט

העכער דעם ממש. אין די ראַמען פון דעם פּאָרטיפּטן בילד זעט זיך אויך אַרויס דער „אָרעם־בוים" אַריבער די שוועלן פון אינטימער, באַזוניקטער היימישקייט. ער ווינקט מיט צוזאָג אויף פּירות וואָס טראָגן פאַרהוילן „תּרי״ג טיילן" און נײַע עשירותן פון רײַפער פּאָעטישער יצירה. דאָס איז דער שכר פאַרן גאַנג צו זיך, צו די אייגענע שוועלן.

דאָס „גרויסע וואָרט" צו וועלכן דער פּאָעט האָט געבענקט און געצילט, מיט זעלבסט־באַוווסטקייט, אַז „איך האָב נאָך נישט געפונען", האָט זיך איצט אַנטפּלעקט, נישט „מיט שאַלונג" און נישט דאָ ווו „בשורה קלאַפּט שוין אָן אין אַלע טירן" (אין ליד „איך ווייס", אין בוך „ווייַ און גלויבן", 1959), נאָר שטיל־שטיל, אויף די אייגענע שוועלן, מיטן טראָט צו זיך, מיט דער זוניקער התגלות אין אינטימען תּחום.

אחריות און חן

(פון „אין בלויען ליכט" ביז „האַרבסטיקע טרויבן")

...אין ערב שבועות תשל״ז האָט יעקב צבי שאַרגעל אויפגעשריבן אויף זײַן בוך עסייען „פון אָנהייב אָן" אַ ווידמונג פאַר מיר, בזה הלשון:

דאָס וואָרט וואָס מיר היטן אָפּ פון כל הבייזס
און פירן עס צו דער ליכטיקער שיַין
מיט אחריות און מיט חן

האָט זיך מײַן חברישער ליטעראַרישער יצר־טוב פאַרהאַלטן ביי אָט די צוויי ווערטער: „אחריות און חן" ווי בײַ צוויי עיקרדיקע מצוות פאַר יעדן שעפערישן מענטש, ובפרט פאַר אַ דיכטער.

דער זיווג צווישן אָט די אייגנשאַפטן איז גאָרנישט אַזוי פּשוט. —

אחריות האָט צו טאָן מיטן ברייטן שליאַך, מיטן אָביעקטיוון חשבון, מיטן חוב צו דער צײַט. דאַקעגן חן האָט צו טאָן מיטן אינטימען, מיטן זײַטנוועג, מיטן אינו־נראהדיקן, מיטן סאַמע יחידישן און איבערצײַטיקן.

איז עס אַ שטח פאַרן ויתרוצצו אין יעדן דיכטערס האַרץ, און אַוודאי און אַוודאי פאַר אַ דיכטער אין ישראל, וואָס איז טיף־טיף אַרײַנגעקנעטן אין ישראלדיקן שטייגער.

ווײַל ווי דען אַנדערש קאָן אַ ייִדישער דיכטער אין ישראל אויס־וואַרעמען זײַן וואָרט אויב נישט מיט אחריות צום כלל, מיט קשר צו אַלץ וואָס געשעט און פאַרלויפט, און ווי קאָן אַ דיכטער אויך אָפּהיטן דערבײַ דאָס ערדישע, דאָס אינטימע, דאָס עקזאַקטדיכטערישע, וואָס מיינט בקיצור: — חן?

דער מיין זײַנער איז אַוודאי געווען: די חברישע שותפות אויפן געביט פון ייִדישן וואָרט, ווי שרײַבערס, ווי רעדאַקטאָרן. אָבער דער זיווג פון די צוויי ווערטער, האָט געבוירן נאָך אַ מיין, אַ מחשבה אַז אחריות און חן זענען די צוויי אייביקע באַשערטע אין לאַנגיאָריקן גאַנג פון יעקב צבי שאַרגעלס יצירה און אַז אויך זײַנע אינערלעכע שעפערישע געראַנגלען גייען אין פאַרמעסט צווישן אחריות, וואָס מיינט אָביעקטיווער חוב צו רשות הרבים, און חן, — דעם פערלדיקן יחידישן סוד, דער אבן־חן פון דיכטערישן שאַפן.

*

נישט אַזוי לײַכט פאַרן זיך צונויף דער רשות־הרבים מיטן רשות־היחיד אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דיכטערישן שאַפן. אַ וואָגשאָל וויגט זיך צווישן אָט די צוויי עלעמענטן אַרויף און אַראָפּ בײַ יעדן וואָס איז ווערט דעם נאָמען פּאָעט.

אויב מיר ווילן אַ בײַשפּיל פאַר דעם אָ מוסטער, איז גענוג צו זען און פאַרשטיין צוויי פראַגמענטן בײַם דיכטער דוד האָפּשטיין:

איינס: אַ חן־ליד, אַ ליד פון סאַמע שטילקייט; אַ גרויסע וועלט אין מיניאַטור: אַ ליד וועגן „אַ שפּענדעלע" —

דו, קליינינק שפּענדעלע, דו איינס,
דו קום מיט מיר, איך דאַרף אַזוינס,
דו ביסט מיר האַרציק טײַער!
איך דאַרף קיין סך, איך דאַרף נאָר איינס —
אַ קליינינק שפּענדעלע אַזוינס —
צו בלאָזן פײַער.

און בײַם זעלבן פּאָעט, דוד האָפּשטיין, אַ ליד, מיטן פּנים געווענדט צום רשות־הרבים: „צווישן וואַלגערשטיינער" —

װאָס בין איך, װאָס באַטײַט איך אײנער,
װאָס טראָגט זײַן לעבנס־ליכט מיט שטילן ציטער?

און אָט איז דאָס בילד פון דער צײַט, פון רשות־הרבים:

דער ים דערוואַכט אין זודיקן גערודער,
עס שטײַגן שטראָמען פון די אויפגעריררטע טיפן,
װאָס איז ער איצט, מײַן אויסדערווײלטער רודער,
דער העכסטער זעגלבוים אויף מײַנע שיפן?

זעען מיר דאָ אַ ויתרוצצו צווישן קול דממה דקה, דאָרט ווו עס פינקלט דער דימענט פון חן און דעם שטורעם פון שטראָמען, וואָס מיינט די צײַט, דעם שער־הרבים, וואָס מאָנען אחריות בײַ די הויכקייטן און אויסדערווײלטקייטן אין נאָמען פון מענטשלעכע יסורים.

און אין יעדער אמתער דיכטונג וועלן מיר געפינען אָט דעם פאַרהער און אָט דעם געראַנגל און פאַרמעסט — — און אויב דער דיכטער איז מצליח מזווג צו זײַן אחריות מיט חן, געדאַנק מיט געזאַנג, חלום מיט וואָר, דאָס בולטע פון דער צײַט, מיט די סודיקייטן פון אַלע צײַטן, וואָס מיר רופן אײביקייט — דעמאָלט זענען מיר זוכה צו אַ העכערן שטאַפּל פון יצירה.

ווען מיר עפענען יעקב צבי שאַרגעלס ערשט ליד אין ערשטן בוך; „אין בלויען ליכט", (דערשינען אין תל־אביב 1937) — הערן מיר גלײַך דעם טאָפּלקלאַנג, סײַ פון „גלעטנדיקע, מורמלענדיקע רייד", אַ זעונג פון „אַ ווײַטן בלאָ"; אָן אײַנגעהערטקייט צו „אַ באַצערטן פײַפל־קלאַנג" — — אַלץ חן־פינטעלעך פון חלומות, וואָס צו זיי, איבער זיי און אַקעגן זיי, שטעלט זיך גאָר אָן אַנדערע מידברדיקע זעונג:

זאַמדן, זאַמדן, זאַמדיקער שליאַך
שלינגען דײַנע טריט, דײַן שלאָף, דײַן וואָר,
חמסינען, סאַמומען קרייצן דײַן וועג.

מדבר, מדבר, מדברדיקער גאַנג, —
עס ציט אין האַרץ אַן אומעט אַזוי באַנג:
ווער באַגלייט דײַנע וואָגלענדיקע טעג?

אַט דאָס ליד הייבט זיך אָן מיטן שלווה־געפיל אין אויסבליק צום ים און ענדיקט זיך מיטן אומרו און מיטן געפיל פון איינזאַמקייט אויפן פּאַן פון מידבר — אוןביידע געפילן זענען אמת און ביידע געפילן זענען אָנגעקליידט, פּאַסיק אָנגעקליידט אויף דער טאָפּל־לאַנדשאַפט פון ישראל, אויף מידבר און ים.

כ׳האָב דעמאָלט געשריבן אַ קליינע אָנפאַנגערישע באַהאַנדלונג וועגן שאַרגעלס „אין בלויען ליכט״ און ביים מישפּטן די צוויי עלעמענטן: שלווה און אומרו — האָב איך געגעבן זכות־הבכורה דעם עלעמענט פון אומרו און פון יסורים. כ׳האָב עס דעמאָלט פאָרמולירט: וואָס מער ווייטיק — אַלץ מער קינסטלערישע דערגרייכונג.

און פאַר וואָס אַזוי? ווייל כ׳האָב מורא געהאַט פאַר דער עקזאָטיק אין יידישן שאַפן. און פאַר צופיל „התקווה״ אין יידישן שאַפן. יידיש האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט די ערשטע האָניקיאָרן מיט ארץ־ישראל, ווי אַ טעמע, ווי אַ נייער מאָטיוו אין יידישן לשון, און דאָס אַנטפּלעקן ארץ־ישראל איז געווען פאַרבונדן מיט הנאה פון גאָלדענע זאַמדן, פון בלויע הימלען, פון פּיַיפּל־קלאַנגען און אפילו פון התפּעלות פאַר בעדויִנישע פאַסטעכער און קעמלטרייַבער. בקיצור: אַ ראָמאַנטישער טעפּעך אויפן פּרימיטיוון פּאַן פון דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט...

גאָר אַ טשיקאַווע זאַך פאַר יענער תקופה, ווי אַזוי אין יידיש האָט אַרייַנגעטאַנצט אַ בעדויִנישע חתונה: „אַ חתונה אין קאַטראַ״ — יעקב שטאָל, זכרונו לברכה, אונדזער גוטער חבר, וואָס איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ גרויס קינד מיט בלויע אויגן אונטער בלויע הימלען און געמאָלן און געזונגען וועגן פייגן און שלאַנגען און אַרבוזן מיט יידישע ווערטער, און געהאַלטן אָפּן זייַן טיר: „קומט אַרייַן, כ׳האָב ברויט און קעז און וויַין״ — אָן אָנגענעמע אידילישקייט אָן חלוצישער העזה און אָן דיכטערישער דינאַמיק, נייַערט מיט אָן אומעט וואָס אמתע בירגער קאָנען זיך דערלויבן.

אין יענער צייַט איז שוין אין דער העברעיִשער פּאָעזיע געווען חול־המועד. ביי שלאָנסקין האָט מען שוין געהערט די האַרבסטיקע טראָפּנס רעגן אויפן געצעלט פון איינזאַמע חלוצים. ביי אורי צבי גרינבערג האָט מען שוין געזען די אַלטע יידן־אימה באוירא דארץ ישראל. די ערשטע באַגייַסטערונגען פון שאָסיי־פּלאַסטערער ביי שלאָנסקין און די ערשטע מאַניפעסטירנדיקע ברויזונגען פון מלכי העמק ביי אורי צבי גרינבערגן האָבן

זיך שוין מער געניגט צו וויַטיק און צו האַרבסט געפילן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט אַלע ווינטן פון אומעטום און אויך פון אונדז אַלעמען און פון זיך אַליין בײַ דער אינערלעכער קאָנפראָנטאַציע צווישן אידעען און ווירקלעכקייט, און געווען אין דעם מענטשלעכער און קינסטלערישער אמת.

דערפאַר האָב איך געזוכט אין ייִדיש דעם קער און ווענד קעגן דער לײַכטער ראָמאַנטישער בלויקייט און געזען „אויב נישט נאָך העכער" אַלץ אין דעם אומרו, אין די ווײ־מאָטיוון, וואָס זענען תמיד פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער באַשערטקייט און אַוודאי און אַוודאי, פון אייביק ביז אייביק, מיט אונדזער ייִדישער גורלדיקייט, וואָס איז מער חבלי־גאולה ווי די גאולה אַליין.

מיר האָט אויך אויסגעדאַכט דעמאָלט, אַז די פרייד מיט אַ ישראלדיקן בוים און מיט אַ ישראלדיקער בלום איז אַ סך טיפער און אמתער, בעת מען פילט די ווײַטע יניקה, וואָס יעדער בוים און בלום, בײַ אונדז דאָ, ציט פון די ווײַטע ייִדישע קוואַלן אומעטום. — און דערפאַר האָט מיר שוין דעמאָלט געלאָקט אין שאַרגעלס ערשטלינג־ביכל־לידער אַזעלכע שורות ווי:

> דײַנע וואָגלענדיקע טעג צעזען פאַראומערט
> אין טריט פון קאַראַוואַנען

וואָס זענען געווען ווי אַ סימן פון אומרו. און אויב ישראלדיקע, ארץ־ישראלדיקע געפילן — האָט מיך געפרייט דער פאַרגלײַך פון אַ מאַנדל מיט אַ באַרג:

> ווען דער מאַנדל האָט געבליט ווײַס ווי חרמון־באַרג

דאָס איז אַן אמת ייִדישלעכע אַסאָציאַציע פון מאַנדלען מיט שניי, געבערענגט פון דאָרט, און אָנגעטאָן דאָ אויפן גוף פון דער ארץ־ישראל־דיקער לאַנדשאַפט. פונקט אַזוי היימישלעך ייִדישלעך האָט מיר אויסגע־זען זײַן זאָג:

> מײַן יעדער טאָג איז אַ רויער ערב־יום־טוב.
> איך באַק און קאָך און ראַם, ווי מײַן מאַמע אין
> גוטער צײַט.
> איך פּראַל־אויף די טירן פון מײַן אָרעמער וווינונג,
> ווי ס'פלעג טון מײַן טאַטע און אַלע פרומע לײַט.

און ענוודיק, גאַר ייִדישלעך, האָט מיר אויסגעזען די שורה:

מײַן יעדער טאָג איז אַ שטומער ערבֿ־שמחה

אין די אַ שורות האָט מען געהערט אַ ייִדישלעך ארץ־ישראל מער ווי אין איבערגעבן די ריטמען פון האָראַ־טענץ, ווײַל מען האָט פון זיי אַרויס־געהערט סײַ דעם שטייגער פון אונדזער אָרעמקייט אומעטום ווי אויך דעם אומעט און די טרייסט, בטחון פון דער חלוצישער פּראַצע; פון אהבת ארץ־ישראל און עם ישראל אין איין זיווג פון אחריות און חן...

שיִער שיִער איז דעמאָלט די ייִדישע פּאָעזיע אין ישראל געשטאַנען פאַר דער סכנה פון פּראָלעטקולטישע השפּעות, פאַר פּאַרטײיִשע רעזשיסו־רן. מען האָט אַ סך גערעדט בלשון אנחנו, מיר. מען האָט אָנגעהויבן צו פיל רעדן אמת און מען האָט פאַרגעסן, אַז... מיטב השיר איז הכזב שבו, וואָס אויסן איז מען דערמיט, אַז דאָס עיקרדיקע אין ליד איז דאָס דמיונדיקע, נישט די פאַקטן פון דער וואָר, נאָר די סיטואַציע פון חלום, וואָס איז די וואָר פון ליד.

יענע תקופה האָט אויך געהאַט איר גראַטעסיק: „קום אין שטיוול". דאָס איז געווען אַן אַלטער וויכוח אַרום פּאָעזיע, צי זי איז בלויז קאַפּירונג, אַ טייל פון געשיכטע, אָדער בלויז די נשמהדיקע איבערלעבונג פון דער געשיכטע. ס'איז אַ וויכוח פון אַריסטאָ און פּלאַטאָ ביז באָדליער און פּאָל וואַלערי און דער גענעראַלער ליניע פונעם סאָצ. רעאַליזם מכוח פּאָעזיע וואָס איז נישט גרייט צו שטיין אין דינסט פון טאַנדייטעכטס אויפן געביט פון קולטור.

פאַר מיר אַליין איז אַ חוק ולא יעבור דער כלל, אַז פּאָעזיע מיינט די באַוועגונגען אין מענטשס נשמה. אין דעם איז דאָ אַלץ, אויף וויפל דעם דיכטערס פּערזענלעכקייט איז אינטעלעקטועל פּעיִק אויפצונעמען אַלץ וואָס אַרום אים געשעט, סײַ רשות הרבים און סײַ דאָס סאַמע יחידישע, סײַ די פאַקטן און סײַ דאָס נישט דערזעענע און קוים דערהערטע וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין סוד, אין רמז, אין חלום.

דער חלום אין פּאָעטישן שאַפן איז פּונקט אַזוי רעאַל ווי די ווירק־לעכקייט. און כדאי וועגן דעם צו דערציילן דאָ אַ מעשה שהיה צווישן איציק מאַנגער דעם בעל־חלומות און א.מ. פוקס, דער סאַמע שורשדיקסטער רעאַליסט.

ס׳איז די מעשה מיט דעם פּאַלאַץ, דעם בעל חלום נוסח סינדערעלאַ, לאַכט פוקס ביים העפּי־ענד און קלערט־אויף מאַנגערן: און ווו איז די פּאָליצײַ? אָבער מאַנגער האָט וויניק־וואָס אַרײַנגעקלערט אין דער פּאָליציי, ווײַל ער האָט דאָך געגלייבט, אַז „קיין טראָפּן שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן״...

פון אַזאַ מאַנגערישן פּסוק הערט מען אַרויס אמונה. אמונה אין מענטש, וואָס דאַרף האָבן די שיינקייט: און מיר ווייסן, יעדער איינער פון זײַן אינטימען נסיון, אַז דאָרט ווו די שיינקייט איז נישט פאַראַנען — חלומט מען זי אויס, און דער חלום איז דעמאָלט רעאַל, ווײַל ער ענטפערט אויף די נויטן פון אונדזער בלוט און פלייש, אויף אונדזערע מאַנגלען.

און אפשר איז דאָס איינער פון די סודות פון פּאָעטישן שאַפן, דאָס וואָס די פּאָעזיע זינגט־אויס וואָס אַ מענטש קאָן געוויינלעך נישט דעררעדן. די פּאָעזיע טוט עס מיטן לשון פון רמז און מיט צווישן־פאַרבן וואָס דערמאָנען און זאָגן אָן, און זענען די בריק צווישן פאַרגעסענעם און צווישן דעם נאָך־נישט־פאַראַנענעם.

דאָס שיינע אין שאַרגעלס ליד און די דערגרייכונג אין זײַן ליד, וואָס ער האָט גובר געווען אין זיך די סאָצ.־רעאַליסטישע באַשטעלונג, ווי זי איז געווען אין דער מאָדע אין די אָנהייב־יאָרן פון ייִדיש אין ארץ־ישראל, און געפונען דעם וועג צו פּאָעטישער עכטקייט, וואָס מוז גאָרנישט זײַן אין סתירה צו עטישער אחריות.

י. צ. שאַרגעל דערציילט אין זײַן בוך „פון אָנהייב אָן״ וועגן דניאל לײַבל — אַלעקסאַנדער, וואָס האָט געוואָלט דעמאָלט, אין ארץ־ישראל „פאַרפלאַנצן און פלעגן אַ ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור״. ער האָט אונדזערע דיכטער „געלערנט די כּללים פון ציוניסטיש־מאַרקסיסטישן ליד״. און אויב שאַרגעל אַליין זאָגט, אַז דאָס האָט „געפירט און פאַר־פירט!״ מיין איך, אַז מען דאַרף בענטשן הגומל, וואָס ייִדישע פּאָעטן האָבן געפונען אין זיך גענוג כּוח זיך צו באַפרײַען פון אָט דעם פּאַטענט אין דער פּאָעזיע, וואָס איז אויסן געווען אין נאָמען פון אחריות צו פּטרן אין פּאָעזיע איינע פון אירע עיקרדיקע באַרופן: די טראָפּנס שיינקייט און חן, וואָס טאָרן נישט פאַרלוירן גיין אויף דער ערד. — ווײַל פון זיי שײַנט אַרויס דער מענטשלעכער גײַסט וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן די ברוטאַלע צײַטן מיט זייער געפילדער און מיט קולטור־וואַקואם...

די טראַפּנס שיינקייט קאָנען נישט מוותר זײַן אויפן חלום פון מענטש.

צו אַט די טראַפּנס רופט שאַרגעל אין זײַן בוך „טויערן אין די בערג" אין ליד „קום":

קום און נעם צונויף
די טראַפּנס טוי וואָס ליגן
אויף מײַנע שלאָפנדיקע וויִעס,
איידער די זון קומט אַרויס...

„שלאָפנדיקע וויִעס" און „איידער די זון קומט אַרויס" מיינט בקיצור חלום... און שאַרגעל צייכנט אין זעלבן ליד אָן די פּרטים פון פּאָעטס באַרוף און פון דעם פּאָעטס עבודה:

קום און קלויב צונויף פון אַ שטערן דעם בליאַסק
און פון אַ פויגל דעם טרעל
און פונעם טײַכל דאָס פּלוישן,
איידער ס'ווערט ליכטיק,
העל,
איידער ס'ווערט מאָרגן.

אָט דאָס חנעוודיקע ליד האָט אויך צו טאָן מיט שבועות:

ס'איז איצט שבועות נאָך חצות.
יעדעס אות אינעם חומש
ווי די זאַנגען אינעם רבינס טײַטש רוישן.

וואָלט שאַרגעל פאַרבליבן בײַ די פּאַטענטן פון ציוניסטיש־מאַרקסיס־טישן ליד, וואָלט ער די זאַנגען פון רבינס טײַטש נישט דערהערט און די אַלע חן־פּינטעלעך פון פּאָעטישן באַרוף נישט באַנומען. אין דעם ליד מישן זיך צונויף חדר־זכרונות מיט מגילת רות, און אידיליעשקייטן פון מגילת רות מיט פּאָעטישער צירונג וואָס איז עכט. און אַזעלכע גראַטעטענע עלעמענטן פון נאַטור און געשטאַלטיקייט געפינען מיר אין אַלע ביכער פון יעקב צבי שאַרגעל, אָנהייבנדיק פון זײַנע „זוניקע שוועלן", דורך „טויערן אין די בערג" און אין נייסטן לידערבוך: „האַרבסטיקע טרויבן".

זיין בוך „ווײי און גלויבן", דערשינען אין יאָר 1959, זאָגט עדות,

אַז נישט לײַכט איז שאַרגעלן אָנגעקומען צו געפינען דאָס „גרויסע וואָרט“ וואָס ער האָט געזוכט. שאַרגעל זאָגט:

מײַן האַרץ — נאָך נישט באַפרײַט איז פון קלעמען,
דאָס גרויסע וואָרט וואָס איך האָב נאָך נישט געפונען.
כאָטש דאָס ליכט רינט אַריבער אַלע ברעמען,
כאָטש דער טאָג קומט אין טויזנט זונען.

אָבער נישט דער לשון־הרבימדיקער „אַלע ברעמען“ און נישט די פּילצאָליקע „טויזנט זונען“ — נישט זיי האָבן דעם דיכטער געגעבן דעם שווונגפונק צום „גרויסן וואָרט“. ס׳האָט געוואָרט ווו אַנדערש, אינו ניראה ביי זיך אַליין, אין קול דממה דקה (אין אָט דעם שפּענדעלע וואָס אויף דעם צעבלאָזט מען פײַער...), ווו „דער סוד פאַרשליסט אַלע רייד“ און ווו נישט „טויזנט זונען“ נאָר איין שטראַל אַנטפּלעקט דעם סוד פון טאָג:

אַ שטראַל ציט אַרויף אויפן מאַסט
אַ גרוס דעם באַגין.

אַזוי הייבט אָן שאַרגעל זײַן בוך „זוניקע שוועלן“. דאָס מיינט קאָסמיש געשען אין מיניאַטורישע ראַמען, אין בזעיר אנפּין. דער איינציקער שטראַל וואָס שיידט אָפּ טאָג פון נאַכט — און מיט דער געבורט פון טאָג ווערט אויך געבוירן דאָס ליד אין דיכטערס האַרץ; אַ געוועב פון ליכט און געזאַנג:

אַ שטראַל ציט אַרויף אויפן מאַסט
אַ גרוס דעם באַגין.
און אַ זיסקייט, איר לאַסט —
טראָגט די ניגונדיקע בין.

די ניגונדיקע בין איז נאָר אַ פּאָעטישע פאַרשלייערונג פאַר דעם דיכטער אַליין, וואָס שענקט דער וועלט זײַן זיסע, ניגונדיקע לאַסט. און דאָס איז די ריכטיקע דעפיניציע וואָס אַ דיכטער איז חייב אין זײַן אחריות צו מענטש און וועלט; איר שענקען מיט אַ ברייטער האַנט חן און שיינקייט, אַז קיין טראָפּן זאָל נישט גיין פאַרלוירן, ווײַל דאָס איז דער תוך און ראָל פון פּאָעטישן שאַפן... ווי זאָגט שאַרגעל? —

לערן בײַ די לידער
װאָס עס זינגט דער באַשאָף.

און אַז מען דערפֿילט אין זיך דאָס גרױסע װאָרט, װאָס אָטעמט מיט באַשאָף, הײבט מען אָן צו זען װאָס

קײן פּשוט אױג זעט אים נישט,
קײן פּשוט אױער הערט אים נישט

װי שאַרגעל זאָגט עס אין זײַנע שורות און װי ער באַצײכנט עס אין בוך „טױערן אין די בערג”:

חלום־רײד אין מיטן העלן טאָג

אָדער װי ער זאָגט עס אין זײַן ליד „און איך האָב דיך געבעטן”, אין בוך „האַרבסטיקע טרױבן”:

װײַז מיר דעם װעג װאָס װײַטער איז פֿון װעג,
דאָס אָרט, װאָס װײַטער איז פֿון אָרט,

און פֿאַר דעם, אױף אַ זײטל פֿריִער, אין בוך „האַרבסטיקע טרױבן” גראַמט שױן דער דיכטער רמז מיט אמת:

נאָר אַז עס װעט נישט פֿאַרזױמען דער מינדסטער שטערן
צו שיקן צו דיר זײַן רמז,

איז —
װוּאַהין דו װעסט זיך װענדן און קערן
װעט גרײכן דיך תמיד דער אמת.

אַזױ זע איך שאַרגעלס גאַנג פֿון דרױסנדיקן אמת צום אינערלעכן, צו דער אמתער פֿאַרב פֿון זײַן אינערלעכער ליכטיקײט; צום עיקר חוב און צו דער עיקר־אחריות פֿון דיכטערישן שאַפֿן.

*

אַ ייִד אַ שמידער האָט אַמאָל געלערנט זײַן געזעלן װי מען האַלט אַ האַמער, װי מען בײגט דאָס אײַזן, נאָר ער האָט אים פֿאַרגעסן צו לערנען די עיקר תורה: װי אַזױ מען צינדט אָן מיט אַ פֿונק די קױלן,

כדי צו צעבלאָזן אַ פײַער און כדי צו קאָנען שמידן אײַזן... און אין פּאָעזיע איז דאָך דער פּונק דער עיקר... די אַלע סאָצ.־רעאַליסטישע תורות; אויך די ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישע בײַ אונדז אין ישראל מימים ההם, האָט נאָר געלערנט וועגן האַמער און אײַזן, און פאַרגעסן אין פּונק... און דעם סוד פון פּונק האָט שאַרגעל געפונען אין גערעאַנגל מיט זיך פאַרן „גרויסן וואָרט". ווײַל אין קינסטלערישער יצירה קומט תמיד דער נצחון נאָר נאָכן פאַרמעסט מיט זיך אַליין, מיטן דערגרונטעווען זיך צו זיך אַליין, צו דעם ירושהדיקן געזן אין זיך און צו אַלע וועלט־און צײַט־פּאַסירונגען, ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דײַן בלוט, אין דײַן האַרץ.

און אַז מען פירט אַזאַ גערעאַנגל מיט זיך פילט מען אויך דעם שכר, און אַט:

מײַן צעשטורעמט האַרץ, אין פרײַע טענער שטילע
זינגט אַ לויב צו אַלץ וואָס איז פאַראַנען

אָדער:

טויען פון עלנטע טערעבינטן
טריפן אַרײַן אין דײַן שווײַגן.

„שווײַגשאַפט" רופט שאַרגעל אָן זײַנס אַ גאַנצן פּרק לידער אין בוך „טויערן אין די בערג". שווײַגשאַפט — ווײַל שווײַגן שאַפט טאַקע, און אין „האַרבסטיקע טרויבן" ווערט פאַרבונדן די סתירה פון וואָר און חלום:

איך לען זיך אָן אין דיר, וואָרט פון וואָר און חלום

דאָס זענען די סך־הכלס נאָך אַלע גערעאַנגלען צווישן חלום און וואָר. די בענקשאַפטן און די נסיונות פון יאָרן לעבן — זיי וועבן איצט פּעדעם צו פאַרבינדן חלום און וואָר, דאָס פאַרשווונדענע און דאָס וואָס איז נאָך נישט פאַראַנען, מיט אַ רמזדיקער שפּראַך און מיט קדושה־געפילן צום סאַמע טאָג־טעגלעכן, צו יענע סודות וואָס שלומערן אין יעדן בעל חי און אין יעדן דומם, און וואָס ווערן אויסגעלייזט פון זייער שווײַגן, ווי נאָר אַ דיכטער רירט זיך צו צו זיי מיט זײַן שווײַגשאַפט, מיטן באַהאַלטענעם ליכט פון זײַן געפיל און מחשבה.

גרויסקייט אין לידער הייבט מען אָן צו פילן ווען דער דיכטער ווייסט גובר צו זײַן די טרוקענע רעאַליע־שטאַנצן פון פאָרמעלער פּרעציזקייט,

י. צ. שאַרגעל, ש. וואָרזאַגער, א. שמרי, מ. חלמיש, ארן־ערנקראַנץ,
יעקב גלאַטשטיין, פעני גלאַטשטיין, אברהם שלונסקי.

די פאַקטן וואָס זענען דאָך אַ ליגן, און ווען מיר זעען קאָנטראַסטן פון ליכט און שאָטן, אין פולן קעגנזאַץ צו דער זשורנאַליסטישער פשטות, וואָס אירע מילבן פרעסן תמיד אויף דעם כל הגוטס וואָס איז נאָך פאַראַן אין פאָעזיע.

גוט ווען מען קאָן זען מער אין אַ זאַך, ווי געוויינלעך. גוט ווען מען קאָן זאָגן צו אַ מילגרוים־פרוכט: „תרי״ג טיילן טראָגסטו אין זיך״. זעט, ווי פשוט די ייִדישע תרי״ג מצוות זענען אַרייַן היסטאָריש אַסאָציאַטיוו אין אַ מילגרוימס זאַפטיקע ערדישע יאָדערן! און גוט ווען מען קאָן נאָכן גאַנג פון לאַנגע יאָרן זוכן די פאַרבינדונג צווישן וואָר און חלום, אויסרופן צו עפּעס אַ קוסטל:

כ׳בין דאָ, מײַן אָרעם־בוים, כ׳בין דאָ,
אין אַ שעה אַ ליאַדע

אַזוי דערגייט מען ווען מען דערקענט דעם סאַמע אמת פון פּאָעטישער יצירה, אַז:

דאָס בילד ליגט טיפער פונעם טײַך
און קוקט פון דאָרט אַרויף צו דעם ממש

די דערקענונג פון טיפערן בילד איז דער שליסל צום טיפערן וואָרט. און אַז מען דערגייט צו דעם — קאָן מען אויך צוזאָגן נײַע פּירות מיט „תרי״ג טיילן. און מיט נײַער עשירות פון רײַפער פּאָעטישער יצירה, וואָס קומט און וועט קומען, ווי אַ שכר פאַרן געראַנגל מיט זיך אַליין, אויף די אייגענע שוועלן, און צווישן „טויערן אין די בערג״, פאַר דעם עיקר, פאַר דעם פונק אין פּאָעטישן שאַפן.

דאָס מיינט: אחריות און חן!

י. צ. שאַרגעל, מאיר נחושתן, ברוך אורן, אריה שמרי

ג



א. סוצקעווער, אריה שמרי, מרים שמרי און סוצקעווערס טעכטערל מירעלע

מײַנע טײַערע קאַלושינער

(אויף אַ יזכור־אָוונט נאָך די קדושים)

...ווי אַ גרויסע משפּחה פון אבלים, קומען מיר הײַנט דערמאָנען דאָס וואָס איז געווען אַמאָל: אַ שטאָט אין פּוילן, מיט אַן עדה ייִדן, מיט אַ ייִדיש לעבן מדורי דורות — און דאָס אַלץ איז נישטאָ; אַוועק און פאַרשוווּנדן אין עולם התוהו, ווי עס וואָלט קיין מאָל נישט געווען. נישט געבליבן קיין איין ייִד אין אונדזער ייִדישער שטאָט. קיין איין ייִד אויף די וועגן אַרום דער שטאָט; און אַזוי אין די אַלע שטעטלעך אַרום. און די פּוילישע בירגער פון אַלע שאַטירונגען, רעכטע און לינקע, בתוכם אינטע־לעקטואַלן און גײַסטלעכע, לעבן נאָרמאַל, שלאָפן רויִק — און קיינעם שטערט נישט, און קיינעם פײַניקט נישט דאָס שולדגעפיל, וואָס ייִדן זענען מער נישט פאַראַן אויף דער פּוילישער ערד, ווי זיי זענען געווען, מיט תורה און מיט סחורה, מיט אמונה, מיט ענערגיע און אידעאַלן. אפשר געפינען זיך יחידים, וואָס עס גיט זיי דאָך אַ ברי אין הארץ. אָבער דער רוב רובו פון פּוילישן פאָלק — אים אַרט נישט, ער שלאָפט רויִק, בעת אונטער זײַנע פיס זידט נאָך דאָס בלוט און עס גליט נאָך דאָס אַש פון אוישוויץ, מײַדאַנעק און טרעבלינקע...

קאָן מען נישט אַנדערש ווי פרעגן:

איז דאָס דער פּרצוף פון מענטש? איז דאָס די מדרגה פון מענטש? אָט־אָ־דאָס רופט מען „קולטור"?

און עס פרעגט זיך:

וואָס איז מער אין אונדז: קולטור צי דזשונגל; צי זענען מיר טאַקע די קרוין פון דער בריאה, ווי מיר רעדן זיך אײַן, אָדער גאָר נאָך אַלץ אַ חיה אויף צוויי פיס, באַרבאַרן מיט אַ מאַסקע פון קולטור, ציוויליזאַציע און כלומרשטער העפלעכקייט.

אָט די ליכט וואָס ברענען דאָ אָנגעצונדענע פאַר די נשמות פון 6 מיליאָן ייִדן, דערמאָנען דאָך אויך אין שבתים און אין ימים־טובים, אין די טרערן פון מאַמעס בײַם בענטשן איבער זיי, איבער אָט די ליכט. סאַראָ וואַרעמע טרערן! מיט וויפל ליבשאַפט און צער האָבן אונדזערע מאַמעס געצונדן די דאָזיקע ליכט?

אָט די ליכט דערמאָנען אין שימחות, אין חופות. אויך דאָרט זענען געראונען טרערן, טרערן פון ליבשאַפט, מיט האָפענונג אויף מזל, אויף געבוירן ווערן פון קינדער און קינדס־קינדער, צו גוטן מזל פון ייִדישע משפחות; און אין יעדן מזל־טוב איז אויך געווען אַרײַנגעפלאָכטן די האָפענונג פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט בשעתו באַקומען אַ צוזאָג פון גאָט, אַז... „ער וועט זיך מערן ווי זאַמד און ווי שטערן".

אָט די ליכט דערמאָנען אין די געסלעך און גאַסן פון אונדזער שטאָט, אין די פענצטער פון ייִדישע שטיבער, פרײַטיק־צונאַכטס, מיט אָרעמקייט און מיט שלווה, מיט דלות און מיט זמירות.

אָט די ליכט דערמאָנען אין בתי־מדרשים, אין חסידישע שטיבלעך און אין שילן, ווו ייִדן זענען בציבור זיך מתייחד מיטן בורא־עולם, אין פײַן און אין האָפענונג.

אָט די ליכט דערמאָנען אויך אין אבלות, אין יאָרצײַטן, אָבער אין אַזאַ טויט, וואָס איז דער דרך כל האדם, פון אויסגעלעבטע יאָרן, ווען אַ מענטש ווערט געבערענגט צו קבורה דורך זײַנע נאָענטע, מיט זייערע טרערן און מיט זייער קדיש, כדרך העולם... ווײַל דער גורל האדם איז: יסודו מעפר וסופו לעפר.

איצט און דאָ דערמאָנען אָט די ליכט אין 6 מיליאָן, אין קרעמאַטאָריעס און אין רציחה־גריבער פאַר טויזנטער! אין בלוט און אין אַש; אין מיתות־משונות און אין יסורים לעבעדיקערהייט, אויסגעטראַכטע נישט פון שטן, נאָר פון מענטש פאַר מענטש, כדי מחלל צו זײַן דעם נאָמען מענטש, און כדי אָפּצומעקן דעם פאַרגייער פון מענטשלעכן מין, דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס האָט אויפגעשריבן פאַר אַלע פעלקער: לא תרצח...

אָט די ליכט קומען דערמאָנען די גרויסע פינצטערניש, וואָס איז אַראָפּ אויף דער ערד אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון וויסנשאַפט און קולטור, ווען מענטש האָט זיך געפּרוווט פאַרמעסטן, אין טעכנישן אויפשטייג, מיט די הימלען; אַרויפפליִען מיט עראָפּלאַנען

און ראַקעטן — אויב נישט נאָך העכער — און אין דעם פּלי און אין דעם אויפשטייג האָט זיך דער מין מענטש גאָר באַוויזן אין זײַן סאַמע טיפסטער ירידה: צוריק חיה, קין, קאַלטער רוצח פון מיליאָנען.

ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אָט דער גיהנום? מיר זענען נאָך אַלץ מחויב צו לערנען און פאָרשן און צו האַלטן חשבון, כדי אויסצומײַדן אַזעלכע נסיונות און קאַטאַסטראָפעס אין דער צוקונפט.

אויב מיר זאָלן פרעגן אויפן סאַמע אָנהייב פון דער שׂינאה צו ייִדן — דאַרפן מיר זיך ווענדן צו יאָרטויזנטער צוריק, ווען דאָס ייִדישע פאָלק האָט איין־אַליין געחתמעט, אַז גאָט מיינט אחד. פעלקער האָבן זיך געשפּילט מיט גאָלדענע געצקעס. די רוימישע אימפעריע האָט געזען איר גרויסקייט אין כוח, געוואַלט און אין זנות; אין דעראָבערן לענדער, אין מענטשלעכער קנעכטשאַפט, אין צירק־שפּילן, ווו לייבן שלינגען אײַן די קנעכט, און אין אָרגיעס פון די דינסטינס און באַדינערינס בײַ די מלכות און מלכים; אין גריכנלאַנד האָט, צוזאַמען מיט דער חכמה פון פילאָסאָפן און די קונסט פון סקולפּטאָרן, נאָך רעגירט דאָס גײַסטיקע מלכות פון געטער און געטינס, פון צעוס און ווענוס און אַנדערע צענדליקער געטער און געטינס, וואָס האָבן אין זיך פאַרקערפּערט די מענטשלעכע לײַדנשאַפטן פון ליבע, פון קינאה און פון יצר צו מלחמה. אויף יעדן בערגל און באַרג פון אַטען האָט געוווינט אַ גאָט. און אין די לענדער פון מיטעלן מזרח האָט מען נאָך געקניט צו בעל און עשתורת, צו וועלכע מען האָט אויך מקריב געווען מענטשן־קרבנות... און דאָ באַווײַזט זיך אַ קליין פאָלק, מיט גאָט — אחד, מיט נביאים וואָס טײַטלען אויף זינד, זאָגן אָן שטראָף פאַר זינד, קעמפן פאַר גערעכטיקייט און ווײַזן אָן מיט אַ פינגער פון האָפענונג אויף אחרית הימים, אויף גוטס און אויף שלום — גאָר נישט לויטן שטייגער און לויטן גוסט פון אַנדערע פעלקער — איז דאָרטן און דעמאָלט געפאַלן דער ערשטער קערן פון שׂינאה צו אָט דעם משונהדיקן פאָלק, וואָס זײַן נאָמען איז ייִד...

און אַז צוויי בתי־מקדשים זענען חרוב געוואָרן, און מלכות יהודה איז צעשטערט געוואָרן, און ירושלים איז געוואָרן אַ חורבה און מיר זענען אָוועק צעשלאָגענע און צעשפּרייטע אין די גלותן, האָבן זיך אַלץ מער בײַ אונדזערע פיס געוויקלט די שלאַנגען פון שׂינאה אין אַלע לענדער

ווי נאָר מיר זענען געקומען מיטן וואַנדערשטאָק אין האַנט, מיט גאָט אין האַרץ און מיט דער האָפענונג אויף משיח.

ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ פּרשה פון קידוש השם: דערציילט יוסף פלאַוויוס וועגן מצדה, ווי אלעזר, האָט באַפוילן די קעמפנדיקע ייִדן איבער־צולאָזן דאָס עסן פאַר די רוימער, כדי זיי זאָלן זען, אַז נישט צוליב הונגער זענען מיר געשטאָרבן, נאָר צוליב אונדזער ווילן, כדי זיי זאָלן אונדז נישט באַזיגן.

ווייסן מיר וועגן די עשרה הרוגי מלכות און וועגן חנהן מיט די זיבן זין, די גאַנצע פּרשה פון קידוש השם, וואָס פון דעם איז אויפגעקומען דער אויסרוף־פּסוק „שמע ישראל״, ווי אַ לייטמאָטיוו פאַר די וואָס זענען גרייט צו קידוש השם. אין דעם איז געווען סיי געשריי און סיי אמונה אין אחרית הימים, אין משיח.

און דערנאָך זענען געקומען די פּורעניותן אין אַלע גלותן, אין שפּאַניע, אין דײַטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין אונגאַרן; און ימי־כמעלניצקי, און ווו נישט, און ווען נישט? און ייִדישע שוואַכקייט און ייִדישע איידל־קייט, אָן געווער און אָן מאַכט, האָט נאָר אַרויסגעוויזן כוח און גבורה דורך קידוש השם.

וואָס עס מיינט ייִדישע איידלקייט קעגן געוואַלט, דערציילט י. ל. פּרץ אין זײַנע „דריי מתנות״, ווי מען בינדט צו דעם רבס שיינע טאָכטער מיט אירע שוואַרצע צעפּ צום ווידל פון אַ פערד, און אין דעם, ווי מען שלעפּט זי איבער גאַסן פון דער שטאָט, איז איר לעצטע בקשה: עטלעכע שפּילקעס, כדי צוצושפּיליען דעם זוים פון איר קלייד צו די פיס, עס זאָל זיך נישט אַנטפּלעקן איר נאַקעט לײַב, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפּן אויף די גאַסן. מיט די שפּילקעס פאַרשטעכט זי איר קלייד טיף אין איר לײַב...

אַזוי איז אויך געשען מיט אַ יונגער ייִדישער פרוי אין מײַדאַנעק, וואָס האָט נישט מסכים געווען אויסצוטאָן אירע קליידער, לויטן דײַטשס באַפעל, און געגאַנגען מיט אירע קליידער גלײַך אין אויוון אַרײַן.

און בײַ לייוויקן איז דאָ אַ שאלה וואָס עס פרעגט אַ ייִד, שמשון בר׳ צדוק, אין דער עגזיסהײסער תּפיסה, אין דײַטשלאַנד, אין 13 יאָרהונ־דערט, בײַ זײַן רבין, מהר״ם מראָטענבורג:

און איצט, רבי לעבן, אַ שאלה, וואָס קומט פון אַלע קהילות דאַרצנו,

אַ שאלה גאָר אַ שווערע, גאָר אַ האַרבע: אַ ייִד וואָס גייט אויף קידוש השם — וואָס דאַרף ער און וואָס מעג ער טאָן אַז טויט־יסורים זאָלן אים נישט ווי טאָן?

אָבער באַלד פרעגט דער ייִד אַ שאלה אין דער שאלה:

אַז אפשר טאָר ער גאָר אַזוינס נישט וועלן, — — ווײַל אויב ער זאָל, חלילה, גאָר נישט לײַדן, צי ווערט, חלילה, גאָר די גאַנצע מיצווה נישט בטל ומבוטל?...

אויף דעם ענטפערט דער מהר״ם מראָטענבורג: „ייִדן, ווײַל זיי פרעגן אַזאַ שאלה, פאַרדינען שוין מיט דעם אַליין אַ ברכה״.

און דער מהר״ם פון ראָטענבורג גיט צו: אַז ווען אַ ייִד ווערט אַרומגעכאַפּט מיט פלאַם, זאָל ער זײַן ערשטן ווײ־געשריי מבטל זיין און גלײַך אַריבער יעדן ווייטיק, דער עיקר איז, מכוון זײַן דורך שמע (ישראל) און דורך אחד מיט אַלע רמח אברים״...

אַזוי האָט געשריבן אַ גרויסער ייִדישער דיכטער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און אין אַ פאָלקסליד פון יאָר 1648 געפינען מיר וועגן די קאָזאַקן־שחיטות פון די הײַדאַמאַקן:

אונדזער אמונה שײַנט ווי די זון,
ס'וועט דיר, רשע, גאָר נישט געראָטן.
— — —
מעגסטו אונדז האַקן, ברענען און בראָטן.

און אַז מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער צײַט — צו דער שואה, און מיר פרעגן: ווי האָט זיך עס אָנגעהויבן? — הייבן מיר אָן פון יאָר 1933, דאָס יאָר ווען עס איז אָנשטאַנען אין דײַטשלאַנד די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דײַטשישע אַרבעטער־פּאַרטיי״, אין איר בקיצורדיקן נאָמען: נאַצים.

דאָס קערנדל פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ גאָר אומשולדיקן נאָמען: „דײַטשישע אַרבעטער־פּאַרטיי״, וואָס איז אַנט־שטאַנען אין באַוואַריע. אָבער אונטער דעם אומשולדיקן נאָמען האָט שוין געראָיעט די גיפטיקע שלאַנגען־נעסט. דאָס איז געווען אַ גרופּע געוועזענע אָפיצירן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער אַריסטאָקראַטישן מעמד און זייער געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר, מיטן

אויסטאָן דעם שינעל נאָך דער מלחמה און מיטן פאַרשפּילן די רולעטקע פון רום און פאַרמעגן. זיי האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן ווער־סײַלער אָפּמאַך וואָס האָט אײַנגעבויגן די דײַטשישע קרוין, און אַזוי אָ, מיטן געפיל פון באַליידיקטע, האָבן זיי אָנגעהויבן האָדעווען שינאה און קינאה צו דער גרויסער וועלט.

אָט די פאַרגייער פון שפּעטערדיקן נאַציזם האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן גלײַך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען האָט זיך די דאָזיקע הידרע ווען צו איר איז צוגעשטאַנען אַדאָלף היטלער, דער וואָס איז פול געווען מיט קינאה און שינאה פון זײַן קינדהייט אָן. אפילו קיין מיטלשול האָט נישט באַוויזן דער קליינער אַדאָלף צו פאַרענדיקן. ער, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צו מאָלערײַ, האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט אַרײַנגיין לערנען אין אַ קונסט־אַקאַדעמיע און נישט מצליח געווען. אין זײַן יוגנט האָט ער באַקומען זײַן חיונה נישט פון אַרבעט, נאָר פון צדקה־הײַזער; און אַזוי איז ער אויפגעוואַקסן פול מיט שינאה. פון דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען ווי אַ פּשוטער זעלנער, נישט מער ווי איין בענדל אויפן אַקסל, פאַרווונדעט פונעם פראָנט און אין גאַנצן צעטרייסלט פון דײַטשלאַנדס מפּלה. און אָט דער בן־אדם האָט מיט אַ פײַער פון שינאה צונויפגעשמאָלצן זײַנע אַנטוישונגען און זײַנע דורכפאַלן מיט די אַנטוישונגען און דורכפאַלן פון דײַטשלאַנד. און היטלער האָט צונויפגענומען אַרום זיך זײַנע גלײַכע, אַדורכגעפאַלענע מענטשן, נאַציאָנאַליסטן, שאָוויניסטן, אַוואַנטורניקעס, מענטשן מיט אומנאָרמאַלע סעקסועלע שוואַכקייטן, אַלץ אַזעלכע יוצא־דופנס. — ווען מיר וואָלטן זיך געמעגט דערלויבן צו רעדן וויציק, וואָלטן מיר געזאָגט: שקר מיט שלימזל, דער ענין איז אָבער, לײדער, בלוטיק ערנסט!...

שוין אין יאָר 1923 האָט די דאָזיקע כנופיא געפּרוווט מאַכן דעם ערשטן פּוטש זייערן. זיי זענען דורכגעפאַלן און היטלער, ווי אַן אַרעסטאַנט, האָט אין טורמע, אין זײַן תפיסה־קאַמער, אָנגעהויבן שרײַבן זײַן בוך „מײַן קאַמף", די תורה־שבכתב פון דער נאַציסשער באַוועגונג.

פון איטאַליענישן פאַשיזם, פון מוסאָליניִן, האָט היטלער גענומען די תורה פון „פירער". אים האָט די השגחה באַשערט דאָס אויפעפענען די אויגן פון דײַטשישן באַליידיקטן פאָלק. דער באַגריף מענטשהייט איז

אַ ליגן. אמת איז נאָר די ראַסן־טעאָריע, און וויכטיק זענען נאָר די ראַסן וואָס געהערן צום אויבן־אָן פון דער מענטשהייט, די בלאָנדע ראַסע. די דײַטשישע ראַסע איז דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל פון דער גאַנצער מענטשהייט, די איבעריקע טיילן אירע זענען נאָר שטויב בײַ די דײַטשישע פיס, און די סאַמע נידעריקסטע פון דער מענטשהייט זענען די ייִדן. זיי, די ייִדן, זיי דרינגען דאָס אַרײַן אין דײַטשישן דערהויבענעם שטאַם, כדי אים צו צעשטערן. זיי, די ייִדן, זענען עס די בורזשואַזיע פון דער וועלט און די באָלשעוויקעס פון דער וועלט, וואָס גראָבן אונטער דעם יסוד פון אויסדערוויילטן דײַטשישן פאָלק...

מיט דער אָ „תורה" האָט היטלער אָנגעהויבן פאַרסמען גײַסטיק זײַן פאָלק. צו דער־אָ אתה־בחרתנו־תורה האָט שוין די נאַצישע פאַרטיי צו־געטשעפּעט גאַנץ ממשותדיקע פּלענער פון לעבנס־רוים, אַז די דײַטשן האָבן רעכט זיך אויסצושפּרייטן, פאַרנעמען נײַע לענדער, וואָס וועלן ברענגען נוצן דעם דײַטשישן שטאַאַט.

שוין אין די יאָרן 1925—1929 האָט די נאַצישע פאַרטיי אָרגאַניזירט מיליטערישע שטורם־גרופּן, יוגנט־און פרויען־אָרגאַניזאַציעס, כדי אָנצו־וואַרפן טעראָר אויף די דעמאָקראַטישע כוחות אין דײַטשלאַנד.

אין 1929 האָבן מיר שוין דעם דעמאַגאָגישן העצער יוזעף געבעלס, אויפן פאַן פון אַלוועלטלעכן קריזיס. ער רעדט קעגן קאָמוניסטן, סאָציאַ־ליסטן און ייִדן, און זאָגט צו אַלדאָס גוטס.

אין סוף 1928, ערב דעם עקאָנאָמישן קריזיס, באַקומען די נאַציס אין די וואַלן צום רײַכסטאָג אַכט הונדערט טויזנט שטימען און סעפּטעמ־בער 1930 — 6 און אַ האַלבן מיליאָן שטימען. די איינציקע סיבה איז נישט אין עקאָנאָמישן קריזיס. (פאַר וואָס איז עס נישט געשען אין אַנדערע לענדער נאָר אין דײַטשלאַנד?). די סיבה איז אין דער צעברעקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — קאָמוניסטן האָבן געזען אין דער סאָצ. דעמ. דעם עיקרדיקן שונא, און הינדענבורג, פון די מלוכישע קרײַזן, האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין אַוואַנטוריסטישע הענט.

אין יאַנואַר 1933, ווען דער עקאָנאָמישער וועלטקריזיס האָט שוין אָנגעהויבן זיך אָפּצושוואַכן — דווקא דעמאָלט איז היטלער געקומען צו דער מאַכט.

און עס הייבט זיך אָן:

מיטן פאַרטיליקן די אַרבעטער־באַוועגונג הייבט זיך אָן די קאַמפּאַניע קעגן ייִדן. האַקנקרייץ־פּאַראַדן, כדי צו מאָביליזירן און העצן די מאַסן קעגן אַלץ און אַלעם. זייערע זיגן אין דער אויסערן־פּאָליטיק מאַכן אַלץ גרעסער די חשיבות פון היטלערן, ביז דער באַליידיקטער, מינדערווער־טיקער דײַטש הייבט זיך אָן צו זען ווי ניטשעס איבערמענטש, איבער אַלע פעלקער און מענטשן.

דאַרפן מיר דאָ דערציילן דעם פאַרלויף פונעם חורבן? דאַרפן מיר איצט פאַר זיך אַליין איבערחזרן, וואָס איז געווען קאַלושין? קאָן זײַן אַז יאָ. וואָרעם אָט פּרוּווט מען שוין הײַנט פאַרלייקענען דעם פאַרלענד פון די 6 מיליאָן וואָס היטלער מיט זײַנע מיטהעלפער האָבן פאַרלענדט. מען פּרוּווט שוין אפילו היטלערן רעהאַביליטירן. אָבער פאַר אונדז, און צווישן זיך, ווייסט דאָך יעדער איינער וואָס עס איז געשען מיט זײַנע נאָענטע, מיט זײַן משפּחה, מיט זײַנע פרײַנד, מיט זײַן שטאָט. און דאָס דערציילן אָט די ליכט, וואָס ברענען דאָ לזכר פון אונדזערע קאַלושינער קדושים אינעם אַלגעמיינעם זעקסמיליאָניקן חשבון און אינעם באַזונדערן. נאָר וואָס עס פרעגט זיך איצט איז —

וואָס קאָנען מיר לערנען פון אָט דער פּרשה?

מיר, די קאַלושנער, זענען טאַקע אין דעם פאַל נישט אַנדערש ווי די ייִדן פון די אַנדערע חרוב־געוואָרענע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, אָבער ווי געבליבענע האַלאָוועשקעס זעען מיר און מיר דאַרפן זען ווי דין איז דאָס הײַטל קולטור אויף דער נשמה פון מענטש; ווי אַזוי אַ באַנדע משוגענע לאַ יוצלחס קאָן פאַרפירן אַ גאַנץ פאָלק און איינשפּאַנען פּאָליטיקער און גײַסטלעכע, פּראָפעסאָרן און אינזשיניערן, קינ־סטלער, מוזיקער און דיכטערס אין דער פינצטערער עבודה פון מענטשן־פאַרניכטונג. ווי געפערלעך עס איז ווען אַ פאָלק לײַדט און דער באָדן ווערט צוגעגרייט, אַז פאַרברעכערישע דעמאַגאָגן זאָלן קאָנען אויסניצן זײַן לאַגע, כדי צו מאַכן פון אַ קולטורעל פאָלק באַנדיטן, סאַדיסטן, הייצערס פון קרעמאַטאָריעס, פאַרגיפטיקער און בלוטזויגער. ווי נישט גוט עס איז צו זײַן אַ שוואַך פאָלק, וואָס מוז אויסשטעלן אויף רחמים און הילף בעת אַ צרה פון אַ צווייט פאָלק.

מיר ווייסן ווי די וועלט האָט געשוויגן ווען עס האָבן געראַכערט די קרעמאַטאָריעס, בעת די באַנען האָבן געפירט די קאַנדידאַטן צום

פאַרברענען דורך אַלע גרענעצן... מען האָט, הייסט עס, נישט געזען, נישט געהערט... אָבער, מיר דאַרפן אויך זוכן אונדזערע אייגענע שוואַכקייטן: אין וועלכע אילוזיעס האָבן מיר געדרעמלט צווישן 1929 און 1933?

די גלײַכגילטיקייט און איגנאָראַנץ צו ארץ־ישראל.

דער גלויבן אין דער וועלט־גאולה, וואָס וועט ממילא זײַן אונדזער ישועה.

נאָר ווייניקע האָבן געטראַכט וועגן דעם שלאַנגענגיפט פון דער נאַצישער תורה.

אָט געפינען מיר ווי קינדער האָבן וויינענדיק געזונגען אין די טויטנלאַגערן אַזעלכע „געזאַנגען״:

אוי, אוי, אוי, — ווי אַזוי?
פאַר וואָס שווײַגסטו, גאָטעניו, דעם גוי?
ווו איז, גאָטעניו, דײַן רחמנות —
ראה אדוני...

און אין אַ צווייט „ליד״ הערן מיר:

איינס, צוויי, דרײַ.
זע, טאָג וויל ניט פאַרבײַ.
שלעפּן ציגל, ברעטער, שטיינער
און פון טויטע מענטשן ביינער, —
גאָט, ווי טוט דאָס וויי...

זענען דאָך דאָס ווערטער פון די וואָס זענען געשטאַנען בײַם תהום און זיי פרעגן דעם ייִדישן גאָט: ווו איז זײַן רחמנות?...

פרעגן מיר דאָס צוזאַמען מיט זיי.

*

די ליכט פון זכרון ציגדן מיר אָן, כדי צו דערמאָנען סײַ דאָס גוטס און סײַ דאָס שלעכטס פון אונדז און פון דער וועלט. אָבער נישט נאָר פאַר דער פאַרגאַנגענהייט טוען מיר עס, נאָר פאַר דער צוקונפט, פאַר אונדזערע קינדער, וואָס זענען דאָ נישט מיט אונדז.

מיר זאָגן צו זיי: היט אײַער פאָלק, נאָר היט זיך אויך פאַר דער

שׂינאה פון אַנדערע פעלקער. חלילה, צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַזאַ שׂינאה. ווו דערינער דאָרט האָדעווען זיך שלאַנגען.

און וויסן דאַרפן מיר, אַז ווו נאָר שלעכטס, דאָרט שאַרפט מען שוין שׂינאה קעגן ייִדן. לאָמיר, ווי ייִדן, האָבן דעם כוח צו אויסחלומען און אויסבויען דעם שלום צו די דרייסיק יאָר פון דער ייִדישער מדינה, נאָענט צו 40 יאָר פון דער שואה.

זאָלן די ליכט דערמאָנען די פּײַן, און אויך אונדזער גבורה, אונדזער איבערלעבן די גרויל־יאָרן און ווי גרויס איז אונדזער פאָלק, אויב מיר האָבן נאָך באַוויזן, נאָך דער הריגה פון שיִער אַ האַלב פאָלק, אויפצושטעלן מדינת ישׂראל.

אין בלוט איז געבוירן געוואָרן אונדזער מדינה. טאָ לאָמיר, געבויגענע אין טרויער, בלײַבן שטאָלץ מיט אונדזער פאָלק און מיט אונדזער לאַנד. און זאָלן ברענען די ליכט אויך פאַר אונדזער האָפענונג פאַר דעם מאָרגנ־דיקן טאָג, פאַר שלום.

י. צ. שאַרגעל, א. סוצקעווער, דב סדן, י. איסערלים, רבקה באַסמאַן ביים צוטיילן א. סוצקעווערן דעם פּרייז אויף שמרים נאָמען.

אריה און איך

...ביים סוף פונעם בוך קומען אריין ביאָ־ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען וועגן מחבר פון די דאָזיקע עסייען. ס׳איז אַנגענומען אַזוי און ס׳איז נייטיק. איך געפין אָבער פאַר נייטיק און וויכטיק צו פאַרצייכענען דאָ לזכרו, עפעס־וואָס כאָטש, פון אַ העכער 50 יאָריקן צוזאַמענגאַנג.

איך, אריה שמריס פרוי, בין געבוירן געוואָרן אין פלוינסק ביי דער פאַמיליע חלף. מיין טאַטע ר׳ יהושע ז״ל איז געווען אַ פלוינסקער און דאָרט געלעבט. מיין טאַטע האָט געהערט צו דער קבוצה „עזרא״ צו וועלכער ס׳האָבן אויך געהערט דוד בן־גוריון, דעמלט: גרין, שלמה צמח און שלמה לביא. די דאָזיקע קבוצה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ פיר מנינים בחורים פונעם נייעם בית־מדרש, האָבן זיך אונטערגענומען — לויט זייער דעוויז: „צו בלייבן אין פאָלק און טאָן פאַרן פאָלק״, און זיך געשטעלט פאַרן הויפּטציל צו צואייגענען דאָס העברעיִשע לשון און עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

מיין פאָטער האָט געהאַט אַ בית־ספר וווּ מ׳האָט געלערנט עברית, תנ״ך און אויך אַלגעמיינע לימודים. די מערסטע טייל קינדער פון פלוינסק האָבן גע־לערנט אין מיין טאַטנס שולע. אויך איך האָב דאָרט געלערנט. חוץ דעם איז אונדזער שטוב בכלל געווען אַ בית וועד פאַר פלוינסקער יונגוואַרג, אַ שטוב וווּ מ׳האָט גערעדט עברית אפילו די בני־בית צווישן זיך.

אַז מיינע עלטערן זענען עולה געווען אין לאַנד אַריין (1934) האָט ד. בן־גוריון געשיקט צו מיין טאַטן אַ בריוו (אין עברית, פאַרשטייט זיך) אין וועלכן עס שטייט געשריבן:

„לידידי היקר יהושע חלף.

ס׳איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע שמחה צו זען דיך סוף־כל־סוף אין לאַנד. דו ביסט געווען פון די ראשונים וואָס האָבן פאַרשפּרייט די תורה פון אונדזער באַוועגונג, צוזאַמען מיטן העברעיִשן לשון במשך אַ 30 יאָר אין אונדזער שטעטל, און דו האָסט זוכה געווען צו זען ווי צענדליקער און הונדערטער פון דיינע תלמידים זענען עולה אין לאַנד אַריין צו באַאַרבעטן עס און צו היטן...״

צוזאַמען מיט מיינע עלטערן איז אויך עולה געווען מיין יינגערער ברודער משה. ער האָט זיך מאָביליזירט אין דער „בריגאַדע״, געדינט אין דער אינפאַנ־טעריע, איז אין ליבישן מידבר אַרויף אויף אַ מינע און שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. ר׳האָט געבעטן מ׳זאָל אים אַריבערפירן קיין ירושלים און איז דאָרט אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל „ביקור חולים״ (1940). נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה, אַז די צווייטע טייל ירושלים איז באַפרייט געוואָרן, האָב איך זיך גע־לאָזט באַזוכן זיין קבר אויפן הר הזיתים און, צו מיין גרויסן ווייטיק, געפונען אַז אויף זיין קבר האָבן די ירדנער געפּלאַסטערט אַ שאָסיי.

נאָכן פאַרענדיקן די שולע אין פלוינסק, בין איך אַוועק קיין וואַרשע און גע־לערנט 2 יאָר אין סעמינאַר פאַר קינדער־גערטנערינס. נאָכן פאַרענדיקן דעם סעמי־נאַר בין איך געשיקט געוואָרן אַרבעטן ווי אַ גננת (פרעבליסטין) קיין קאַלושין.

קאַלושין, די נישט־גרויסע שטאָט, האָט פאַרמאָגט אַ סך בעלי־מלאכהס: שניידערס, שוסטערס, טליתים־וועבערס א. אַנד. אויך אַ סך פּאַרטייען האָט קאַלושין פאַרמאָגט: החלוץ הצעיר וואָס האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט מיטן השומר הצעיר; בונדיסטן, קאָמוניסטן, פּועלי־ציון און אַנדערע. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אריה'ן וואָס האָט זיך שוין דעמלט אויסגעצייכנט מיט זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיקייטן און מיט רעדן פאַר אַן עולם. ער איז געווען אַרומ־געריגגלט מיט פריינט און חברים אויך פּאַרטייאישע קעגנערס. זיין היים איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע, אָבער זיין פאָטער האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט זיין פירונג, די וועלטלעכע.

אריה האָט יונגערהייט געלערנט תורה ביי זיין אַלטן זיידן, וואָס האָט געוווינט אין זעלבן הויז. אַז זיין זיידע איז שוין געלעגן אַ שוואַכער אין בעט, פלעג אריה זיצן אויף אַ בענקעלע לעבן זיידנס בעט און פון אים געלערנט תורה און מעשים טובים.

אַז מיר זענען געוואָרן נאָענט פלעגן מיר צוזאַמען פאָרן אויף צוזאַמענטרע־פונגען קיין שעדליץ.

איך האָב דעמלט געהאַט גרויס הנאה פון מיין אַרבעט מיט די קינדערלעך אינעם קינדער־גאָרטן, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורכן דאָרטיקן שטאָט־ראָט, אַ דאַנק דעם איבערגעגעבענעם ציוניסט, דער ציין־דאָקטער גמזו.

בעת מיין וויילן אין קאַלושין, איז גראָד געווען אַן איבעררייס אין דער עליה, און אריה, וואָס האָט לאַנג געוואָרט, האָט ערשט אין יאָר 1929 זוכה געווען עולה צו זיין. אַז כ'פלעג אין די שבתים קומען צו זיינע עלטערן, בעת דער שבתדיקער סעודה, פלעג אריהס טאַטע אַרויפשטעלן אויפן טיש אריהס בילד און אויסרופן צום בילד: „לחיים, לחיים אריה!"

אין אַ 8 חדשים אַרום האָב אויך איך באַקומען אַ סערטיפיקאַט, וואָס איז אַגב געווען דעמלט אַ זעלטנקייט. דאָס רוב מיידלעך פלעגן פאָרן קיין ארץ־ישראל ווי צוגעטיילטע צו די סערטיפיקאַטן פון די בחורים.

אונדזער קיבוץ האָט זיך קאָנצענטרירט אין בנימינה. די אַרבעטלאָזיקייט און די מאַלאַריע האָט זיך אויף אונדז גוט־גוט אַנגעזעצט. מיר האָבן דעמלט געלעבט אין געצעלטן, און צו זיי האָבן מיר געהאַט איין באַראַק פאַר קראַנקע און איי־נעם — פאַר אַן עס־צימער. אין אָט דעם „עס־צימער" פלעג אין אָוונטן זיצן ביי אַ נאַפט־לעמפל דער אַרבעט־פאַרטיילער און איינאָרדענען די חברים צו פאַרשיידענע אַרבעטן. דעם ערשטן אַרבעט־טאָג געדענק איך גוט. מיר זענען געגאַנגען אַ שעה צייט צו פוס. מ'האָט דעמלט געפלאַנצט פרדסים צווישן פרדס־חנה און קיסריה, און די וואַנדערנדיקע זאַמדן האָבן פאַרשיט די יונגע פלאַנצן, האָט מען געבראַנגט אויף די האַרבן פון קעמלען טרוקענע ריטלעך אַריינצו־שטעקן זיי אין זאַמדיקן באָדן כדי די צאַרטע פלאַנצונגען פאַרהיטן פונעם אָניאָגנדיקן זאַמד. ס'איז געווען אַ וווּנדערלעך בילד. אויפן האָריזאָנט האָט מען געזען ווי די קעמלען־קאַראַוואַנען באַוועגן זיך; די לופט איז לויטער; הונדער־טער אַרבעטער פון דער סביבה פאָרן זיך דערביי, — האָט דער תנ"ך, וואָס

כ'האָב אַמאָל געלערנט, צוזאַמען מיט מיין ליבע צום לאַנד, מיר געהאָלפן זיך מתגבר צו זיין איבער דער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט. אין אַ צייט אַרום זענען מיר געגאַנגען אַרבעטן ביים טריקענען די זומפּן פון דער כּברה־געגנט, וווּ ס'האָבן זיך געפּלאָדיעט מאַלאַריע־פליגעלער, ווילדע קי (דזשאַמוסן) און אַנדערע צרות. אריה האָט געאַרבעט ביים טריקענען די זומפּן און עס פאַראייביקט אין אַ פּאָעמע (זע: „אויף גרינעם פאַרמעט", זייט 109), און איך — ביים פלעגן בלומען און אַראָפּנעמען יאַסמין־בלימעלעך, פאַרטאָג, כל זמן דער טוי ליגט נאָך אויף זיי. פאַר אַ קילאָ יאַסמין־בלימלעך האָבן מיר באַקומען... 2 פּיאַסטער. מיר האָבן נישט־קשהדיק צוגעהונגערט און אויך וואַסער איז אונדז קאַרג צוגעטיילט געוואָרן.

אין יאָר 1930 האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיטן קיבוץ פון כרכור און זיך אַ נאָמען געגעבן ע י ן ש מ ר. אַזוי ווי קיין קינדער אין גאָרטן־עלטער זענען דעמלט נאָך נישט געווען אין קיבוץ, האָב איך געאַרבעט ביי די נייַ־געבוירענע, און אריה איז אַוועק אַרבעטן אין נהריים, דאָרט וווּ ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן רוטנבערגס עלעקטרישע סטאַציע.

אין יאָר 1932 בין איך געשיקט געוואָרן צו דער ארלוזורוב־משפּחה אין ירושלים צו באַשעפטיקן זיך מיט זייערע קינדערלעך. אַז כ'בין נאָך חדשים אַרבעטן דאָרט אַהיים געקומען, האָבן מיר שוין געוווינט אין באַראַק „המנורה" — אַ באַראַק וואָס האָט פאַרמאָגט זעקס צימערלעך און געהאַט אויף זיך אַ בלעכענעם דאַך. ביים שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל האָט אריה אָנגעהויבן שרייבן זיינע לידער, בעת די טראָפּנס רעגן וואָס האָבן געקלאַפּט אינעם בלעכענעם דאַך האָבן אים סימפאָניש צוגעשפּילט...

שרייבט ער אין זיין ביאָגראַפיע:

„דאָ, צווישן די פּרדסים און פעלדער פון עין־שמר, האָב איך נאָך אַכט יאָר זיין אין לאַנד, 1937, אָנגעהויבן שרייבן לידער און פּאָעמעס אין ייִדיש און העברעיִש. פאַרעפנטלעכט איניקע לידער אין „דבר", „גזית", „טורים", ביז ייִדיש האָט באַקומען אין מיר זכות הבכורה."

אריה דערציילט ווי ר'האָט אַמאָל אין תל־אביב זיך באַגעגנט מיט ח. נ. ביאַליק, און אַז אריה האָט אים געזאָגט אַז ער שטאַמט פון קאַלושין, האָט אים ביאַליק דערציילט, אַז אין די מאָרזער וועלדער לעבן קאַלושין, האָט ער געשריבן זיין באַרימטע פּאָעמע „הבריכה".

אין תל־אביב פלעגט זיך אריה טרעפן מיט די העברעיִשע דיכטער אַלטערמאַן און שלאָנסקי, און באַזונדערס מיטן באָהעם, דעם מאָלער און ייִדיש־דיכטער יעקב שטאָל (שמחה אייזן), וואָס איז געוואָרן זיין ידיד נפש.

אריה האָט זיך ביי זיין אַרבעטן אין די פּרדסים אַרויפגעאַרבעט צו מומחה־שאַפט און אַלע האָבן אים געוואָלט האָבן פאַר אַ מומחה אין זייערע פּרדסים. דער עיקר וועגן באַוואַסערונג. ווי דער שטייגער איז געווען, האָט מען נאָך דער אַרבעט געדאַרפט אַרויסגיין אויף שמירה. איז אין איינער אַזאַ שמירה־נאַכט, בעת צוויי שומרים זענען געשטאַנען לעבן פענצטער פונעם עס־צימער, האָבן אַראַבער געוואָרפן אַ באָמבע און שיסנדיק דערהרגעט צוויי חברים: דב און דוד,

וואָס מיט געצײלטע מינוטן צוריק איז אריה געשטאַנען און געשמועסט מיט זיי. ער איז געלאָפן אַהיים אויסגראָבן דאָס געווער וואָס איז געווען פאַרשטעקט אונטער דער פּאָדלאָגע, און דאָס האָט אים געראַטעוועט. אַ צווייט מאָל איז ער בנס געבליבן לעבן, בעת אַן אַראַבער האָט אַריינגעשאָסן אין זיין ליכטיקן צימער, בעת ר׳איז געזעסן און געשריבן און די קויל איז געפאַלן עטלעכע סענטימעטער העכער פונעם פענצטער...

דאָס שווערע לעבן, די אַרבעט און די שמירה, האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן פון צו שאַפן און שאַפן.

אין 1962 איז אריה אַרויסגעפאָרן אין שליחות פון דער „סוכנות" קיין אַרגענטינע. האָט ער באַזוכט און אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן, אַמאָל — 3 מאָל אין אַן אָוונט, אין אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוויי, טשילע און אין אַנדערע לענדער דאָרט. זיינע רעדעס האָבן שטאַרק אויסגענומען און אים געמאַכט באַ־ליבט און פּאָפּולער.

אין יאָר 1965 האָט די פּאַרטיי מפּ"ם אויף דער איניציאַטיוו פון ח׳ ניומה אייזנצווייג ז"ל, יעקב בעקער, יצחק שושני יבל"א א. א. באַשלאָסן צו גרינדן אַ ביכער־פאַרלאַג, אים אַ נאָמען געגעבן „ישראל־בוך" און באַשטימט אַריהן פאַרן רעדאַקטאָר. דורך דער הייסער איבערגעגעבנקייט פון ח׳ מיכאל לוי, דער פליסיקער אַדמיניסטראַטאָר, און זייער חבֿרישע נאָענטקייט האָט דער פאַרלאַג זיך פאַרצווייגט, געקראָגן אַ פּרעסטיזשפולן נאָמען אין דער יידישער וועלט און אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער פון די בעסטע יידישע שרייבער. מיט אריהס אַוועקגיין פון דער וועלט, איז אויף זיין אָרט אַריינגעקומען ווי אַ פרייוויליקער רעדאַקטאָר און ליטעראַרישער יועץ פונעם פאַרלאַג — דער דיכטער און עסיי־איסט, רעדאַקטאָר פון די ליטעראַרישע זייטן אין דער „ישראל־שטימע", די צוויי־וואָכנשריפט פון מפּ"ם — יעקב צבי שאַרגעל.

אריה האָט געאַרבעט אין קיבוץ און געאַרבעט אין פאַרלאַג, און מיט דעם האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס שעפערישקייט אין זיין הויכשטייענדיקער שירה און אין עסייאיסטיק, ווי עס זאָגט עדות דאָס דאָזיקע בוך און זיין ביאָ־ביבליאָגראַפיע.

נאָך אריהס פּטירה האָט דער פאַרלאַג־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון די חברים (לויטן א"ב) ישראל איסערלעס, מיכאל לוי, נפתלי פעדער, יעקב צבי שאַרגעל און יצחק שושני באַשלאָסן צו עטאַבלירן אַ ליטעראַטור־פּרייז אויף אריהס נאָמען, וועלכער איז שוין דריי מאָל אויסגעטיילט געוואָרן.

איז דאָ דאָס אָרט צו דאַנקען די אויבנאויסגערעכנטע חברים פאַרן טייער האַלטן אריהס נאָמען און פאַרן אַנגיין מיט דער אומגעווײנלעך וויכטיקער אַרבעט: דער פאַרלאַג „ישראל־בוך".

לאָמיר אויך דאַנקען דעם דיכטער און פריינד אברהם סוצקעווער פאַרן צולייגן אַ האַנט צום אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, דעם דיכטער י. צ. שאַרגעל פאַרן ברענגען דאָס בוך צום דרוק, מיכאל לוי — פאַר זיין איבערגעגעבענער חבֿרישער מי דאָס בוך זאָל דערשיינען — און דעם ח׳ יצחק שושני.

מרים שמרי

ביאָ־ביבליאָגראַפישע שטריכן

* געבוירן, 22טן אַפּריל 1907, אין קאַלושין, פּוילן.
* זון פון חנוך־העניך ריבאַ.
* נאָך די ישיבה־לימודים ממשיך געווען לימודי־תורה און איינגעזאַפּט תורה און חסידות פון טאַטן און זיידן. גלייכצייטיק עוסק געווען אין זעלבסט־בילדונג, מיט אַ שטאַרקן אינטערעס צו פילאָסאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און ליטעראַטור. שוין יונגערהייט נאָכגעפאָלגט די מאָדערנע אַנטוויקלונגס־שריט אין דער ייִדישער פּאָעזיע אין פּוילן, אַמעריקע און רוסלאַנד.
דורכגענומען מיט חסידיש־קבלהשע תיקון־באַגערן און מיט סאָציאַלע אידעאַלן, געפונען זײַן וועג צו דער חלוציש־שומרישער באַוועגונג, צום רעיון פון ארץ־ישראל און קיבוץ.
* אין יאַנואַר 1929 אַוועק פון פּוילן, מיט די ערשטע עולים פון דער פינפטער עליה. אָנגעהויבן זײַן וועג אין ארץ־ישראל אין חדרה, אין קיבוץ השומר־הצעיר; דערנאָך מיטן זעלבן קיבוץ אין בנימינה, און פון 1930 ביז זײַן לעצטן טאָג — אַ חבר פון קיבוץ עין־שמר, איינער פון די ערשטע פיר קיבוצים פון קיבוץ הארצי „השומר הצעיר".
* אָנגעהויבן שרײַבן אין 1936, סײַ אין ייִדיש, סײַ אין עברית. פּאַרעפנטלעכט אין דער העברעיִשער פּרעסע און אין העברעיִשע זשורנאַלן זײַנע ערשטע לידער, נאָר געטריי צו זײַן אינערלעכן באַרוף — פאַרבליבן בײַ ייִדיש. צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1936, געדרוקט זײַנס אַ פראַגמענט פון דער פּאָעמע „לייזער ציפּרעס", א. נ. „טעג" אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער". נאָך דעם געדרוקט אין „צוקונפט", אין לייוויק־אָפּאַטאָשוס „זאַמלביכער", אין „ייִדישע קולטור", אין „שטאַמען", אין די אַלמאַנאַכן פון ייִדיש־שרײַבערס אין ישראל, אין „די גאָלדענע קייט", אין דער ייִדישער פּרעסע אין ישראל און אין אַנדערע לענדער.
* אַרויסגעגעבן: **„ל״ו שירים על לייזר ציפּרס"**, פּאָעמע, איבערגעזעצט פון ייִדיש — אברהם שלאָנסקי, 84 ז״ז, פאַרלאַג „ספרית פועלים", 1939; **„אין טויער פון טעג"**, לידער, 167 ז״ז, פאַרלאַג „ספרית פועלים", 1947; **„אין וואָכיקן ליכט"**, לידער און פּאָעמעס, 125 ז״ז, פאַרלאַג „ספרית פועלים", 1953; **„אַ שטערן אין פעלד"**, לידער און פּאָעמעס, 156 ז״ז, פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", 1957; **„די פונקען פון תיקון"**, פּאָעמע, 173 ז״ז, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960; **„טריט אין גן־עדן"**, לידער און פּאָעמע, 155 ז״ז, פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1968; **„געזאַנגען אין שײַער"**, צונויפגעזאַמלטע לידער און פּאָעמעס, 693 ז״ז, פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1970; **„רינגען אין שטאַם"**, לידער און פּאָעמעס, 233 ז״ז, פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1975; **„אויף גרינעם פאַרמעט"**, לידער און פּאָעמעס, 172 ז״ז, פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1977.

* פרעמירט געוואָרן פון: אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק — אין 1957, אין 1960 און אין 1977 (אַטראַן־פּרעמיע); פון אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, שמואל ניגער־פאָנד, בוענאָס־איירעס — 1970; פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1962; פון געניאַ לעווי־גאָרפינקל פאָנד, תל־אביב — 1965; פון ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין ישראל — 1973; פרס יעקב פיכמאַן, תל־אביב, 1974; פרס א. נ. פון קדושי לובלין — 1974; איציק מאַנגער־פרײַז אין 1976.
* רעדאַקטירט צוויי אַנטאָלאָגיעס: א) „לא אמות כי אחיה", דערציילונגען פון דער ייִדיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור, 370 ז"ז (רעדאַקטירט צוזאַמען מיט ד. כנעני, דערשינען בײַם פאַרלאַג „ספרית פועלים, 1957); ב) „וואָרצלען", אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישראל, פּאָעזיע און פּראָזע, 402 ז"ז, פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1966.
* אַרײַנגענומען זײַנע לידער אין די אַנטאָלאָגיעס פון ייִדישער פּאָעזיע אין: אַמעריקע — רעד. אירווינג האַו און אליעזר גרינבערג, ז"ז 360 — 363; ענגלאַנד — רעד. און איבערזעצער יוסף לעפטוויטש, ז"ז 610 — 613; פראַנקרייך — רעד. און איבערזעצער שאַרל דאָבזשינסקי, ז"ז 390 — 393; רוסישע אַנטאָלאָגיע פון ישראל־פּאָעטן, ז' 94, א. בראַצקי; אין ישראל — עברית — „מבחר שירת יידיש", רעד. און איבערזעצער משה באַסאָק, ז"ז 319 — 324; אין בוך איבערזעצונגען פון אברהם שלאָנסקי, ז"ז 16 — 21 און 50 — 56.
* פאַרעפנטלעכט עסייען וועגן ייִדישע פּאָעטן אין „די גאָלדענע קייט" און אין „ישראל־שטימע".
* אין 1962 באַזוכט די ייִדישע קהילות אין דרום־אַמעריקע, אין אַ קולטור־שליחות פון דער ייִדישער אַגענץ; אין 1959, 1962, 1969 באַזוכט און אויפֿגעטראָטן אין ייִדישע קולטור־סביבהס אין אייראָפּע.

אָפּהאַנדלונגען וועגן אריה שמרי אין ליטעראַרישע זשורנאַלן און אין דער פּרעסע

1940 רבקה גורפיין / חברי כותבים, דבר הפועלות, ת"א.

1948 י. י. סיגאַל / אריה שמרי (וועגן זײַן בוך „אין טויער פון טעג"), קענעדער אָדלער.

" שלום שטערן / פון אַן אייגענער וועלט.

" יעקב צבי שאַרגעל / פאַרן טויער פון טעג, נײַוועלט, ת"א.

" נחמן מײַזיל / אריה שמרי דער דיכטער פון אַ קיבוץ אין א"י, פאָלקס־זשורנאַל.

" נחמן מײַזיל / אריה שמרי — דער טיף ייִדישער דיכטער אין א"י, וואָכנבלאַט.

1948 שאול מאַלץ / דאָס ייִדישע ליד פון א״י, פרײַע אַרב. שטימע, ניו־יאָרק (4 יוני).
״ אברהם לעוו / אין טויער פון טעג, דער שפיגל, בוענאָס־איירעס (מערץ).
1949 אברהם ליס / אריה שמריס לידער, די גאָלדענע קייט נר׳ 1, ז״ז 158—160.
ב. גראַבאַרד / אריה שמרי, ליטעראַרישע זאַמלונגען, ז״ז 26—33, שיקאַגאָ.
1953 א. לעיעלעס / אריה שמרי, דער טאָג (8 מאַי).
״ א. מוקדוני / אריה שמריס לידער, צוקונפט (יולי־אויגוסט).
״ אברהם לעוו / וועגן אַ נײַ בוך, אַרבעטער וואָרט, פּאַריז (3 אַפּריל).
״ יעקב גלאַטשטיין / אריה שמריס לידער, אידישער קעמפער, נ״י (24 אַפּריל).
״ א. וואָלף־יאַסני / באור החולין, על המשמר, ת״א (19 יוני).
״ יצחק פּאַנער / דער פּיאָנער פון ארץ־ישראלדיקן קאָלעקטיוון דאָרף, די גאָלדענע קייט נר׳ 16, ז״ז 232—235.
״ רחל אויערבאַך / גאָלדענע זונען, נײַוועלט (15 מאַי).
״ רחל אויערבאַך / פּאָעטישער אָרגאַנזשן־ציכטלער, פאָלק און ציון, ירושלים.
1954 א. וואָלף־יאַסני / שקיעה און מאָרגן־שײַן אין געזאַנג פון ישראל־דיכטער אריה שמרי, דרום־אַפריקע (פעברואַר).
1957 א. סוצקעווער / אריה שמרי. די גאָלדענע קייט נ׳ 28, ז״ז 183—185.
״ מרדכי יפה / אַרצישראליות בשירת א. שמרי, על המשמר.
״ מ. דוסיאַטער / דער א״י־מאָטיוו ביי אריה שמרי, ישראל־שטימע (4 יוני).
״ א. ליס / אריה שמריס נײַע לידערזאַמלונג, לעצטע נײַעס (2 אויגוסט).
״ א. לעיעלעס / דער דיכטער אריה שמרי, דער טאָג, נ״י (3 אויגוסט).
״ אברהם לעוו / אַ נײַ בוך (אַ שטערן אין פעלד), ישראל שטימע (29 אויג׳).
״ א. מוקדוני / ייִדישע דיכטונג פון צוויי וועלט־עקן, צוקונפט, נ״י (אָקט׳).
״ שלמה ביקל / דער פּאָעט פון עין־שמר, מאָרגן־זשורנאַל, נ״י (27 אָקט׳).
״ ל. דאָמאַנקעוויטש / די פּאָעזיע פון אריה שמרי, אונדזער וואָרט, פּאַריז.
1958 מ. בעזאָוויק / אַ שטערן אין פעלד, אילוסט׳ ליט׳ בלעטער, בוענאָס־איירעס.
״ יעקב גלאַטשטיין / אריה שמריס נײַ בוך לידער, אידישער קעמפער, נ״י (24 יאַנואַר).
״ אברהם לעוו / אריה שמרי און זײַן לעצט בוך, לעבנס־פראַגן, ת״א (יאַנואַר).
״ שפרה ווערבער / דורך ווונד צו חלום, די גאָלדענע קייט, ת״א, נ׳ 31, ז״ז 216—219.
״ בער מאַרק / אַן אייגנאַרטיקער ייִדיש־דיכטער פון אַ קיבוץ, ייִדישע שריפטן, וואַרשע (מערץ).
״ מרדכי חלמיש / בין קונכיה שבים לכוכב בשדה, על המשמר, ת״א (23 מאַי).
1959 ל. דאָמאַנקעוויטש / אריה שמרי — פּאָעט חלוץ, אונדזער וואָרט, פּאַריז (15 מערץ).
״ א. וואָלף־יאַסני / דאָס געזאַנג פון אריה שמרי, לעצטע נײַעס, ת״א (21 אויגוסט).
״ אברהם שולמאַן / אריה שמרי, אונזער שטימע, פּאַריז (11 דעצ.).

1960 א. וואָלף־יאַסני / אריה שמריס פּאָעטישער תּיקון, לעצטע נײַעס, ת״א (29 יולי).

″ אברהם לעוו / די פונקען פון תיקון, לעבנס־פראַגן, ת״א.

″ שבתי אבל / פואימה חסידית של אריה שמרי, על המשמר, ת״א.

″ ד. בן־נחום / על „די פונקען פון תיקון״, השבוע, עתון הקיבוץ הארצי השומה״צ.

″ רבקה גורפיין / כנ״ל.

″ עזריאל אוכמני / כנ״ל.

″ מרדכי אמיתי / כנ״ל.

1960 על הכנוס של סופרי הקיבוץ הארצי — הדיון על הספר „די פונקען פון תיקון״ מאריה שמרי (דברי ד. בן־נחום, רבקה גורפיין, עזריאל אוכמני, מרדכי אמיתי. על המשמר, ת״א.

″ צבי אייזנמאַן / אריה שמריס צוריקקומען אין שטעטל, פאָלקסבלאַט, ת״א.

″ ל. דאָמאַנקעוויטש / די פונקען פון תיקון, אונזער וואָרט, פּאַריז (אָקט׳).

″ אפרים אויערבאַך / אַ חסידישע פּאָעמע פון אַ קיבוצניק, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל (23 אָקט׳).

″ יעקב גלאַטשטיין / די פונקען פון תיקון, אידישער קעמפער נ״י (25 אָקט׳).

1961 מלך ראַוויטש / די פונקען פון תיקון, די גאָלדענע קייט נר׳ 41, ז״ז 219—223.

″ רבקה גורפיין / יין עתיק — די פונקען פון תיקון, הדים, מס׳ 66, מרחביה.

″ שלמה ביקל / אריה שמריס יידישער ניגון, צוקונפט, נ״י (אַפּריל).

1962 א. וואַגלער / דער אורח אריה שמרי, אונזער וואָרט, פּאַריז (מערץ).

″ י. צ. שאַרגעל / אריה שמרי און זיינע לידער, ישראל שטימע, ת״א (8 מערץ).

″ מ. שענדעריי / אומענדלעכע צוגעבונדנקייט צום שורש, יידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס.

″ מ. שענדעריי / אין אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער קולט.־שליחות, יידישע צייטונג, ת״א (4 אַפּריל).

″ י. באַטשאַנסקי / דעם דיכטער אריה שמרי ברוך הבא. די פּרעסע, בוענאָס־איירעס (3 אַפּריל).

″ שמואל ראָזשאַנסקי / אריה שמרי, די אידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס (3 אַפּריל).

″ י. יאַנאַסאָוויטש / דער דיכטער וואָס ברענגט תּיקון, די פּרעסע, בוענאָס־איירעס (7 אַפּריל).

″ מרדכי חלמיש / אריה שמריס וועג אין דער יידישער דיכטונג, פּראָבלעמען, בוענאָס־איירעס.

″ הענריקאַ סווערדליק / אַ שמועס מיט אריה שמרי, נובי ציון, בוענאָס־איירעס (אַפּריל).

″ י. ווײַנשענקער / אריה שמרין שלום, פאָלקסבלאַט, מאָנטעווידעאָ, 21 אַפּר׳).

″ יואל גאַק / אריה שמרי און זיינע פונקען פון תיקון, פאָלקסבלאַט, מאָנטעווידעאָ.

1963 יעקב גלאַטשטיין / געזאַנגען אין שייַער (וועגן אַ ציקל לידער), אידישער קעמפּער (15 מערץ).
" יעקב גלאַטשטיין / שיבלים ושירים בגורן (על אסופת שירים של א. שמרי), על המשמר, ת"א.
" ב. צ. גאָלדבערג / די פונקען פון תיקון, טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ"י (7 יוני).
1965 א. וואָלף־יאַסני / דער דיכטער אין גן־אָדם, לעצטע נייעס, ת"א (22 יאַנ').
" יצחק טורקאָוו / אריה שמריס טריט אין דער יידישער פּאָעזיע, פאָלקס־בלאַט, ת"א.
" יוסף שטשאַווינסקי / „טריט אין גן־אָדם", יידישע צייטונג, תל־אביב.
" יעקב גלאַטשטיין / וועגן אריה שמריס פּאָעטישן אויפטו, אידישער קעמפּער, נ"י (10 סעפּט').
" שלמה ביקל / אריה שמרי אין „גן־אָדם", צוקונפט, נ"י (אָקטאָבער).
" ל. דאָמאַנקעוויטש / פון גן־עדן צום גן־אָדם, אונדזער וואָרט, פּאַריז (13 נאָוועמבער).
" י. ח. בילצקי / „טריט אין גן־אָדם" לא. שמרי, בשער, ת"א.
" רבקה גורפיין / עם פרס גניה לוי, דבר הפועלת.
" משה יונגמאַן / טריט אין גן־אָדם, די גאָלדענע קייט נר' 53, תל־אביב.
" אברהם סוצקעווער / אַ וואָרט וועגן אריה שמרי, ישראל שטימע, ת"א.
1966 נתן פּאַדעמבערג / אריה שמריס טריט אין גן־אָדם, ישראל שטימע, ת"א (14 דעצעמבער).
1968 ישראל עמיאָט / אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל „וואָרצלען", צוקונפט (אָקטאָבער).
" בן־ציון גאָלדבערג / דאָס יינגל פון דיזשאַן, טאָג־מאָרגן זשורנאַל, 1969.
" אברהם לעוו / דאָס יינגל פון דיזשאַן, לעבנס־פראַגן, ת"א (יאַנ'־פעברואַר).
" יעקב צבי שאַרגעל / מיט אַ שטאָפּל העכער, ישראל־שטימע, ת"א.
1969 מ. ליטווין / אַ דיכטער פון נישט לייכטערן וועג, פּאַריזער העפטן נר' 3.
" משה וואַלדמאַן / אריה שמרי דער זוכער פון תיקון, פּאַריזער העפטן נר' 3.
" ב. שלעווין / די ווייטזעער, פּאַריזער העפטן נר' 3.
" ל. דאָמאַנקעוויטש / דאָס יינגל פון דיזשאַן, אונזער וואָרט, פּאַריז.
" באַרווין פרענקעל / דאָס יינגל פון דיזשאַן, אונזער שטימע, פּאַריז.
1970 באַרווין פרענקעל / געזאַנגען אין שייַער, אונזער שטימע, פּאַריז (27 אָקט').
" מרדכי חלמיש / שירה במלוא בשילותה, על המשמר, ת"א (27 נאָוועמבער).
" ל. דאָמאַנקעוויטש / אריה שמריס געזאַנגען, אונזער וואָרט, פּאַריז (12 דעצעמבער).
" י. ח. בילצקי / על שירת אריה שמרי, דבר, ת"א.
1971 אבוש ווערבער / דער פּאָעט אריה שמרי, ישראל־שטימע, ת"א (6 יאַנואַר).
" דב סדן / געזאַנגען אין שייַער, טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ"י (14 פעברואַר).
1972 יצחק קאַהאַן / אריה שמריס געזאַנגען אין שייַער, צוקונפט, נ"י (מערץ).
" משה גראָס צימערמאַן / געזאַנגען אין שייַער, די גאָלדענע קייט נר' 73.

1973 יצחק קאַהאַן / געזאַנגען אין שײַער, ישראל־שטימע, ת״א.
״ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי / געזאַמלטע לידער פון אריה שמרי, סביבה, נ״י.
1975 ישעיהו שפּיגל / אידעע און חזיון אין די לידער פון אריה שמרי, די גאָל־דענע קייט נר׳ 88, ז״ז 98—108.
״ י. ח. בילצקי / אריה שמרי ושירתו, על המשמר, ת״א (8 אויגוסט).
1976 י. ח. בילצקי / על „רינגען אין שטאָם״, בשער.
״ י. צ. שאַרגעל / רינגען אין שטאָם, ישראל־שטימע, ת״א.
״ דב סדן / עם חלוקת פרס מנגר, ידיעות אחרונות, ת״א (יוני).

װעגן אריה שמרי — אָפּהאַנדלונגען אין ביכער

אויערבאַך אפרים, אויף דער װאַגשאָל, 1975, באַנד ו׳ „אריה שמרי״, ז״ז 312—317.
אויערבאַך רחל, אין לאַנד ישראל, 1964, „גאָלדענע זונען״, ז״ז 309—312.
אוכמני עזריאל, לעבר האדם, 1953, „ל״ו שירים על לייזר ציפרס״ לאריה שמרי, ז״ז 223—227.
בילצקי י. ח., מסות בשבילי ספרות יידיש, חלק ב׳, 1963, ז״ז 186—194.
ביקל שלמה, שרייבער פון מײַן דור, ב׳ 1, 1958 „אריה שמרי״, ז״ז 170—175.
ביקל שלמה, שרייבער פון מײַן דור, ב׳ 2, 1965, „אריה שמריס יידישער ניגון״, ז״ז 160—165.
ביקל שלמה, שרייבער פון מײַן דור, ב׳ 3, 1970, „אריה שמרי אין גן־אָדם״ ז״ז 54—59.
בראַנשטיין יחזקאל, אינאיינעם און באַזונדער, 1960 „מאַגיע פון געזאַנג״. 126—137.
גורפיין רבקה, מקרוב ומרחוק, 1964, „ניצוצות לתיקון״, ז״ז 77—83.
גלאַנץ לעיעלעס א., װעלט און װאָרט, 1958, „אריה שמרי״, ז״ז 297—300.
גראָס־צימערמאַן משה, אינטימער װידעראַנאַנד, 1964, „דעם מושלס נימשל״, ז״ז 274—280.
גראָס־צימערמאַן משה, דאָס װאָרט װאָס מיר שרײַבן, 1971, „געזאַנגען אין שײַער״.
גלאַטשטיין יעקב אין תוך גענומען, „אריה שמרי״, ז״ז 373—377.
גלאַטשטיין יעקב, אין תוך גענומען, „אריה שמריס נײַ בוך לידער״, ז״ז 297—301.
גלאַטשטיין יעקב, מיט מיינע פאַרטאָגביכער, 1963, „די פונקען פון תיקון״, 82—90.
גלאַטשטיין יעקב, אויף גרייטע טעמעס, 1967, „געזאַנגען אין שײַער״, 114—118.
יפה מרדכי, ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור, 1961 — הקדמה, ז׳ 19.
יאַנאַסאָװיטש י., פּנימער און נעמען, 1971, „אריה שמרי״, ז״ז 357—367.
ליס אברהם, היים און דויער, „אריה שמרי״, ז״ז 82—88.
ראַוויטש מלך, לעקסיקאָן, 1958, „אין טויער פון טעג״, ז״ז 431—432.
שאַרגעל י. צ., פון אַנהייב אָן, 1977, „אריה שמרי און זיינע לידער״, ז״ז 51—61.
שאַרגעל י. צ., קוואַלן אַרום געצעלט, 1981, „אריה שמרי״ (א. אין אַזאַ פאַרנאַכט וויל איך נישט שטאַרבן, ב. דער פרייז און זײַן נאָמען), ז״ז 246—256.

אין דער זאַמלונג:

י. צ. שאַרגעל — מיט דער אײַנזאַמלונג 7

א.

אין גערענק דיך, תש״ח 13
צווישן ייִדיש און ירושלים 30
איין גורל, איין חלום 38
מי און אויפטו פאַרן ייִדישן וואָרט 44
ירושה און נישט ריס 49

ב.

לייזער אייכנראַנדס „ממעמקים״־ליד 59
רבקה באַסמאַן און איר ליד 63
שלמה ביקל — ברוך הבא! 72
ניי־צייַטיקייט און אַלט־ייִדישע עסענצן (יעקב גלאַטשטיין) . . 75
אהרן גלאַנץ־לעיעלעס — אַנהייב און באַנייונג 88
דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן (משה גראָס־צימערמאַן) . . . 99
פון אַנטוישונג צו גלויבן (בינם העלער) 107
דער גורל פון אַ טרער (שפרה ווערבער) 115
מיט צייטגלי דורך ייִדישן געמיט (י. ל. טעלער) 118
משה יונגמאַן און זיינע „ווייסע טויערן״ 135
פון „לידער צום אייביקן״ ביזן ליד פון ווידוי (ה. לייוויק) . . 142
רפאל מאַהלער — היסטאָריקער און נאָוועליסט 152
וועגן מאַנגערס בלוי און שיינקייט ביי ייִדן 160
שמואל ניגער — אין דערמאָנונג 164
מיט סיבירער ווייַן (אברהם סוצקעווער) — א. ב. 168
ריקודה פאָטאַש, די זינגערין פון ירושלים — א. ב. 182
יעקב פיכמאַן און דער פרייַז אויף זייַן נאָמען 194
נאַטור און געשטאַלטיקייט בייַ רחל קאָרן 198
אין דראַנג צום גרויסן וואָרט (יעקב צבי שאַרגעל) — א. ב. . . 212

ג.

מייַנע טייַערע קאַלושינער 235
מרים שמרי — אריה און איך 245
ביאָ־ביבליאָגראַפישע שטריכן . . . . VI—I

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״

הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונגען

לעצטנס דערשינענע ביכער

אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
צייכענונגען: יאָני פיַין

הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס

חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן

דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן

דאָרע טייטלבוים / ביים טויער פון מעת־לעתן, לידער

דוד ספארד / שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער

ישראל אייזענבערג / פאַרוואָס גראָד איך?

מ. אָליצקי / לידער פון פריער און פון איצט

משה שטאַרקמאַן / געקליבענע שריפטן, בוך 2, צוזאַמענגעשטעלט: י. צ. שאַרגעל

שלמה שנהוד / לידער פון הייליקן עפּלפעלד. צייכענונגען: פּנחס שער

ישעיהו שפּיגל / געשטאַלטן און פּראָפילן — עסייען. באַנד צוויי

חנה שליט / אין שטענדיקן צאַפּל, לידער

מנוחה ראַם / שטיינער, ח״י דערציילונגען

שרה שבת / פון היים צו היים, לידער

יעקב צבי שאַרגעל / קוואַלן אַרום געצעלט — צווישן שרייבער און ווערק.
בוך צוויי.

יצחק יאַנאַסאָוויטש / אברהם סוצקעווער זיַין ליד און זיַין פּראָזע

יעקב י. מייטלים / פון וויַיטן אַמאָל ביזן היינט, פאָרשונגען און עסייען

הדסה רובין / אין צוגווינט, לידער.

הירש אָשעראָוויטש / ביים עץ הדעת, לידער.

עלי שעכטמאַן / ריינגען אויף דער נשמה — ערשטער און צווייטער בוך

חיים זעלצער / זינגן פון איין שיף — באַלאַדעס און באַלאַדיש

דב סדן / צווישן וויַיט און נאָענט — עסייען, שטודיעס, בריוו

משה יונגמאַן / מיין טאַטנס פּרנסות — ליד און באַלאַדע

אַסיאַ / ניט קיין אַלבאַטראָס — לידער

אברהם סוצקעווער / פון אַלטע און יונגע כתב־ידן.

רבקה באַסמאַן / צעשאָטענע קרעלן, לידער. הילע און פּאָרטרעט: מולאַ בן־חיים

לילי בערגער / נישט פאַרענדיקטע בלעטלעך, ראָמאַן

שלמה רויטמאַן / פאָלקסטימלעכע לידער.